STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03347

DI KLOUKMAKHER UN ZEYERE YUNYONS

Abraham Rosenberg

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די קלאוקמאַכער און זייערע יוניאָנס

ערּאינערונגען

פון

אברהם ראָזענבערג

ארויסגעגעבען פון דער
קלאוק אָפּערייטאָרס יוניאָן לאָקאַל 1
ניו יארק, 1920.

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 446

Pinski-Massel Press, Inc.
84 Bowery, New York.

אינהאַלט פאַרצייכנים:

אַן ערקלערונג פון מחבר.

אַ פאַרוואָרט פונ'ם עקזעקוטיוו באָארד.

קאַפּיטעל 1. די קלאָוקמאַכער און זייערע יוניאָנס.

דאָס געבורט פון דער ערשטער קלאָוקמאַכער יוניאָן אין ניו יאָרק. — די ערשטע קעמפּפע, זיעגע און נידערלאַגען — זייט 3

קאַפּיטעל 2. די „נייטס אָוו לייבאָר".

ווי זיי האָבען אָרגאַניזירט אַ קלאָוקמאַכער יוניאָן אַלס אַ „דיסטריקט" פון איהר אָרגאַניזאַציע און וואָס עס איז פון דעם געוואָרען — — — — — — — — — — — זייט 9

קאַפּיטעל 3. די ערשטע ווירקליכע יוניאָן אין קלאָוק טרייד.

ווי יאָזעף באַראָנדעס איז געוואָרען דער פיהרער פון דער יוניאָן. — די הילף וואָס די יוניאָן האָט באקומען פון די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. — דער גרויסער ערשטער מאַי פּאַראַד פון די קלאָוקמאַכער אין 1890 און די ווירקונג וואָס דאָס האָט געהאַט אויף דער יוניאָן — — זייט 15

קאַפּיטעל 4. דער לאָקאוט אין 1890.

דער שטרייט צווישען די אַנאַרכיסטען און סאָציאַל-דעמאָקראַטען פאַר'ן איינפלוס איבער דער יוניאָן. —ביידע פראַקציעס העלפען בויען די יוניאָן. — דער ערשטער פאַר־ביסענער סטרייק. — דער גרויסער ענטוזיאזם און זיעג — — — — — — — — — — — — — — זייט 19

קאַפּיטעל 5. נאָכ'ן גרויסען סטרייק.

די צרות, וואָס דער עקזעקוטיוו באָארד האָט געהאַט אויסצושטעהן. — דער שפּיאָן גאַרסייד. — די מחלוקות צווישען די מיטגלידער צוליעב די אַנאַרכיסטען און סאָציאַל־דעמאָקראַטען — — — — — — — — — — זייט 26

קאַפּיטעל 6. דער אָנפאַנג פון דער אָפּשאַפונג פון קאָנטראַקטינג סיסטעם.

דער לאָקאוט פון די אויטסייד אַרבייטער — — — — זייט 32

קאַפּיטעל 7. די סטרייקס ביי פּאַפּקין און מארקס און ביי פישעל בראָדערס.

איינצעלנע שאַפּ-סטרייקס, וואָס האָבען געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע — — — — — — — — — — — — — זייט 35

קאפיטעל 8. די בארימטע דזשעמייקא אפערע.

דער סטרייק ביי דער פירמע קאספארי. — די היסטארישע „קאמיטע נומער 1". — הינט אלס סטרייקברעכער. — דער ארעסט פון בארענדעס'ען. — די באוועגונג צו באפרייען ריינגאלד'ען — — — — — — — — — — — זייט 37

קאפיטעל 9. די אינערליכע טראבעלס און בארענדעס'עס רעזיגנאציאן.

ווי אזוי די ס. ל. פ. האט באקעמפט בארענדעס'ען. — זיין אנטלויפען נאך קענעדע. — ער קומט צוריק און מען זעצט איהם אריין אין פריזאן. — די באוועגונג פאר זיין באפרייאונג — — — — — — — — — — — — זייט 49

קאפיטעל 10. די ערשטע אפאזיציאנס-יוניאן אין קלאוק-טרייד.

ביזנא ווערט געבראכט אלס קאנדידאט געגען בארענדעס'ען. — דער קריזיס פון 1893 און זיין ווירקונג אויף דער יוניאן. — דער קאמף צווישען דער רעגעלער יוניאן און דער אפאזיציאנס-יוניאן. — דער סקעביזם לשום פרינציפ — — זייט 56

קאפיטעל 11. די ווידעראויפלעבונג פון דער יוניאן.

די שוועריגקייט מיט די קאטערס. — בארענדעס ווערט ווידער מענעדזשער פון דער יוניאן — — — — — — — זייט 65

קאפיטעל 12. דער דזשענעראל סטרייק פון 1894.

וואס עס האט געפיהרט צו דעם, אז דער סטרייק זאל גערופען ווערען. — ערב דעם סטרייק ווארפט מען ארויס די יוניאן פון אפיס און די ארגאניזאציאנס ארבייט ווערט געטאן אין גאס. — איבער 20 טויזענד קלאוקמאכער זיינען ארונטער גלייך דעם ערשטען טאג. — ווי אומגעלומפערט יענער סטרייק איז ארויסגערופען געווארען. — וואך-ארבייט ווערט די הויפט פאדערונג. — די מינימום סקיילס, וואס מען האט דאן פארלאנגט. — דער צוזאמענברוך פון יענעם סטרייק — זייט 69

קאפיטעל 13. נאכ'ן סטרייק.

די אויפלייזונג פון דער יוניאן. — „מארים קאהן'ס יוניאן". — ווי די איבערגעבענע יוניאן-לייט האבען יענער „סקעב-אינדזשענסי" געבראכען. — די ענדע פון בארענדעס'עס קאריערע אלס פיהרער פון דער קלאוקמאכער יוניאן. — די חובות, וואס זיינען דער יוניאן געבליבען — זייט 85

קאפיטעל 14. די ארגאניזירונג פון די „יונייטעד בראדערהוד אוו קלאוקמייקערס".

„די פראגרעסיוו קלאוקמייקערס יוניאן" פון די ס. ל. פיניקעס — — — — — — — — — — — — זייט 92

קאפיטעל 15. די אינערליכע צאנקערייען אין דער יוניאָן.
די יוניאָן ווערט ווידער שטאַרק. — די גרויסע גערעטעניש אויף „וואָקינג" דעלעגאַטען. — די דעמאָראַליזאַציע אין אָפיס פון דער יוניאָן — — — — — — — — — — — זייט 98

קאפיטעל 16. די „וועלוועט דעלעגאטען".
זיי קלאָגען דער יוניאָן פאַר „שאדען־ערזאַץ" און ווערען נאָכדעם סקעבס — — — — — — — — — — זייט 100

קאפיטעל 17. די ערשטע אינדזשאָנקשאָנס.
דער פינאַנץ סעקרעטער מיט אַ סייף אין הויז. — אַ טרעזשורער מיט אַ דעפיציט — — — — — — — — — — זייט 104

קאפיטעל 18. די אָרגאניזירונג פון דער אינטערנעשאָנאל לײדיס גארמענט וואָירקערס יוניאָן.
די ערשטע קאָנווענשאָן. — דאָס אָנשליסען זיך צו דער אַמעריקאן פעדערײשאָן אָוו לײבאָר. — די ערשטע אינטערנעשאָנאל באַאַמטע. — דער וואוקס פון דער אינטערנעשאָנאל ביז דער צווייטער קאָנוועשאָן. — די דריטע קאָנוועשאָן פון 1902. — די אַגיטאַציע פאַר אַ יוניאָן לײבעל. — די פאַנאַנדערטיילונג אין באַזונדערע פאַך־לאָקאלס — זייט 110

קאפיטעל 19. די אָפטיילונג פון דער אפערייטאָרס יוניאָן אלס אַ באזונדער לאָקאל.
שלעזינגער ווערט ערוועהלט צום ערשטען מאָל אַלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאל. — דער סכסוך צווישען די אַפערייטאָרס און שניידער — — — — — — — — — — זייט 117

קאפיטעל 20. די סטרייקס אין יאָהר 1905.
שלעזינגער ווערט דער מענעדזשער פון דער ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער יוניאָן. — די פראָפאַגאנדא פאַר דער יוניאָן דורך ליפלעטס — — — — — — — — — — זייט 124

קאפיטעל 21. טריקס ווי אָפצונארען די יוניאָן.
די פייק הענד־בילס. — די נקמה אָן דעם ערב־רב פון טרייד — — — — — — — — — — — — — — זייט 129

קאפיטעל 22. די אָרגאניזירונג פון דער ריפער מאַכער יוניאָן לאָקאל 17.
די ערשטע גרויסע מעמבער־מיטינגס — — — — זייט 132

קאפיטעל 23. דער סקוירט מאכער סטרייק ביי דזשאהן באנוויט.
ווי די אַרבייטער פון דער פירמע האָבען דער יוניאָן אַרײנגעפיהרט אין אַ בלאָטע — — — — — — — — — זייט 138

קאפיטעל 24. די אינדוסטריעלע באוועגונג צווישען די קלאָוקמאַכער.
דער שאדען וואָס דאָס האָט געבראכט דער יוניאָן. — דער

קאַמף אין דעם שניידער לאָקאַל. — די טרויעריגע לאַגע פון
די פּרעסער. — די „שנאַפּס־יוניאָן“ — — — זייט 142

קאַפּיטעל 25. די יוניאָן אין יאָהר 1907.

דער גענעראַל סטרייק פון די ריפער מאַכער. — דער דזשאָינט
באָארד קומט צו הילף. — אַ איד פון 70 יאָהר אַ מוסטער־
יוניאָן מאַן! — אַ פּאָר צרה'דיגע באַאמטע — — זייט 150

קאַפּיטעל 26. א פּאָר געסעטעלטע סטרייקס.

דער „נר תמיד“־שאַפּ. — אַ שוהל־איד וואָס דינגט שטאַרקע
צו שלאָגען סטרייקער. — דער סימפּאַטיע סטרייק. — אַן
„אַרביטרייישאָן באָארד“ פון אַ דזשאַדזש און צוויי
רבנים — — — — — — — — — — — — זייט 164

קאַפּיטעל 27.

דער קאַמף מיט דער קלאָוק קאַטערס יוניאָן לאָקאַל 10. —
אַ צווייטער לאָקאַל פון קאַטערס. — ווי עס איז דורכגעפיהרט
געוואָרען די נייע קאָנסטיטושאָן — — — — — — זייט 171

קאַפּיטעל 28. די אגיטאַציאָן און פּאָרבאַרייטונג פאַר'ן
דזשענעראַל סטרייקס פון יאָהר 1910.

די צרות אין די שעפּער אוידער דער סטרייק איז גערופען
געוואָרען. — דער באַראַטונגס־קאָנפערענץ אין 1908. — די
קלאָוק פינישערס יוניאָן לאָקאַל 9 קומט ווידער צום
לעבען — — — — — — — — — — — — זייט 178

קאַפּיטעל 29. ווייטערע פּאָרבאַרייטונגען צום
דזשענעראַל סטרייק.

די שאַפּ און בילדינג מיטינגען. — ווי די קלאָוקמאַכער זיי־
נען דעמאָלט אָרגאַניזירט געוואָרען. — דער געבורט פון
„די נייע פּאָסט“ — — — — — — — — — — זייט 185

קאַפּיטעל 30. די קאָנווענשאָן פון דער אינטערנעשאָנאַל
אין מאָנאט דזשון, 1910.

דער באַשלוס פון דזשענעראַל סטרייק. — די באַגייסטערונג
וואָס דאָס האָט אַרויסגערופען אויף דע' קאָנווענשאָן. — דער
היסטאָרישער מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען. זייט 192

קאַפּיטעל 31. די אָפּשטימונג און ארויסרופונג פון
דזשענעראַל סטרייק.

די וואַד־נאַכט פון דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע. —
די אָרדנונג און דיסציפּלין ביים אַרונטערגעהן אין
סטרייק — — — — — — — — — — — — זייט 200

קאַפּיטעל 32. דער דזשענעראַל סטרייק.

דער מענשען־שטראָם אין דעם קלאָוק דיסטריקט צו דער באַ־
שטימטער צייט. — די צרות פון די „יתומים“ — זייט 207

קאַפּיטעל 33. דער אָנפאַנג פון די סעטעלמענטס.
ווי די מאַנופעקטשורערס האָבען זיך פאַרהאַלטען אין אָנ־
פאַנג פון סטרייק. — לואיס ד. בראַנדעיס אַלס פאַר־
מיטלער. — — — — — — — — — — — — זייט 216

קאַפּיטעל 34. די ערשטע קאָנפערענץ מיט די מאַנופעקטשורער.
דער קאַמף צווישען די לאָיערס. — דאָס ענטשטעהן פונ׳ם
„פּרעפּערענשעל" יוניאָן שאַפּ. — דער ערשטער טומעל צווי־
שען די סטרייקער — — — — — — — — — זייט 224

קאַפּיטעל 35. נאָכ׳ן קאָנפערענץ און דער אינדזשאַנקשאָן.
די סעטעלמענטס מיט די „אינדעפּענדענט" מאַנופעקטשורער.
— דער אַרעסט פון 180 פּיקעטס מיט איין מאָל. — כלל
טוער מישען זיך אַריין צו סעטלען דעם סטרייק — זייט 232

קאַפּיטעל 36. דער לעצטער סעטעלמענט.
די ענטריסטונג געגען דעם פאָרגעשלאָגענעם אַגרימענט. —
די מורא עס זאָל צוריק ניט איינגעפיהרט ווערען דער
„אָפּען שאַפּ". — די סטרייקער ברעכען די פענסטער פון
דער „וואַרהייט"־רעדאַקציע. — דער מערקווירדיגער ניט
אָרגאַניזירטער פאַראַד. — דער שלום פון דעם היסטאָרישען
סטרייק — — — — — — — — — — — — זייט 239

אַן ערקלערונג פון מחבר

(אַנשטאָט אַ הקדמה.)

ווען איך וואָלט מיר פאָרגעשטעלט ווען איך האָב געשריבען אין דער „נייער פּאָסט"*) מיינע עראינערונגען פון די אמאָליגע קלאָוקמאַכער יוניאָנס און זייערע סטרייקס, אז דאָס וועט שפּעטער געדרוקט ווערען אין א בוך, און דאָס וועט פאראייביגט ווערען אלס א היסטאָרישער דאָקומענט, וואָלט איך געוויס פּינקטליכער געווען מיט די דאטומס פון די פּאסירונגען און מיט אלץ מיטאנאנדער.

איך וואָלט דאן די קאפּיטלען געשריבען נאָך א בעסערען סדר. וואָרים אזוי ווי עס איז אין דעם בוך קומט אמאָל אויס, אז מאנכעס וואָס האָט פּאסירט פריהער איז באשריבען שפּעטער און פארקערט, וואָס האָט פּאסירט שפּעטער איז באשריבען פריהער.

האָבענדיג עס געשריבען אלס צייטונגס־ארטיקלען און ניט פאר א בוך, האָב איך זיך אפשר צופיעל פארלאָזט אויף מיין זכרון... עס איז דעריבער גאנץ מעגליך, אז מאנכע גאנץ וויכטיגע פּאסירונגען זאָל איך אין גאנצען האָבען אויסגעלאָזען. איך האָב דאָך נאָך אלעם, ניט געהאט פאר זיך קיין מאטעריאַל מיט וואָס זיך צו באנוצען; איך האָב ניט געהאט אפילו קיין אייגענע פארצייכענטע נאָטיצען. אין יענער צייט, ווען איך האָב מיט די קלאָוקסמאכער יוניאָנס אליין דורכגעמאכט, וואָס

---

*) די ערשטע וועכענטליכע צייטונג, וואָס די קלאָוקמאַכער יוניאָן פון ניו יאָרק האָט אַנגעפאַנגען ארויסצוגעבען, גלייך נאָך דעם גענעראַל סטרייק פון יאָהר 1910.

II

איז אין דעם בוך באשריבען, איז מיר אפילו ניט איינגעפאלען, אז איך וועל מיך אמאל אוועקזעצען שרייבען א ג ע ש י כ ט ע פון דער ק ל אָ ו ק מ א כ ע ר י ו נ י אָ ן. דאָס איז ביי מיר שפּעטער געקומען ספּאָנטאַן, גאַנץ אומערוואַרטעט.

דער פּועל יוצא דערפון איז, אז דעם מאַטעריאַל פאַר די קאַפּיטלען, וואָס זיינען דאָ געדרוקט אין דעם בוך האָב איך פּשוט, ווי מען זאָגט, געטראָגען אין קאָפּ, און געשריבען לויט'ן זכרון, ניט נאָכזוכהענדיג אירגענד וועלכע קוועלען, ווי דאָס טוט געוועהנליך דער וואָס שרייבט א בוך. איך פאַרשטעה אליין זעהר גוט, אז ביי מיין בעסטען ווילען האָט דאָס ניט געקאָנט ארויסקומען, אונטער דיזע אומשטענדען, פּאָלקאָם.

אָבער איך מוז מיר דאָ אליין מאַכען א קאָמפּלימענט, אז נאָך אלעם איז די היסטאָריע פון דער קלאָוקמאַכער יוניאָן, ווי זי איז באשריבען אין דעם בוך, אין אלגעמיין א ג א נ ץ ד י כ ט י ג ע. דאָס קאָן אויך באשטעטיגט ווערען דורך דעם פאַקט, וואָס ווען די פאַראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט ארויסגעגעבען א בוך, „די געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא", האָט דער שרייבער פון יענעם בוך זיך באנוצט מיט'ן מאַטעריאַל פון מיינע צייטונגס־ארטיקלען, און אלעס וואָס ער האָט געשריבען וועגען דער קלאָוקמאַכער יוניאָן. שוין דאָס אליין וואָס איך האָב געשאַפען אזא רייכען מאַטעריאַל פאַר די צוקינפטיגע היסטאָריקער וואָס וועלען שרייבען די געשיכטע פון די אידישע יוניאָנס אין אמעריקא, איז דאָך אויך עפּעס ווערט.

און איך טרייסט מיך: טאָמער האָב איך עפּעס ניט דער־זאָגט, וועלען שוין דאָס טאָן די וואָס וועלען שרייבען נאָך מיר. איך האָב ניט געהאַט ביי וועמען צו נעמען, זיי וועלען דאָך שוין האָבען.

שרייבענדיג פאַר דער „נייער פּאָסט" מיינע עראינערונגען, האָב איך געהאַט אין זינען אָנצוצייגען די יעצטיגע מיטגלידער פון די יוניאָנס, וועלכע זיינען שוין געקומען אויף אלעם פאַרטיגען, וועלכע האָבען שוין געטראָפען יוניאָנס, מיט

דזשאָינט באָארדס, מיט שעהנע, גרויסע אָפיסעס, מיט ביזנעס אגענטען מיט מענעדזשערס, און פינאנץ סעקרעטערע און מיט היבשע טרעזשוריעס. אלעס וואָס זיי דארפען טאָן צו ווערען מיטגלידער, איז איינצאָהלען די נויטיגע סומע איינטריטס־געלט, און ווערען א שותף צו א פארטיגען, גרויסען געשעפט, צו אן אויפגעבויטער יוניאָן, און זיי געניסען שוין אלע בענעפיטען און פריווילעגיען.

אָט פאר דיזע מיטגלידער איז נויטיג צו וויסען, אז ניט אימער זיינען געווען יוניאָנס, אז די לײדיס גארמענט אינדו־סטריע אין אמעריקא איז אינגאנצען ארום 50 יאָהר אלט, און אז דער קלאָוק טרייד האָט זיך דאָ ערשט גענומען ענטוויקלען ווען די גרויסע עמיגראציע האָט זיך אָנגעפאנגען, אין אָנפאנג פון די אכטציגער יאָהרען. און טאקע גלייך ווי אונזערע אי־מיגראנטען זיינען אריבערגעקומען, און זיינען אריינגעפאלען מעהרסטענטס צו זייערע לאנדסלייט אין די סוועט שעפּער, האָט זיך דאָ גלייך אָנגעפאנגען א באוועגונג פאר אָרגאניזא־ציאָן.

נאטירליך אין די דאמאָלסדיגע צייטען האָט קיינער פון אונז אפילו קיין אהנונג ניט געהאט, ווי צו אָרגאניזירען א יוניאָן. מען האָט געוואוסט, אז מען דארף סטרייקען, און דאָס האָט מען געטאָן נאָך מעהר ווי גענוג. עס פלעגען זיין סטרייקס יעדען אָנפאנג סיזאָן.

מעהר פון פינף און צוואנציג יאָהר, האָבען א פאָר הונ־דערט איבערגעבענע מענשען געמאכט עקספּערימענטען ווי אויפצובויען א דויערהאפטע יוניאָן, טראָץ אלע פארפאָלגונגען, וואָס יענע מענשען זיינען אויסגעשטאנען. ניט נאָר זיינען זיי פארפאָלגט געוואָרען פון די באָסעס, נאָר ביז א געוויסען גראד אויך פון זייערע אייגענע ברידער ארבייטער. עס איז פאר זיי שווער געווען צו באקומען א פלאץ צו דער ארבייט.

ווען איינער פון דיזע יוניאָן לייטע האָט שוין אמאָל גע־האט דאָס גליק אָנצונעמען א פלאץ, און דער באָס אָדער פאָר־מאן האָט איהם ניט געקענט, איז נאָך איידער ער האָט זיין

פלאץ אין שאפ פארנומען, האָבען די ברידער ארבייטער פון שאפ איהם באגריסט מיט א ברייטען „גוט־מאָרגען", און מיט א „וואָס מאכט עפּעס די יוניאָן?"... זעלבסטפארשטענדליך, דער באָס אָדער פאָרמאן האָט שוין גלייך געוואוסט, אז דער נייער בעל מלאכה איז איינער פון די „געפעהרליכע יוניאָן לייט", און מען האָט איהם גלייך געהייסען געהן. אזעלכע פאסירונגען זיינען ניט געווען קיין זעלטענהייטען, דאָס האָט פאסירט כמעט טאָג טעגליך. פיעלע פון די יוניאָן לייטע זיי־נען פשוט געצוואונגען געווען צו ארבייטען אונטער פאר־שטעלטע נעמען, אנדערע האָבען זיך די וואָנצעס ארונטערגענו־מען מען זאָל זיי ניט דערקענען, זיי זאָלען קענען אָנהאלטען זייערע פלעצער צו דער ארבייט. אין קורצען, עס איז גאנץ שווער געווען צו זיין א יוניאָן מאַן אין יענע צייטען. אָבער טראָץ די אלע שוועריגקייטען האָבען דאָך זיך געפונען א פאָר הונדערט קלאָוקמאכער, וואָס האָבען פון יאָהר צו יאָהר, און פון סעזאָן צו סעזאָן געמאכט אלע אָנשטריינגונגען אויפצו־האלטען א יוניאָן, ביז די יאָהרען 1909 און 1910. זייער ארבייט איז ענדליך געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג.

און דאָס איז ניט געווען בלויז אין ניו יאָרק אליין. דאָס־זעלביגע איז אויך פאָרגעקומען מיט די קלאָוקמאכער פון פילא־דעלפיא, באָסטאָן, באלטימאָר, קליוולאנד און שיקאגאָ. אויך די וועסט מאכער פון ניו יאָרק, באָסטאָן און פילאדעלפיא, האָבען אין אזא אָדער אן אנדער פאָרם דורכגעמאכט דעמזעל־בען פּראָצעס, ווי די ניו יאָרקער קלאָוקמאכער, ביז זיי זיינען פאָלשטענדיג און פלאנמעסיג אָרגאניזירט געוואָרען.

יעדע יוניאָן האָט אונטער זיך א זעהר און זעהר לאנגע היסטאָריע, וואָס איז רייך מיט פיעלע אינטערעסאנטע פאסי־רונגען. און אין דעם בוך איז בלויז געשילדערט א טייל פון די פאסירונגען, אין דעם גרויסען ארבייטער־קאמף, ביז דאָס יאָהר 1910 האָט ענדליך געבראכט מיט זיך די גרויסע מעכ־טיגע קלאָוקמאכער יוניאָן, וועלכע האָט אריינגעבראכט א גאנץ

נייען לעבען אין דער גאנצער אידישער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא.

שליסענדיג מיין פאָרוואָרט, וויל איך פון טיפען הארצען דאנקען דעם עקזעקוטיוו באארד פון דער קלאָוק-אפערייטאָרס יוניאָן, לאָקאל 1, פון די יאָהרען 1919 און 1920, פאר דעם באַשלוס ארויסצוגעבען מיינע עראינערונגען אין בוך־פאָרם. וואָרים נאָך די פיעלע יאָהרען פון מיין טעטיגקייט אין אונזער יוניאָן האָב איך דאָך ניט געקאָנט אָפּשפּאָרען אזוי פיעל „קאַפּיטאל" אויף ארויסצוגעבען דעם בוך אויף מיין אייגענעם חשבון. דעמזעלביגען הארציגען דאנק דריק איך אויך אוים צו די באאמטע פון לאָקאל 1. איך וויל אויך באמערקען, דאָס איך בין שטאָלץ אויף דעם, וואָס איך האָב געהאט די עהרע צו זיין איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון לאָקאל 1.

מיט ברידערליכען גרוס צו אלע מיינע פריינד און חברים,

אברהם ראָזענבערג.

ניו יאָרק, 20טען יאַנואר, 1920.

אַ פאָרוואָרט פונ'ם עקזעקוטיוו באָאַרד

באשליסענדיג ארויסצוגעבען דיזען בוך, פיהלען מיר, אז עס איז נויטיג צו געבען, אלס א פאָרוואָרט, א קורצע ערקלערונג.

דאָס ווערק, וואָס איהר האלט איצט אין האנט, און וואָס טראָגט דעם נאָמען: „די קלאָוקמאכער און זייערע יוניאָנס", איז געשריבען געוואָרען פון ברודער אברהם ראָזענבערג, דער ערשטער מיטגליד פון אונזער קלאָוק אפּערייטאָרס יוניאָן לאָקאל 1, וואָס איז אין פארלויף פון דער צייט געוואָרען אזוי שטארק, אזוי מעכטיג און איינפלוסרייך, — דער אמת'ער אוואנגארד־לאָקאל אין דער גרויסער משפחה, וואָס איז באקאנט צו דער וועלט אלס די אינטערנעשאָנאל לידיס גארמענט וואָירקערס יוניאָן. דער פארפאסער פון דעם בוך איז אויך פאר פיעלע יאָהרען געווען דער פּרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאָנאל יוניאָן און מיר זיינען שטאָלץ מיט דעם, וואָס ער איז געווען דער ערשטער מיטגליד פון אונזער יוניאָן, איינער פון איהרע גרינדער און אויפהאלטער אין א משך פון פיעלע יאָהרען פון שווערען קאמף פאר אן עקזיסטענץ, ווי עס ווערט דאָ אין דעם בוך באשריבען.

ווי דער מחבר שרייבט אליין אין זיין הקדמה, איז דאָס בוך גיכער עראינערונגען איידער א פּינקטליכע היסטאָריע. דאָס מאטעריאל איז אָבער פון א היסטאָרישען ווערט; עס ווערען דאָ איבערגעגעבען די איבערלעבונגען, די פארשידענע שטופען פון די אלטע קלאָוקמאכער יוניאָנס אין אמעריקא, זייער לעבען, קעמפע און ענטוויקלונג ביז דעם

גרויסען גענעראל סטרייק פון יאָהר 1910, די רעוואָלוציאָן אין דער קלאָוק אינדוסטריע פון ניו יאָרק, וואָס האָט ענדליך אונזער יוניאָן אזוי פארפעסטיגט דאָס קיין שטורם זאָל איהר מעהר ניט קאָנען באשעדיגען אָדער אומוואַרפען.

דיזע עראינערונגען זיינען געשריבען געוואָרען אלס ציי־טונגס ארטיקלען אין די ערשטע וועכענטליכע צייטונג, וועל־כע די קלאָוקמאכער יוניאָן האָט ארויסגעגעבען, די „נייע פאָסט“. זיי זיינען ערשינען מעהר אלס פראָפּאגאנדא, צו צייגען די מעמבערס, אז די יוניאָן איז ניט געבאָרען געוואָרען איבער נאכט נאָר אז זי איז א רעזולטאט פון לאנג יעהריגע אָרגאַ־ניזאציאָנס ארבייט, ענטוישונגען, קעמפע און זיגע.

ווען די עראינערונגען זיינען געוועזען צו ענדע איז געבאָ־רען געוואָרען די אידעע ביי די אקטיווע מעמבערס און טוערס פון דער יוניאָן אָפּצודרוקען זיי אין א בוך פאָרם, ערשטענס ווייל דער מאטעריאל איז א היסטאָרישער, ווייל דיזע עראינע־רונגען נעמען ארום די גאנצע אידישע ארבייטער באוועגונג בכלל און די קלאָוקמאכער באזונדער, ווייל די פּאסירונגען און רעזולטאטען זיינען געווען עהנליך ביי אלע אידישע יוניאָנס, און עס איז וויכטיג צו האָבען פאר די אויגען די אלע טעות'ן, וועלכע זיינען געמאכט געוואָרען און לערנען פון זיי אויף דער צוקונפט; און צווייטענס, טאקע דערפאר, ווייל ברודער אברהם ראָזענבערג איז אונזערער א מיטגליד און מיר זיינען שטאָלץ דעראויף, וואָס ער האָט דאָס אלעס אליין דורכגעלעבט און פארשריבען.

עס זיינען אָבער דעמאָלט אָנגעקומען אומרוהיגע צייטען אין אונזער יוניאָן. עס זיינען אויפגעשוואומען פראגען און פּראָבלעמען, וועלכע האָבען ווידער געדראָהעט צו פארניכטען די גאנצע יוניאָן, און דער מאטעריאל איז פארלעגען געוואָרען.

יעצט ווען אונזער יוניאָן איז שוין איבערגעקומען אלע געפאהרען, ווען די אינדוסטריע איז שוין אוועקגעשטעלט גע־וואָרען אויף א געזונטען באָדען, ווען וואָך ארבייט איז עטאב־לירט געוואָרען פאר'ן גאנצען טרייד און מיר האָבען געקראָגען

א פעסטען און זיכערען מינימום סקייל, ווען אלע חלומות פון ברודער ראָזענבערג און זיינע מיטקעמפפער פון יענער צייט זיי־נען מקוים געוואָרען און ווען אונזער מאטעריעלער מצב איז בעזיכערט געוואָרען, האָט מען זיך צוריק דערמאָנט אָן די עראי־בערונגען און די עקזעקוטיוו באָארד פון לאָקאל 1 האָט בא־שלאָסען ארויסצוגעבען זיי אין א בוך פאָרם.

און צום לעזער ווילען מיר זאָגען: ברודער ראָזענבערג איז ניט קיין היסטאָריקער און אויך ניט קיין פראָפעסיאָנעלעה שרייבער. ער האָט ניט געגעבען קיינע באלייכטונגען אויף די פאסירונגען נאָר האָט איבערגעגעבען די פאקטען ווי זיי האָבען פאסירט. דער צוקינפטיגער היסטאָריקער פון דער אידישער ארבייטער באוועגונג וועט געפינען אין דעם בוך אן אונערשעפ־ליכען קוואל פון העכסט וויכטיגע אינפאָרמאציאָן און מאטעריאל פאר זיין ארבייט. דאָס בוך איז גאנץ אינטערעסאנט און אויך באלערענד, ספעציעל פאר די מיטגלידער פון אונזער גרויסער יוניאָן. מיר האָפען, אז דאָס בוך וועט ווייט און ברייט געלעזען ווערען און מיר זיינען זיכער, אז די לעזער וועלען פון דעם בוך, א חוץ עפעס לערנען, אויך פיעל הנאה האָבען.

עקזעקוטיוו באָארד קלאָוק אפערייטאָרס יוניאָן
לאָקאל 1, פון ניו יאָרק.
אינטערנעשאָנאל לײדיס גארמענט װאָירקערס
יוניאָן.
פ. קאָטלער, מענעדזשער.

ניו יאָרק, 25־טען יאנואר, 1920.

די קלאוקמאַכער און
זייערע יוניאָנס

ערינערונגען

פון

אברהם ראָזענבערג

די קלאוקמאכער און זייערע יוניאָנס

I

די געבורט פון דער ערשטער קלאוקמאכער יוניאָן אין ניו יארק.

דאָס איז געווען נאָך פסח פונ'ם יאָהר 1883. איך בין מיר אזוי געשטאנען פארטראכט אויף קאָרנער עסעקס און העסטער סטריט, וואו עס איז דאמאָלסט געווען דער „מארק" פון אלע אידישע שניידער. דאָרט זיינען געשטאנען די ארבייטער, וואָס האָבען געזוכט א פלאץ צו דער ארבייט, און דאָרט פלעגען קומען די בעלי הבתים, וואָס האָבען געדארפט ארבייטער.

פלוצלונג קומט צו מיר צו א מאן און שטעלט מיר די פאָלגענדע פראגען:

— זייט איהר א קלאָוקס־אפרייטאָר? — איך האָב איהם געענטפערט אז ניט.

— זייט איהר אפשר א ביגלער ביי קלאָוקס? — ניין!

— ווילט איהר זיך אפשר לערנען פאר א ביגלער? —

האָט ער מיך ווייטער געפרעגט. און איך, זייענדיג א גרינער, ניט האָבענדיג קיין טרייד אין האנד, און האָבענדיג זיך ארומגעדרעהט פאר די ניין מאָנאטען, וואָס איך בין געווען אין לאנד ביי פארשידענע מלאכות, פון א פעדלער מיט מעטשעס ביז א מצה־בעקער און בארבער, האָב זיך אָנגעכאפט אָן זיין פלאן מיט ביידע הענט.

די טרייד פון א קלאָוקס־פרעסער איז דאמאָלסט באטראכט געוואָרען אלס איינע פון די בעסטע און יעדער גרינער, וואָס האָט געהאט א „טשאנס" צו ווערען א פרעסער, האָט זיך גע־פיהלט גליקליך. אפטמאָל האָט פאסירט, אז אין סיזאָן פלעגען די באָסעס, וועלכע זיינען געווען די גרעסטע טייל אויטסייד קאָנטראקטאָרס, שטעהן לעבען קעסעל־גארדען און צוכאפען די

גרינע אידען, וועלכע זיינען נאַר־וואָס אראָפּ פון די שיפען. טאָמער האָט זיך געפונען אימיצער, וואָס האָט געקענט נעהען אויף א מאשין, האָט מען זיך פשוט געשלאָגען איבער איהם.

איך, מיינענדיג, אז פאר מיר עפענט זיך דאָ א שמאלץ־גרוב, רעכענענדיג, אז איך וועל מאכען א סך געלט, האָב איך זיך געפיהלט זעהר גליקליך. איין זאך האָט מיר אָבער געמאכט פיהלען ניט יום טוב'דיג, און דאָס איז געווען דעם באָס' פראגע וועגען די 5 דאָלאר לעהרען־געלט.

אין יענער צייט איז געווען א מאָדע, אז יעדער גרינער האָט געדארפט איינצאָהלען פון 5 ביז 10 דאָלאר פאר'ן אויס־לערנען זיך די טרייד. אן אפרייטאָר האָט געדארפט באצאָה־לען 10 דאָלאר, א פרעסער 5, און אזא סומע געלט איז פאר מיר דאמאָלסט געווען א גאנצער קאפּיטאל.

איך האָב מיין צוקינפטיגען באָס ערקלערט, אז איך וועל איהם די 5 דאָלאר אָפּארבייטען. ער איז מרוצה געוואָרען, האָט מיך אוועקגעפיהרט אין שאָפּ און איך בין מיט מזל געוואָ־רען א פרעסער.

* * *

די ארבייט איז געווען אן איינפאכע, א קאמאָנע. יעדער האָט זיך געקענט אויסלערנען פרעסען אין א וואָך צייט. אום צו געבען א באגריף, וואָס פאר ארבייט מען האָט דאן געמאכט, וועל איך בלויז ברענגען דעם פאָלגענדען פאקט:

אין נומער 7 און 9 העסטער סטריט האָט געהאלטען א קאָנטראקטאָר א גרויסען שאָפּ. ער האָט געהאט א זוהן, וועל־כער איז געווען אין גאנצען בלינד, און דיזער זוהן זיינער איז עס געווען דער עקזאמינער פון דער ארבייט. מען קען זיך שוין פאָרשטעלען ווי די ארבייט איז עקזאמינירט געוואָרען, וויפיעל עס איז אויפגעפּאסט געוואָרען אויף די גוטסקייט פון דער ארבייט.

טראָצדעם וואָס איך האָב אין א וואָך צייט שוין געקענט ארבייטען מיט אלעמען צוגלייך, האָב איך דאָך געמוזט ארביי־טען 4 וואָכען אומזיסט, ווייל ס'איז דאמאָלסט געווען א כלל, אז א גרינער טאָר גלייך פון אָנפאנג ניט פאַרדיענען קיין געלט,

אז ניט קען ער נאָך ווערען צו שטייף ביי זיך און ניט וועלען ארבייטען.

יעדער גרינער פּרעסער האָט געמוזט אַלעמען בעדיענען, האָבען פאַר יעדען רעספּעקט און טהאָן אַלץ, וואָס מען האָט איהם געהייסען. אַזוי האָט ער זיך געמוזט פּלאָגען, ביז ער האָט זיך „אויסגעמענשעלט“. אַזעלכע שקלאַפען האָט איהר דאַמאָלסט געקענט געפינען אין קלאָוקס־טרייד אין די הונדערטער. ווי אַזוי דיעזען סיסטעם אָבצושאַפען האָט קיינער ניט געוואוסט, און קיינעם איז דאָס גאָר אין זינען ניט געלעגען.

פון יוניאָנס און סטרייקס האָט קיינער פון אונז דאַמאָלסט גאָר ניט געהערט. נור דורך אַ צופאַל האָבען זיך מאנכע פון די אידישע ארביימער דערוואוסט, אז ס'איז דאָ אַזאַ זאַך דורך וועלכע ארבייטער פערלאַנגען מעהר געלד ביי זייערע באָסעס, און אז מען וויל זיי ניט געבען, סטאָפּען זיי פון דער ארבייט און דאָס רופט זיך אָן אַ סטרייק.

דערוואוסט פון דעם האָבען זיי זיך דורך פאָלגענדע פּאַסירונג:

די איירישע לאָנגשאָרמען, וואָס האָבען געארבייט ביים אויפלאָדען און אויסלאָדען די גרויסע שיפען, זיינען ארויס סטרייקען. אגענטען זיינען גלייך ארונטערגעקומען אין העסטער און עסעקס סטריטען זוכען ארבייטער, פערשפּרעכענדיג זיי 40 סענט אַ שטונדע און סטעדי ארבייט. אונזערע חברה האָבען פון קיין זאַך ניט געוואוסט, ווייל קיין אידישע ציימונגען זיינען נאָך דאַמאָלסט ניט געווען, און קיין ענגלישע האָט קיינער ניט גע־קענט לעזען, האָבען זיי זיך גלייך אָנגעכאַפּט אָן דער מציאה.

מענער־שניידער און קלאָוקמאַכער האָבען פערלאָזען זייערע שעפּער און זיינען געגאַנגען ארבייטען ביי די שיפען. די ערשטע פּאָר טעג האָבען זיי ניט געוואוסט וואָס דאָ קומט פאָר, ווייל יעדען פריהמאָרגען פלעגט מען צוזאַמענקלייבען די אַלע אידישע סקעבס, זיי ארויפזעצען אויף אַ שיף, און דורך דעם וואסער פּראָנט צוטהיילען זיי איבער די פערשיעדענע דאָקס.

מיט איינינע טעג שפּעטער איז די סטרייקערס געלונגען צו כאַפּען איינינע פון די אידישע סקעבס, און זיי האָבען זיי

צו׳ממית׳ט אז מען האָט זיי אוועקגעפיהרט אין די האָספיטעלער. פון דאן אָן האָבען מיר אָנגעפאַנגען צו פערשטעהן, וואָס עס איז אזוינס אַ סטרייק.

די גרעסטע צאָהל דאמאָלסטדיגע סקעבס האָבען גלייך פער־לאָזען די אַרבייט.

דיעזע פּאַסירונג האָט פיעלע פון אונז געמאכט צום דענ־קען, אַז ווען אַרבייטער זיינען צוזאמען, קענען זיי בעטען ביי זייערע באָסעס מעהר געלד פאַר זייער אַרבייט און טאַקע קריגען אויך. און אַלע אונזערע בעלי מלאכות האָבען גענומען טראַכטען וועגען אַ סטרייק און וואַרטען אויף אַ נס וואָס זאָל טרעפען, אום זיי זאָלען אויך קענען סטרייקען. אַזאַ נס האָט זיך געטראָפען אין ספּרינג סיזאָן פון יאָהר 1885.

* * *

ווי בעוואוסט, איז דאמאָלסט די גאַנצע קלאָוקס־טרייד גע־לעגען אויטסייד. די גאַנצע אַרבייט פלעגט געמאַכט ווערען אין אויטסייד שעפּער ביי קאָנטראַקטאָרס. אינסייד האָבען נאָר גע־אַרבייט קריסטליכע מיידלעך און איינינע אונגארישע אָדער דייטשע יהודים, אַלס סעמפּעל־מאַכערס. די ליטווישע און רו־סישע אידען האָבען אפילו ניט געוואוסט פון בראָדוויי, וואו אַלע אינסייד ווערהייזער האָבען זיך געפונען. איינינע וואָס האָבען שוין יאָ געוואוסט וואו די ווערהייזער ליגען, האָבען אָבער מורא געהאַט צו געהן דאָרטען פרעגען פאַר אַרבייט. ערשטענס, ווייל זיי האָבען קיין ענגליש ניט געקענט; צווייטענס, ווייל מען האָט אינסייד געמוזט אַרבייטען אום שבת, און אין דער דאמאָלסט־דיגער צייט האָט קיינער ניט געקענט פּועל׳ן ביי זיך צו אַר־בייטען אום שבת.

איינער פון די אויטסייד קאָנטראַקטאָרס האָט זיך צוקריעגט מיט זיינעם אַן אַרבייטער און איהם דערלאַנגט אַ פּאַטש. דיעזען פאַל האָבען שוין אפילו די פערשקלאַפטע קלאָוקמאַכער ניט גע־קענט אריבערטראָגען, און אַלס אַ פּראָטעסט נעגען די געמיינע האַנדלונג פון קאָנטראַקטאָר, זיינען אַלע אַרבייטער פון שאַפּ ארונטער סטרייקען.

סטרייקענדיג א פאָר שטונדען האָבען זיי זיך פערזאַמעלט אין 165 איסט בראָדוויי, וואו עס זיינען דאַמאָלסט געווען מיטינג האָלס, אום צו בעשפּרעכען וואָס ווייטער צו טהאָן.

נאָך א לאַנגע צייט ארומקריעגען זיך, האָט איינער געמאַכט א פאָרשלאַג, אז מען זאָל ארונטערנעהמען די ארבייטער פון אַלע אויטסייד שעפּער. דער פּלאַן איז אַלעמען געפעלען געוואָרען, און די ארבייטער האָבען זיך צוטהיילט אין קאָמיטעס און אַלעמען ארונטערגענומען אין סטרייק.

אין סטרייק זיינען דאַן ארונטערגענומען געוואָרען אומגע־פעהר פינף טויזענד ארבייטער. ניט האָבענדיג קיין ליעדערס, האָט מען גלייך פון דער מאַסע ערוועהלט א געוויסען קארנבערג, אַן אָפּרייטאָר און צוויי פּרעסערס, גוטמאַן און פליגלער. צו זיי איז אויך צוגעצויגען געוואָרען א געוויסער ברוך שיכור, אַן אָפּרייטאָר.

דיעזער ברוך־שכור איז געווען דער שנעלסטער אָפּרייטאָר אין ניו יאָרק. קאָנטראַקטאָרס פלעגען ספּענדען צעהנדליגע דאָלאַרס יעדען שבת מיט ברוך'ן אין די סאַלונס, אום ער זאָל געהן צו זיי ארבייטען.

מען דערצעהלט, אז ברוך פלעגט אַמאָל וועלען אָבטהאָן א „שפּי־צעל“ די אָפּערייטאָרס, מיט וועלכע ער פלעגט ארבייטען צוזאַ־מען אין שאָפּ, פלעגט ער זיך ביינאַכט אריינכאַפּען אין שאָפּ, און וויפיעל באַנדעלס ארבייט דער עקספּרעססמאַן האָט געבראַכט פון ווערהויז, פלעגט ער עס איבערנאַכט אויפנעהען און נאָכהער די פאַרטיגע קלאָוקס צוריק איינפּאַקען אין די זעק.

ווען די ארבייטער זיינען אין דער פריה געקומען און אויפ־געבונדען די זעק, האָבען זיי אויסגעשאָטען פאַרטיגע קלאָוקס — און ברוך פלעגט שטעהן און לאַכען. מען דערצעהלט אויך פון איהם מעשיות ווי פון טויזענד און איין נאַכט. און דערפאַר נאַטירליך האָבען אַלע אָפּרייטאָרס פאַר איהם געהאַט גרויס רעספּעקט.

אויסער דעם איז ער געווען אַן אינטעליגענטער מענש און א גוטער רעדנער. נאָכדעם ווי ברוך האָט אין א בעגייסטערטע רעדע אַלעמען אויפגעפאָדערט צו סטרייקען, האָבען אַלע גע־

סטרייקט. פאַר וואָס מען סטרייקט, און וואָס די פאָדערונגען זיינען — דאָס האָבען זיי ניט געוואוסט, און קיינער האָט זיך גאָר ניט פעראינטערעסירט צו וויסען.

אין ניו יאָרק האָט דאַמאָלסט עקזיסטירט א גרופּע פון רוסישע סטודענטען, וועלכע האָבען געפּרעדיגט דעם סאָציאַ־ליזמוס. אזוי שנעל ווי זיי האָבען זיך דערוואוסט פון דיעזען סטרייק, זיינען זיי באַלד געקומען צו די סטרייקערס און אָנגע־פאַנגען צו אַגיטירען, אז מען זאָל פאָדערען די אָבשאַפונג פון די אויטסייד קאָנטראַקטינג סיסטעם. מען זאָל פאָדערען פון די מאַנופעקטשורערס, אז זיי זאָלען אַלע ארבייטער אריינגעהמען אין די אינסייד שעפּער. דיעזער פּלאַן איז די סטרייקערס זעהר געפעלען געוואָרען, און זיי האָבען זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט מיט לייב און לעבען.

איינער פון דער גרופּע סטודענטען האָט געמאַכט א פאָר־שלאַג, מען זאָל אָרגאַניזירען א יוניאָן פון קלאָוקמאַכער, און באַלד האָבען זיך די סטרייקער אָנגעהויבען צו פערשרייבען אַלס מיטגליעדער. פון אָנפאַנג האָט געקאָסט 50 סענט איינטריטס־געלד. אין א פּאָר שטונדען שפּעטער האָט זיך אָבער די מאַסע גענומען אזוי שטאַרק שפּאַרען צום סעקרעטער׳ס טישעל, אז מען איז געווען געצוואונגען צו רעכענען צוויי דאָלאַר. אויפ׳ן צווייטען טאָג האָט שוין געקאָסט 5 דאָלאַר.

שוין האָבענדיג א יוניאָן, האָט זיך ערשט דער סטרייק אָנ־געפאַנגען אויף אַן אמת׳ן. קיינע סקעבס זיינען דאַמאָלסט ניט געווען, און נאָך א דריי־וואָכעדיגען סטרייק האָבען די מאַנופעק־טשורערס נאָכגעגעבען די פאָדערונג, אריינצונעהמען אַלע אר־בייטער אינסייד.

ביי די סטרייקערס איז געווען שמחה וששון, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו פעראַנשטאַלטען א מאַרטש מיט בעזי־מער: יעדער סטרייקער זאָל טראָגען א בעזים אַלס צייכען, אז מען האָט אויסגעקעהרט דעם סוועטינג סיסטעם. די ענגלישע צייטונגען האָבען א לאַנגע צייט געהאַט צו שרייבען פון דיעזען מאַרטש.

אויף מאָרגען נאָך דעם מאַרטש, ווען די ארבייטער זיינען ארויפגעקומען אין די אינסייד שעפּער ארבייטען, האָט אויסגע־בראָכען א נייער סטרייק. די סעמפּעל־מאַכער און די אמערי־קאַנער מיידלעך האָבען זיך אויפגעשטעלט און ערקלעהרט, אז זיי ווילען ניט ארבייטען צוזאַמען מיט די גרינע אידען. די מאַנופעקטשורערס זיינען נאַטירליך פון דיזען נייעם סטרייק געוועזן זעהר צופריעדען, און זיי האָבען די „זיעגער" געהייסען געהן צוריק אין זייער מיטינג לאָקאַל. די סומאַטאָכע איז געוואָ־רען זעהר גרויס, און די ארבייטער זייענדיג שוין אויסגעהונגערט, האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. דערצו איז נאָך געווען ערב פּסח, און עס איז ביי זיי געבליבען אוועקצולעגען די חרפּה אָן א זייט, און צוריק געהן ארבייטען אין די אויטסייד שעפּער ביי זייערע קאָנטראַקטאָרס.

פון אויפהאַלטען די יוניאָן איז שוין נאַטירליך דאַמאָלסט קיין רייד ניט געווען. קיינער איז מעהר צו די מיטינגען ניט געקומען, און אין א פּאָר וואָכען שפּעטער איז די יוניאָן אויפגע־לעזט געוואָרען, און מיט די ביסעל געלד וואָס די יוניאָן האָט פערמאָגט האָבען זיך איינינגע צוטהיילט. דערמיט האָט זיך געענדיגט דער ערשטער קלאָוקמאַכער סטרייק, און עס איז געשטאָרבען די ערשטע יוניאָן גלייך נאָך איהר געבורט.

II

די „נייטס אָוו לייבאָר" און די פּאָרהיסטאָרישע יוניאָנס.

נאָך דעם דזשענעראַל סטרייק פון 1885, ווען די יוניאָן איז צו גרונדע געגאַנגען, האָט ניט לאַנג גענומען און די קלאָוק־מאַכער זיינען ווידער געוואָרען קריעגעריש געשטימט.

אין דער דאַמאַלסדיגער צייט האָט עקזיסטירט א שטאַרקער ארבייטער פערבאַנד, וועלכער האָט זיך גערופען „די נייטס אָף לייבאָר" אַקוראַט ווי יעצט די „אמעריקען פעדעריישאַן אָוו

לייבאָר". די „אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר" איז נאָך דאמאָלסט געווען קליין און אונבעדייטענד.

די „נייטס אָוו לייבאָר" האָט אָנגעפיהרט אַ שטארקע פּראָ־פּאַגאַנדא צווישען די ארבייטער: מאַסען סטרייקס האָבען שטאָטגעפונען אין פערשיעדענע טריידס. מעהר פון אַלע האָט זיך אויסגעצייכענט דער סטרייק פון די סטריט קאַר ארבייטער. עס זיינען פאָרגעקומען פיעלע אָפענע צוזאַמענשטויסען צווישען די סטרייקער און דער פּאָליציי.

אונזערע קלאָוקמאַכער האָבען געהאַט בייגעוואָהנט דיעזע קעמפּפע, און די דאַמאַלסדיגע פּאַסירונגען האָבען אריינגעבראַכט קאַמפּפלוסטיגקייט צווישען די אידישע ארבייטער אויך. און אין דעמזעלבען יאָהר, בעפּאָר ראש השנה, אין דעם רעכטען ברען פון סעזאָן, האָט וויעדער אויסגעבראָכען אַ קלאָוקמאַכער סטרייק.

קיינער האָט ניט געוואוסט ווער עס האָט דעם סטרייק ארויסגערופען. מען האָט זאָגאַר דאַמאָלסט גערעדט אַז די אויט־סייד קאָנטראַקטאָרס האָבען עס אַליין געמאַכט דעם סטרייק, כדי זיי זאָלען קריגען גערייזט די פּרייזען פון די ווערהייזער.

נור ווי די זאַך זאָל ניט זיין, קאָמיטעס זיינען געקומען ארונטערנעהמען די אַרבייטער, און אַלע זיינען ארונטערגעגאַנגען. שוין שטעהענדיג אין סטרייק האָט מען אָנגעפאַנגען צו אָרגאַני־זירען די אַרבייטער אין אַ יוניאָן.

די „נייטס אָוו לייבאָר" האָט גענומען אַ גאַנץ טהעטיגען אַנטהייל אין דער אָרגאַניזירונג, און מיר זיינען שוין מיט מזל געוואָרען אַ דיסטריקט פון דער „נייטס אָוו לייבאָר".

מיר שטעלט זיך נאָך יעצט קלאָר פאָר ווי דער דיסטריקט מייסטער־וואָרקמען*) מיט עטליכע דעפּיוטיס, אַלע איירישע, זיינען געקומען אונז אינסטאַלירען. מיר, זייענדיג כמעט אַלע גרינע, האָבען נאַטירליך ניט פערשטאַנען אַ וואָרט פון דעם, וואָס זיי האָבען צו אונז גערעדט. מיר האָבען בלויז געזעהן ווי איינער פון זיי האָט גענומען אַ שטיק קרייד און האָט געמאַכט

*) ווי יעצט אַ גראַסמייסטער אין אַן אָרדען.

א גרויסען סירקעל אויפ'ן פלאָר, און אונז אַלעמען האָט ער זיך געהייסען אַרומשטעלען אַרום דעם סירקעל. דערנאָך האָט איינער אוועקגעלעגט אויפ'ן טיש א קליין שווערדעל, און אויף דער אַנדער זייט טהיר פון מיטינג האַל האָט מען אויפגעהאָנגען א גלאָוב.

פיעלע פון אונז, דערזעהענדיג דעם שווערד, האָבען געמיינט אַז ענטוועדער מען געהט אונז אַלעמען אויסשעכטען, אָדער מען וויל אונז אָבגעבען פאַר סאָלדאַטען. א סך פון אונז האָבען זיך שוין אָבגעזעגענט מיט זייערע לעבענס... שפּעטער האָבען אונז די פערשטענדיגערע ערקלעהרט, אַז די בעדייטונג פון דער צערעמאָניע איז ווי פאָלגט: ווען איינער פון אונז וועט ברעכען זיין שבועה, וואָס ער האָט געגעבען צו בלייבען טריי די אינטערעסען פון די ארבייטער, וועט דיעזער שווערד איהם פערפאָלגען, ווייל די „נייטס אָוו לייבאָר" זיינען שטארק איבער דער גאַנצער וועלט.

הכלל, יעצט זיינען מיר שוין ריכטיגע יוניאָן לייטע, און נאָך א פּאָר טעג סטרייקען קריגען מיר אַן אָרדער פון די „נייטס אָוו לייבאָר", אַז מיר זאָלען געהן צוריק צו דער ארבייט, ווייל די באָסעס האָבען גערייזט א פּאָר סענט.

עס איז אויך וויכטיג צו בעמערקען, אַז די קאָנטראַקטאָרס זיינען אויך געוואָרען מעמבערס פון די „נייטס אָוו לייבאָר". ביי די „נייטס אָוו לייבאָר" זיינען זיי ניט אַנערקענט געוואָרען אַלס באָסעס, זאָנדערן אַלס ארבייטער גלייך מיט אונז.

אזוי שנעל ווי אונזערע לייטע האָבען זיך נור צוריק אריינגעכאַפּט אין די שעפּער, האָבען זיי גלייך פערגעסען פון דער גאַנצער קאָמעדיע. מען האָט זיך אַפילו ניט אָבגעשראָקען פאַר דעם שווערדעל, און אין איניגע וואָכען שפּעטער האָט מען שוין אין גאַנצען אויפגעהערט צו געהן אויף די מיטינגען, און די יוניאָן איז אין גאַנצען אָבגעשטאָרבען. זייט דאַמאָלסט איז שוין קיין פערזוך ניט געמאַכט געוואָרען צו אָרגאַניזירען א יוניאָן אין קלאָוק־טרייד ביז דעם אָנפאַנג פון יאָהר 1888.

ביז צום 88סטען יאָהר פלעגען אפילו פון צייט צו צייט אויסברעכען סטרייקס ביי איינצעלנע קאָנטראַקטאָרס, אָבער זיי

זיינען געווען ניט קיין וויכטיגע, ווייל זיי פלעגען ניט טראָגען קיין אַלגעמיינעם כאַראַקטער.

עס פלעגט זיך פיהרען אויף פאָלגענדען שטייגער: ווען ארבייטער פון א געוויסען אויטסייד שאַפּ זיינען ניט צופריעדען געווען מיט די פרייזען, פלעגען זיי זיך צוזאַמענקומען נעבען זייער שאַפּ אין דער פריה, אָדער מיטאָג צייט, און איינער פלעגט מאַכען א פאָרשלאַג, אז היינט זאָל מען ניט ארבייטען. די איבעריגע האָבען אַזא פאָרשלאַג אונטערשטיצט, און מען איז גלייך אוועקגעגאַנגען אויפ'ן מארקעט סטריט דאָק, וואו עס איז געווען די העדקוואָרטערס פון די סטרייקענדע קלאָוקמאַכערס, אָדער מען איז גאָר אויסגעפאָהרען אין „סעינדעלע" (סענטראַל) פּאַרק.

די באָסעס, ניט געפינענדיג זייערע ארבייטער אין שאַפּ, האָבען שוין געוואוסט וואו צו זוכען זייערע לייטע, און נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען האָט מען זיך פערגליכען. דער באָס פלעגט געוועהנליך רייזען פינף סענט אויף א גארמענט און „שטעלען א באַרעל ביער", דערמיט פלעגען זיך ענדיגען כמעט אַלע דאַמאָלסדיגע סטרייקס.

אין אָנפאַנג פון 1888 איז ווידער געמאַכט געוואָרען א פערזוך פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, צוזאַמען מיט איניגע מעהר פערשטענדיגע קלאָוקמאַכער, צו אָרגאַנאַזירען א יוניאָן. דער צוועק איז ניט געווען צו רופען א סטרייק און דורכ'ן סטרייק די קלאָוקמאַכער צו אָרגאַניזירען, זאָנדערען פריהער זיי אָרגאַניזירען און מאַכען פאַר גוטע יוניאָן-לייט, און נאָכהער געהן סטרייקען, אויב עס וועט נויטיג זיין. פון אָנפאַנג האָט עס אויסגעזעהן, אז דיעזע יוניאָן וועט שוין לעבען. די יוניאָן האָט שוין געצעהלט אַרום פינף הונדערט מיטגליעדער. נאָר וואָס שטאַרקער די יוניאָן איז געוואָרען אין מעמבערס, אַלץ שווערער איז געוואָרען זיי אויפצוהאַלטען. די נייע מעמבערס האָבען געהאַלטען אין איין האַמערען, אז מען זאָל געהן סטריי־קען, ווייל אין דער דאַמאָלסדיגער צייט האָט מען זעהר וועניג ספרינג-ארבייט געמאַכט, און דער ווינטער-סיזאָן פלעגט זיך געוועהנליך אָנפאַנגען ניט פריהער ווי אין אַפּריל, האָבען די

אלע שרייער קיין גערולד ניט געהאט צו ווארטען אויף גינסטי־
גערע צייטען, און זיי האָבען ביסלעכווייז אָנגעפאַנגען צו פער־
לאָזען די יוניאָן. די קליינע צאָהל פערנינפטיגערע מענשען זיינען
אליין ניט אימשטאנדע געווען די יוניאָן אויפצוהאַלטען, און
נאָך זעקס מאָנאַטען שווערע ארבייט האָט זיך די יוניאָן געמוזט
אויפלעזען.

זייט דאמאָלסט האָט זיך אלץ געררודערט צווישען די קלאָוק־
מאכער. אלע זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז א יוניאָן איז
אבסאָלוט נויטיג אין קלאָוקס־טרייד. די ארבייטס בעדינגונגען
זיינען געווען שרעקליכע. געארבייט האָט מען ניט ווענינער ווי
16 שטונדען א טאָג, און אין פיעלע שעפּער האָט מען געארבייט
גאנצע 18 שטונדען. די פּרייזען זיינען אויך ניט געווען זעהר
גלענצענד. דערצו האָט מען נאָך אָנגעפאַנגען מאכען א נייע ליין
ארבייט, א פיעל שווערערע.

וועהרענד מען האָט בעפאָר געמאכט קורצע סעקס, אָדער
לאנגע כאלאטען, וואס מען האָט גערופען „ראַשיען סירקלעס"
און עס איז בלויז געווען א פראָנט מיט א בעק צוזאַמענצונעהען,
און פיעלע זיינען זאגאר געווען אָהן סליווס, אזוי ווי פּאָלערינעס,
איז פּלוצלינג געוואָרען גאַנץ אנדערש. דאן האָט מען שוין אָבער
אָנגעפאַנגען צו מאכען לאַנגע טייט־פּיטינג מאַנטלען, וועלכע
האָבען זיך גערופען „ניו־מארקעטס". מען האָט שוין געמוזט
אריינמאכען בוזים־פּאָקעטס, וועלכע קיינער האָט ניט געקענט.
אויך האָט מען שוין אָנגעפאַנגען צו מאכען געביינדטע סימס. און
פּרייזען האָט מען געצאָהלט גראָדע ווי בעפאָר פאַר די קאָמאָנע
ארבייט.

די פּרעסערס האָבען געקראָגען פאַר די בעסטע שטיק
ארבייט 10 סענט, און פיעלע פּלעצער האָט מען געפּרעסט פאַר
פינף סענט א לאַנגען ניו־מארקעט. די העכסטע פּרייז פאַר וואָכען
פּרעסער איז געווען צעהן דאָלאַר א וואָך. דערצו איז נאָך דער
פּרעסער געווען א ריכטינער שקלאַף אין שאָפּ, ארבייטענדיג אין
אויטסייד־שעפּער, וואו קיין גאַז אָדער עלעקטרישע אייזענס
זיינען נאָך ניט געווען. יעדער פּרעסער האָט געמוזט ווארעמען די

אייזענס, ענטוועדער אויף פייער פּלייסעס, אָדער אויף אַזעלכע רונדיגע סטאָוס, וואו מען פלעגט ארומשטעלען אַלע אייזענס.

יעדער פּרעסער האָט געמוזט אריינקומען אַ פּאָר שטונדען פריהער ווי די איבעריגע ארבייטער אין שאָפּ: צו מאַכען פייער אין די סטאָווס, ארונטערצוטראָגען די אשעס, אויסקעהרען דעם שאָפּ און צוזאַמענקלייבען די סטרייפען סים־ביינדינג, וואָס די אָפּערייטאָרס האָבען דעם פאָריגען טאָג פונאנדערגעוואָרפען איבער'ן שאָפּ. דערצו נאָך, ווען דער באָס האָט געדאַרפט אוועקטראָגען אַ באַנדעל ארבייט אין ווערהויז, אָדער עס האָט אויסגעפעהלט טרימינג, האָט דער פּרעסער דאָס געדאַרפט טהאָן. אחוץ דעם איז נאָך געווען אַן עקסטרא צרה: די גרעסטע צאָהל קלאָוקשעפּער זיינען געווען אין טענעמענט הייזער, און די בעלי־בתים האָבען דאָרטען געוואוינט אויך. און גאַנץ אָפט פלעגט טרעפען אַז די מיסים האָט געדאַרפט וואַשען וועש, האָט זי אויפ'ן פייער־פּליים ארויפגעשטעלט אַ גרויסען קעסעל מיט וועש צום קאָכען, און ניט זעלטען פלעגט זיך אויף דעם פּרעסער איבערקעהרען דער הייסער קעסעל מיט וועש און איהם אָבבריהען אָדער פערברענען די הענד.

דיעזע אַלע צרות האָבען געבראַכט דערצו, אַז די פּרעסערס זאָלען אָנהויבען טראַכטען וועגען זייער לאַגע מעהר ווי די אַנדערע און אָנהויבען זוכען מיטלען ווי זיך צו בעפרייען פון זייער שקלאַפעריי.

דער איינציגער וועג ווי זיך צו בעפרייען איז, זעלבסטפערשטענדליך, געווען אַ יוניאָן. נור קיינער האָט ניט געהאַט קיין אונטערנעהמונגס־גייסט אַ יוניאָן צו שאַפען. אַזוי איז עס געגאַנגען ביז דער ענדע פון יאָהר 1889. דאַן איז געמאַכט געוואָרען אַ נייער פערזוך צו אָרגאַניזירען אַ יוניאָן. פון דיעזער יוניאָן האָט זיך אָנגעפאַנגען די געשיכטע פון דער קלאָוק־מאַכערס יוניאָן אין אַמעריקאַ.

III'

די ערשטעווירקליכע יוניאן אין קלאוקס-טרייד.

עס איז געווען אין דעצעמבער 1889. אין קלאָוקס-טרייד איז קיין יוניאָן נאָך אַלץ ניט געווען, נאָך אַלע פּארזוכען צו אָרגאניזירען די ארבייטער פון טרייד אָבער שטענדיג אָהן ערפאָלג. במעט יעדען אָנפאנג סיזאָן פלעגען זיך צוזאמענקומען קלענערע אָדער גרעסערע גרופּען ארבייטער און ארויסרופען סטרייקס, און שטענדיג איז מען געקומען צו דיזעלבע רעזולטאטען. צי מען האָט געוואונען צי פארלוירען — די ארבייטער פלעגען זיך אומקעהרען אין די שעפּער און זיינען דאָרטען ווייטער געווען דיזעלביגע שקלאפען ווי בעפאָר.... עקזיסטירט האָט בלויז א פאראיין פון אלטע אינסייד שניידערס, וועלכע האָבען געמאכט סעמפּעלס.

נאָכדעם ווי מען האָט אָנגעפאנגען צו מאכען א בעסערע ליין ארבייט, האָבען די מאנופעקטשורערס זיך ניט מעהר געקענט באנוצען מיט די קריסטליכע מיידלעך צו מאכען זייערע סעמפּעלס און האָבען שוין אריינגענומען ריכטיגע שניידערס צו דער ארבייט, און די קריסטליכע מיידלעך זיינען ביסלעכווייז פארשוואונדען פון די קלאָוק שעפּער.

דער פאראיין פון די סעמפּעל שניידער האָט זיך גערופען „די מאנטעל מייקערס סאָסייעטי". דער צוועק פון דעם פאראיין איז אייגענטליך געווען נאָר געגענזייטיגע אונטערשטיצונג, אָבער אזוי ווי דער סיזאָן איז דעמאָלט געווען זעהר א שווערער, ארבייט איז געווען זעהר פיעל, און די פארדיענסטען זיינען געווען טרויעריג, האָבען די מיטגלידער פון דעם פאראיין אָנגעפאנגען צו דענקען, אז עס וואָלט ניט געווען קיין שלעכטער פּלאן פון דער „סאָסייעטי" צו מאכען א יוניאָן, וועלכע זאָל קענען אויסבעסערען די ארבייטסבאדינגונגען אין די שעפּער.

א קאָמיטע פון די אינסייד שניידערס, וואָס האָבען דעמאָלט געארבייט ביי דער פירמא א. פריעדלענדער און קאָמפּ. האָט זיך געווענדעט צו די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, זיי

זאָלען העלפען אָרגאַניזירען אַ יוניאָן פון קלאָוקמאַכער. די געווערקשאַפטען האָבען גלייך ערוועהלט אַ קאָמיטע, אין וועלכער עס איז געווען דער דעמאָלדיגער סעק. פון די געווערקשאַפטען גענאָסע ווייַנשטיין און יאָזעף באַראָנדעס, וועל־כער איז דעמאָלט געווען אַן אָפּערייטאָר ביי ניע־פּענטס.

יאָזעף באַראָנדעס איז נאָך דעמאָלט געווען אַ גרינער, און האָט נאָך וועהאַט דעם גאַנצען פייער פון אַלע רוסישע רעוואָלו־ציאָנערען. ער האָט אָנגעפאַנגען די ארבייטער צו ערקלערען די בעדייטונג פון אַ יוניאָן, און וואָס זיי קענען ערוואַרטען ווען זיי וועלען זיין אָרגאַניזירט. דיזער סאָרט אַגיטירען האָט אָנ־געמאַכט אַ שטאַרקען גערודער צווישען די ארבייטער און זיי האָבען אָנגעפאַנגען צו פערגעטערן באַראָנדעס'ן אַלס אַ „משה רבינו“, וואָס איז געקומען אַרויספיהרען די פערשקלאַפּטע קלאָוקמאַכער פון מצרים און זיי אַריינברענגען אין ארץ כנען, וואו עס וועט רינען מילך און האָניג.

הונדערטער־ און טויזענדערווייז זיינען די קלאָוקמאַכער געלאָפען זיך אָנשליסען אַן דער יוניאָן.

זעלבסטפערשטענדליך, אַזוי ווי צו יענער צייט האָט מען נאָך אַלץ פערשטאַנען, אַז דער צוועק פון אַ יוניאָן איז גלייך אַרויסצוגעהן סטרייקען, האָט זיך גלייך אָנגעפאַנגען אַ סדרה פון גרעסערע אָדער קלענערע שאַפּ־סטרייקס..

די באָסעס, דענקענדיג, אַז פון דיזער יוניאָן מיט איהרע סטרייקס וועט זיך אויסלאָזען דאָס זעלבע, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזען פון יענע אין די פריהערדיגע יאָהרען: אָפּגעסטרייקט — און גוד באַי יוניאָן, האָבען זיי זיך ניט פיעל געשטעלט און גלייך נאָכגעגעבען אַלע פאָדערונגען פון די ארבייטער.

אין דער צייט פון דער סטרייק־עפּידעמיע זיינען אויך מיט־געשלעפּט געוואָרען די ארבייטער פון מאיר דזשאָנסאָן, וועלכער איז געווען דער גרעסטער קלאָוק מאַנופעקטשורער אין אמעריקא. אָבסטרייקענדיג אַ פּאָר טעג איז דער אַלטער מאיר דזשאָנסאָן געקומען צו פאָהרען אין אַ קעריעדזש צו די העדקוואָרטערס פון די סטרייקערס, וועלכע איז געווען אין אַ קעלער אין 92 העסטער סטריט. נאָכדעם ווי ער האָט געהאַלטען אַ לאַנגען ספּיטש, ניט

פערגעסענדיג צו לויבען די סטרייקערס און זייערע ליעדערס, האט ער נאכגעגעבען אלע פאדערונגען פון די סטרייקערס, און אום צו בעווייזען ווי צופריעדען ער איז מיט די ארבייטער, האט ער געהייסען געבען פאר די ארבייטער א טריט, וועלכער איז בעשטאנען פון דריי בארעלס ביער און הערינג מיט פאמפעני־קעל. די ארבייטער זיינען נאטירליך הייזעריג געווארען שרייענ־דיג הורדא פאר מיסטער מאיר דזשאנסאן.

דיעזע נייעס איז שנעל ווי א בליץ צוטראגען געווארען איבער אלע קלאוק שעפער אין ניו יארק, און נאך א שטארקערער לעבען איז אריינגעקומען צווישען די געוועזענע שקלאפען, און מען האט זיך אויף אן אמת'ען גענומען בויען א שטארקע יוניאן.

יאזעף באראנדעס איז גלייך אנגעשטעלט געווארען אלס זייער ליעדער, און האבענדיג דעם פולען צוטרויען פון דער מאססע, איז איהם געלונגען אין א קורצער צייט, דורך אייניגע מאססענפערזאמלונגען, צו ארגאניזירען ביינאהע אכט־טויזענד קלאוקמאכער.

די ערשטע צייט איז נאך אליץ געוועזען א כאאס, נור ענדליך איז אויסגעארבייט געווארען א פלאן, ווי אזוי צו קענען קאנ־טראלירען די טויזענדער קלאוקמאכער, און ווי זיי זאלען זיך קענען צוזאמענקומען אין מיטינג לאקאלס. אום צו פערהאנדלען זייערע געשעפטען.

די מעמבערשיפט איז צוטהיילט געווארען אין ברענטשעס אויף דעם פאלגענדען ארט:

אלע מעמבערס וואס האבען געהאט זייערע יוניאן־ביכלעך פון נומער 1 ביז 300 זיינען געוועזען דער ערשטער ברענטש; פון 300 ביז 600, דער צווייטער ברענטש א. ז. וו.. יעדע צוויי ברענטשעס האבען געמיטעט אין א בעזונדערען האל. יעדער מיטינג לאקאל האט זיך ערוועהלט א טשערמאן, א פראטאקאל סעקרעטער און א פינאנס סעקרעטער, וואס האט ביי יעדען מיטינג קאלעקטירט דיוס. יעדע צוויי ברענטשעס האבען אויך ערוועהלט צו זיבען דעלעגאטען, וועלכע האבען צוזאמענ־געשטעלט איין עקזעקוטיוו באארד. די עקזעקוטיוו באארד איז בעשטאנען פון 84 דעלעגאטען, וועלכע האבען זיך צוטהיילט אין

צווײ קאָמיטעס. אײן העלפט האָט זיך גערופען די סענטראַל קאָמיטע, װעלכע האָט געהאַט צו זאָגען איבער דער פינאַנציעלער זײט פון דער יוניאָן. אַלע אויסגאַבען האָבען געמוזט גוט־געהײסען װערען בײ דיזער סענטראַל קאָמיטע. די צװײטע אבטהײלונג איז געװען די עקזעקוטיװ קאָמיטע, װעלכע האָט פערהאַנדעלט אַלגעמײנע יוניאָן־געשעפטען, װי סטרײקס, סעטלמענטס און אַלגעמײנע אָרגאַניזאַציאָנס־ארבײט. אויך איז אָנגעהאַלטען געװאָרען אַ געמײנשאַפטליכער אָפיס מיט אַ סע־קרעטער און טרעזשורער. די בעזונדערע ברענטשעס האָבען מיט געלד־זאַכען גאָר ניט געהאַט צו טהון. דער ברענטש־פינאַנס סעקרעטער האָט נאָך יעדען מיטינג גלײך איבערגעגעבען די ביכער מיט די גאַנצע אײננאַהמע צום דזשענעראַל סעקרעטער אין הויפּט־אָפיס. אַלעס איז געגאַנגען אויסגעצײכענט, און די יוניאָן איז מיט יעדען טאָג שטאַרקער געװאָרען.

* * *

דעם ערשטען מאַי 1890 האָבען די קלאָוקמאַכער מאַרשירט מיט די איבריגע ארבײטער פון ניו יאָרק. טראָצדעם װאָס דעמאָלט איז געװען אַ גוס רעגען און מען האָט געמוזט מאַרטשען מיט אָמברעלאַס, האָבען דאָך די קלאָוקמאַכער געהאַט זיעבען־טויזענד מאַן אין ליין.

אין דערזעלבער צײט, װאָס די קלאָוקמאַכער האָבען אויפ־געבויט אַ שטאַרקע יוניאָן, זײנען די קאַטערס אויך ניט געשלאָ־פען. זײער יוניאָן, װעלכע האָט שוין אײגענטליך עקזיסטירט אַ פּאָר יאָהר, איז אָבער נאָך אַלץ געװען קלײן און שװאַך. פאַר דיזער צײט האָט זיך אָבער די יוניאָן פערשטאַרקט, און געװיסע פערבינדונגען זײנען אַראַנזשירט געװאָרען צװישען די קלאָוק־מאַכער יוניאָן און דער קאַטערס יוניאָן. זײ האָבען אָבגעמאַכט זיך געגענזײטיג צו אונטערשטיצען אין צײט פון סטרײקס.

ביז דעם ערשטען מאַי האָבען נאָך די מאַנופעקטשורערס געדענקט, אַז דאָס איז בלויז אַן איבערגאַנג, און פריהער אָדער שפּעטער װעט אַלעס צופאַלען װערען, דאַרום האָבען זײ זיך ניט שטאַרק געקימערט װעגען דער יוניאָן, ניר זעהענדיג די גרויסע

מאסע מארשירענדיג דעם ערשטען מאי, האָבען זיי אָנגעפאנגען איינזעהען, אז אזא שטארקע יוניאָן קען נאָך אמאָל ווערען געפעהרליך פאר זיי. און זיי האָבען אָנגעפאנגען זוכען מיטלען, ווי די יוניאָן צו פארניכטען. די גרעסערע מאנופעקטשורערס אין טרייד האָבען זיך אָרגאניזירט אין אַן אסאָסיאיישאָן און האָבען געווארט אויף א געלעגענהייט אָנצופאנגען א קאמף מיט דער יוניאָן.

אזא געלעגענהייט האָט זיך טאקע אויך געמאכט. צעהן פירמען האָבען זייערע ארבייטער אויסגעשלאָסען פון דער אר־בייט. די נעמען זייערע זיינען געוועז ווי פאָלגט: 1) מאיר דזשאנ־סאָן און קאָ.; 2) א. פריעדלענדער און קאָ.; 3) פארקין און קאָ.; 4) פריעדמאַן בראָדערס; 5) בלומענטאל בראָדערס; 6) לואיס גראנער; 7) יוליוס שטיין; 8) אָפּענהיים קאָלינס און קאָ.; 9) גאָלדסמיט און פלאט און 10) ראָטשילד בראָ־דערס. פון דיזע 10 פירמען האָט זיך אָנגעפאנגען דער גרע־סטער און לענגסטער סטרייק, וואָס אידישע ארבייטער האָבען ווען־עס־איז ביז יענער צייט אָנגעפיהרט אין אמעריקא.

IV

דער לאקאוט אין 1890.

אין דעם פאָריגען קאפיטעל האָבען מיר געזעהן, אז נאָך דעם ערשטען מאי־פאראד האָבען דאן די מאנופעקטשורערס געזוכט א געלעגענהייט אָנצופאנגען א קאמף מיט דער יוניאָן. און דעם צעהנטען מאי האָט זיך זיי די געלע־גענהייט געמאכט: ביי דער פירמע גאָלדשמיט און פלאט האָט געארבייט א געוויסער סעמפעל־שניידער מיט'ן נאָמען האָפמאַן, וועלכער איז געוועז א גוטער יוניאָן־מאן. דיזער

האפמאַן איז אויך געווען אַ גרויסער וויצלער. ער פלעגט אין שאפּ אָבטהאָן פערשיעדענע שפּיצלעך.

איין מאָל האָט ער גענומען אַ שטאַרקען דינעם סילק און האָט איהם איבערגעצויגען איבער'ן גאַנצען שאפּ, פון איין וואַנט צו דער צווייטער. דאַרף זיך מאַכען אַז מיסטער הענרי גאָלד־שמיט, אַ מעמבער פון דער פירמא, איז שנעל געלאָפען איבער'ן שאפּ און דער סילק האָט איהם איינגעשניטען דעם נאָז.

נאָך פיעלע אונטערזוכונגען האָט די פירמאַ אויסגעפונען, אַז האָפמאַן האָט די שטיקעל אַרבייט אָבגעטהאָן, און ער איז דערפאַר אָוועקגעשיקט געוואָרען פון דער אַרבייט. זייענדיג אַ גוטער יוניאָן־מאַן האָט נאַטירליך די יוניאָן געפאָדערט, ער זאָל רעאינסטייטעד ווערען. די פירמאַ האָט זיך ענטזאָגט דאָס צו טהאָן, און דערפאַר האָט די יוניאָן אַרויסגערופען אַ סטרייק אין דעם שאפּ. 350 אַרבייטער פון אינסייד און אויטסייד, וועלכע האָבען געאַרבייט פאַר דער פירמאַ, זיינען אַרויס אין סטרייק.

די קלאָוקמאַכער זיינען דאַן געווען פעראייניגט מיט די קאַטערס, און די קאַטערס האָבען דער פירמאַ אַרויסגעשטעלט אַן אולטימאַטום: אויב זיי וועלען ניט צונעהמען די געסעקטע אַרבייטער, וועלען זיי אויך אַרונטערגעהן סטרייקען.

אַלס ענטפער אויף דיעזען אולטימאַטום האָבען די צעהן מאַנופעקטשורערס, וואָס זיינען געווען מעמבערס אין דער מאַנו־פעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, אויסגעשלאָסען זייערע קאַטערס.

גלייך נאָך דעם האָט די קלאָוקמאַכער יוניאָן אַרונטערגע־נומען אַלע אינסייד און אויטסייד אַרבייטער פון דיעזע צעהן מאַנופעקטשורערס, אַרום פיער טויזענד אין צאָהל, אין סטרייק. געלד איז אין דער טרעזשורי פון דער יוניאָן געווען זעהר ווייניג. נאָר ווער האָט דאָס דעמאָלסט געקעהרט פאַר געלד? ענטהוזי־אַזמוס און ענטשלאָסענהייט איז געווען מעהר ווי גענוג. און דאָס איז אַלעס וואָס עס איז נויטיג געווען. יעדען פרייטאָג צו נאַכט פלעגען די סטרייקער אָבהאַלטען גרויסע מאַסען־פערזאַמלונגען און דאָרטען פלעגט בעשלאָסען ווערען, אַז דאָס, וואָס מען האָט ביז יעצט געסטרייקט, איז דאָך יעדענפאַלס שוין פאַראיבער,

און פון יעצט אָן זאָל מען אָנפאַנגען סטרייקען פון דאָס ניי. און אזוי האָט עס זיך געפיהרט יעדען פרייטאג...

פאַר דיעזער צייט פון סטרייק האָבען זיך אויך אָרגאַניזירט די אויטסייד קאָנטראַקטאָרס אין אַן אסאָסיאיישאָן. פון אָנפאַנג איז זייער צוועק געווען צו עפענען די שעפּער און העלפען ברעכען דעם סטרייק. און אַזוי איז עס טאַקע געווען. פיעלע פון די סטרייקערס זיינען בייטאָג ארומגעלאָפען אין פּיקעט־קאָמיטעס און ביינאַכט האָט מען זיי געטראָפען ארבייטענדיג אין די שעפּער. נאָר דורך פיעלע קאָנפערענצען מיט די קאָנטראַקטאָרס האָט מען זיי געגעבען צו פערשטעהן, אַז אויב דער סטרייק זאָל פערלאָרען געהן, וועלען זיי ליידען אַקוראַט אַזוי פיעל, ווי אונזערע אַרבייטער, אויב ניט מעהר. און זיי האָבען בעשלאָסען אָבצושליסען זייערע שעפּער און זיך אָנשליסען אָן סטרייק.

גלייך נאָך דעם איז אַ סטרייק־קאָמיטע געבילדעט געוואָרען פון פערטרעטער פון אַלע דריי אָרגאַניזאַציאָנען, פון דער קלאָוק־מאַכערס יוניאָן, קאַטערס און קאָנטראַקטאָרס אַסאָסיאיישאָן, וועלכע האָט זיך גערופען די „קאָנסאָלידייטעד באָארד“. אַן אַגרימענט איז געשלאָסען געוואָרען אַז קיין יוניאָן־מאַן טאָר ניט אַרבייטען ביי אַ נאָן־אסאָסיאיישאָן קאָנטראַקטאָר. זיי פון זייער זייט דאַרפען ניט בעשעפטיגען קיין נאָן־יוניאָן לייטע. די קאַטערס טאָרען ניט שניידען קיין אַרבייט, וואָס ווערט געמאַכט ביי נאָן־יוניאָן לייטע. דאָס זעלבע די קלאָוקמאַכער, זיי טאָרען ניט מאַ־כען קיין אַרבייט וואָס איז געשניטען געוואָרען ביי ניט יוניאָן־קאַטערס.

יעדע אָרגאַניזאַציאָן האָט איינגעלעגט צוויי טויזענד דאָלאַר, אַז זי וועט האַלטען דעם אָבמאַך. דיעזע פעראייניגונג האָט אריינגעבראַכט אַ נייעם לעבען אין די רייהען פון די סטרייקערס. אויך האָבען די ביסעל סקעבס ניט געהאַט וואו זייער טהעטיג־קייט אויסצואיבען, ווייל אַלע אויטסייד שעפּער זיינען געווען געשלאָסען.

די מאַנופעקטשורערס האָבען אפילו פּרובירט מאַכען זייער אַרבייט אין בראָנזוויל, וועלכע האָט זיך נאָר וואָס אָנגעפאַנגען צו ענטוויקלען אַלס אַ שטעדטעל, און וואו עטליכע הונדערט

קלאָוקמאַכערס האָבען געוואוינט, ווייל פאַר קבצנים איז בראָנז־וויל געווען אַ גן־עדן: רענט האָט דאָרטען געקאָסט כמעט אַזוי גוט ווי גאָר ניט. עס פלעגט טרעפען צייטען אין בראָנזוויל, ווען די לענדלאָרדס, וועלכע זיינען אַליין אויך געווען אָרימע שניי־דערס, האָבען זייערע טענענטס געלאָזען וואוינען דעם גאַנצען ווינטער אָהן רענט, ווייל ערשטענס האָבען די לענדלאָרדס ניט געהאַט אָדער ניט געוועלט ספּענדען די פּאָר דאָלאַר וואָס עס קאָסט אַ טענאַנט אַרויסוואַרפען, און צווייטענס, ווען אין מיטען ווינטער וועט זייער הייזקע בלייבען שטעהן ליידיג, וועלען די וואַסער־פּייפּס פערפראָרען ווערען, און עס וועט זיי קאָסטען דער פיקסען פיעל מעהר, ווי די גאַנצע רענט האָט בעטראָפען.

די מאַנופעקטשורערס האָבען געהאָפט, אַז אַזעלכע קבצנים וועלען זיך געווים אָנכאַפּען צו מאַכען סקעב אַרבייט. נור זיי האָבען געהאַט אַ טעות. זייער פּלאַן האָט זיך זיי ניט איינגעגע־בען. ערשטענס האָבען טאַקע די בראָנזווילער ניט געוואָלט סקעבען; צווייטענס, אַזוי ווי אין בראָנזוויל פלעגט אַ פּאָליסמאַן דורכפאָהרען איין מאָל אַ וואָך, האָט טאַקע דארום קיינער קיין חשק ניט געהאַט צו סקעבען...

* * *

דער געוועזענער רוסישער סטודענטען־קלאָב, וועלכער איז געווען אין די ערשטע יאָהרען טהעטיג אין אָרגאַניזירען יוניאָנס, איז שוין דאַמאָלסט צוטהיילט געווען אין אַנאַרכיסטען און סאָ־ציאַלדעמאָקראַטען. יעדער פון זיי האָט געוואָלט צייגען אַז די אַרבייטער אינטערעסען וועלען בעסער פערטהיידיגט ווערען, ווען מען וועט אָננעהמען זייער פּראָגראַם...

די ערשטע צייט פון דער יוניאָן באַוועגונג האָבען די אַנאַרכיסטען געהאַט דעם גאַנצען איינפלוסס אויף די יוניאָנס, ווייל די ערשטע אָרגאַנייזערס פון די יוניאָנס זיינען געווען די באַקאַנטע אַנאַרכיסטען פון יענער צייט: דר. זאָלאָטאַראָוו, דר. גירזשדאַנסקי, יאַנאָווסקי, שטאַהלער, פרענער און אַ געווי־סער ר. לואיס, וועלכער איז נאָכדעם געוואָרען אין שיקאַגאָ אַ לאָיער און אַ דעמאָקראַטישער פּאָליטישען.

דורך דעם קלאָוקמאַכער סטרייק האָבען אויך די סאָציאַל־דעמאָקראַטען געוואָלט קריגען דעם איינפלוס אויף אונזער יוניאָן, און זייערע בעסטע רעדנער, ווי גענאָסע אַב. קאַהאַן, זאַמעטקין, לואי מילער און נאָך אַנדערע זיינען זעהר טהעטיג געוועזן און געהאָלפען די סטרייקער מיט ראַטה און טהאַט.

מיט איינעם וואָרט, אַנאַרכיסטען אַזוי גוט ווי סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען געטהאָן זייער בעסטעס דעם סטרייק צו געווינען. צווישען די אַנאַרכיסטישע רעדנער איז אויך געוועזן איינער אַ געוויסער גאַרסייד, אָדער פּראָפעסאָר גאַרסייד, ווי די קלאָוקמאַכער האָבען איהם גערופען. ווער ער איז געוועזן, אָדער פון וואַנען ער איז געקומען האָט קיינער ניט געוואוסט. אייניגע האָבען געזאָגט, אַז ער איז געוועזן אַ גלח אין טשוירטש און פאַר זיין אַנאַרכיזמוס האָט מען איהם אַרויסגעוואָרפען; אַנדערע וויעדער האָבען גאַר געמורמעלט אַז ער איז געוועזן אַ שפּיאָן פון די מאַנופעקטשורערס; נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, ער איז געוועזן אַן אויסגעצייכענטער רעדנער, און אין זיינע רעדעס פלעגט ער אימער שטאַרק קריטיקירען די פּאָליציי פאַר איהר ברוטאַליטעט געגענאיבער די סטרייקערס. אַזעלכע רעדעס האָבען אונזערע לייטע שטאַרק געגליכען, און ער איז גלייך געוואָרען דער גאַנצער ליעדער אין סטרייק, צוזאַמען מיט באַראָנדעס'ען.

און אַזוי ווי באַראָנדעס איז נאָך געוועזן אַ גרינער און האָט זעהר ווייניג געקענט די ענגלישע שפּראַך, איז גאַרסייד געוועזן איבעראַל דער ערשטער. יעדען זונטאַג פלעגט ער האַלטען ספּיטשעס אין די טשוירטשעס איבער דעם סטרייק און פלעגט ברענגען פון דאָרטען גאַנצע זעק מיט געלד פאַר די סטרייקערס. דורך זיין ריידען און שרייבען אין די ענגלישע צייטונגען, איז די גאַנצע שטאָדט געוועזן אויף אונזער זייט.

די סטרייקערס, זעהענדיג אַז די פּאָבליק אָפּיניאָן איז אויף זייער זייט, און אַז געלד קומט אַריין זעהר פיעל, האָבען געקעמפּפט ווי די לייבען. קיינע אַרעסטען האָבען זיי ניט אָבגעשראָקען, און ווען עס האָט פּאַסירט אַז אַ קאָמיטע פון סטרייקער זיינען געגאַנגען סטאַפּען אַ סקעב־שאָפּ, ביי אַ געוויסען קאָנטראַקטאָר ביילעט, אין עלדרידזש סטריט קאָרנער ריווינגטאָן,

און איינער פון אונזערע קאָמיטע־לייט איז פון דעם קאָנטראַקטאָר געשאָסען געוואָרען, איז די ווירקונג געווען גראָד א פערקעהרטע: אָנשטאָט זיך אָבצושרעקען, האָבען אַלע סטרייקער זיך צוזאַמענגעקליבען און געגעבען א שבועה, צו קעמפּפען ביז׳ן לעצטען טראָפּען בלוט, ביז דער סטרייק וועט ניט געוואונען ווערען.

אָבסטרייקענדיג 15 וואָכען, האָבען די מאַנופעקטשורערס איינגעזעהן אז דאָס איז א שפּיעל פאר׳ן טייוועל. עס איז דאַן געווען אין מיטען אויגוסט. די ארבייט האָט געמוזט געמאַכט ווערען, און די מאַנופעקטשורערס האָבען אָנגעפאַנגען צו אונטערהאַנדלען וועגען א סעטעלמענט.

נאָך איניגע טעג אונטערהאַנדלען, איז א סעטעלמענט געמאַכט געוואָרען, אונטערשריבען פון פּראָפעסאָר גארסייד, די פערטרעטערס פון די קאַטערס און אויך פון די קאָנטראַקטאָרס אסאָסיאיישאָן. באַראָנדעס איז ביי דיזען סעטעלמענט ניט אנוועזענד געווען. אזוי שנעל ווי דער טעקסט פון דעם סעטעלמענט איז בעוואוסט געוואָרען צווישען אונזערע קלאָוקמאַכערס, האָבען אַלע אָנגעפאַנגען צו פּראָטעסטירען. די איינציגע וואָס האָבען אָנגענומען דעם סעטעלמענט זיינען געווען די קאַטערס, ווייל זיי האָבען געקראָגען בעצאָהלט פון די מאַנופעקטשורערס פאר די גאַנצע צייט, וואָס זיי זיינען געווען אויסגעשלאָסען פון דער ארבייט. זיי האָבען געקראָגען פיער און דרייסיג טויזענד דאָלאר אין וויידזשעס. די קאַטערס זיינען געגאַנגען ארבייטען; די קלאָוקמאַכער און די קאָנטראַקטאָרס האָבען זיך ניט געקימערט וואָס די קאַטערס זיינען אוועק ארבייטען. זאָלען זיי נור שניידען, מען וועט דאָך מוזען אָנקומען צו אונז.

אויף מאָרגען האָט שטאַטגעפונען א מאַס־מיטינג פון אַלע סטרייקער אין ניו עווערעט האָל, 31 איסט 4טע סטריט, וועלכער איז דעמאָלסט געווען דער גרעסטער האָל אין ניו יאָרק. נאָך דעם ווי גענאָסע קאהאַן, דער יעצטיגער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״ און יאָזעף באַראָנדעס האָבען ערקלעהרט די בעדייטונג פון דעם אַגרימענט, איז גענומען געוואָרען א וואוט דורך שטימצעטעל און דער רעזולטאַט איז געווען, אז בלויז 24 האָבען געשטימט

פאר געהן ארבייטען, און מעהר פון צוויי טויזענד האָבען גע־שטימט פאר ווייטער סטרייקען.

דער ענטהוזיאזמוס איז געווען ניט צו בעשרייבען. מענער און פרויען זיינען געשפרונגען אויף די טישען. די געשרייען האָט מען געקענט הערען פאר א צעהנדליג בלאָק. ווען דער עולם האָט זיך אביסעל אָבגעקיהלט, האָט דער טשערמאַן פון מיטינג ער־קלעהרט, אז אָבוואָהל אַלע האָבען געשטימט פאר סטרייקען, אָבער אזוי ווי צו סטרייקען דאַרף מען האָבען געלד, און דאָס איז גראַד ניטאָ, ווייל אַלע קוועלען זיינען שוין אויסגעשעפּט, דארום וואָלט ער ראַטהען מען זאָל די זאַך נאָך אַמאָל זיך איבערלעגען.

אין דער זעלבער מינוט איז איינער פון דער מאַסע צוגע־קומען צום טשערמאַן, און ארונטערגעהמענדיג א רינג פון פינ־גער האָט ער דעם טשערמאַן ערקלעהרט, ער זאָל דיעזען רינג פערקויפען אָדער פערפּייגען און דאָס געלד געבען צו די סטרייקערס. אין די נעקסטע פּאָר מינוטען זיינען ביים טשערמאַן אויפ'ן טישעל געלעגען אָנגעוואָרפען רינגען, וואַטשעס, אויער־רינגלעך, בראָשעס און אַנדערע שטיקלעך דזשועלערי.

אַלע האָבען געשריען אז מען זאָל דאָס פערקויפען און ווייטער אָנפיהרען דעם סטרייק.

יעדער וואָס האָט בייגעוואוינט דיעזע סצענע, וועט איהר געדענקען זיין גאַנצען לעבען. אייניגע האָבען געוויינט. אַנדערע האָבען געשריען און זיך געהיצט. דער גאַנצער לאָקאַל מיט מענ־שען האָט אויסגעזעהן ווי א גרויסער קאָך־קעסעל. איך שטעל מיר פאָר, אזוי האָט געמוזט אויסזעהן אין דער מדבר, ווען מען האָט געדאַרפט מאַכען דעם עגל הזהב, ווען די פרויען האָבען ארונטערגעריסען זייערע אויעררינגלעך און אריינגעוואָרפען אין פייער, עס זאָל ארויסקומען א וואָס גרעסערער קאַלב.

אויף מאָרגען האָבען אַלע ענגלישע צייטונגען געהאַט עקסטראַס איבער דיעזע פּאַסירונג. די גאַנצע שטאָדט האָט גע־קאָכט דערמיט.

ווען די מאַנופעקטשורערס האָבען דערהערט, וואָס דאָ האָט זיך אָבגעטהאָן, זיינען זיי געקומען צום שלום אז זיי מוזען

סעטלען דעם סטרייק. און אין איינינע טעג שפּעטער איז דער סטרייק געסעטעלט געוואָרען מיט דעם פולסטען זיעג פון דער יוניאָן. די יוניאָן איז פון די מאַנופעקטשורערס אַנערקענט גע־וואָרען אין פולסטען זין פון וואָרט, און ענדע אויגוסט 1890 זיינען אַלע סטרייקערס צוריקגעגאַנגען ארבייטען און האָבען אריינגעמאַרטשט אין די שעפּער אַלס זיעגער.

V

נאָכ'ן גרויסען סטרייק.

ווען אונזערע מיטגליעדער זיינען נאָך דעם סטרייק צוריק־געגאַנגען אין זייערע שעפּער, האָבען זיי ערשט דערפיהלט, וואָס די יוניאָן האָט פאַר זיי אויפגעטהאָן.

די אינסייד קאָנטראַקטינג סיסטעם, אַז איין ארבייטער זאָל בעשעפטיגען אַ האַלבען דאָזען אָדער מעהר ארבייטער, איז אָבגעשאַפט געוואָרען. יעדער האָט געארבייט פאַר זיך, און וויפיעל די פירמע האָט געצאָהלט פאַר אַ גאַרמענט, האָבען עס די ארבייטער אין גאַנצען געקראָגען. די פרייזען פון די פרעסערס זיינען געהעכערט געוואָרען פון 9 און 10 דאָלאַר אויף פיערצעהן דאָלאַר אַ וואָך.

אין די אויטסייד שעפּער איז אָבגעשאַפט געוואָרען די סיסטעם פון מאַכען פייער אין סטאָוו, אויסקעהרען די שאַפּס און טראָגען באַנדלעך פון ווערהויז און אין ווערהויז. די שטיק־ארבייטער האָבען אָנגעפאַנגען פערדיענען אַ סך געלד.

דער סעזאָן איז דאַן געווען אַ גוטער. ארבייט איז געווען אַ סך. דערצו האָט מען נאָך יענעם סעזאָן אָנגעפאַנגען צו מאַכען צום ערשטען מאָל שייפּ דזשעקעטס. און אַזוי ווי די ערשטע צייט האָבען אונזערע חברה ניט געוואוסט ווי די שייפּס אויסצוגעהען און ווי איינצונעהען די קאָלערס, האָט עס ביי זיי זעהר לאַנג גענומען, און די מאַנופעקטשורערס האָבען דאַפיר געמוזט צאָהלען גרויסע פרייזען.

נאכהער, ווען די אָפּערייטארס האָבען זיך איינגעטרייט אין די שייפּ דזשעקעטס, האָבען זיי פּערדיענט צווישען צעהן און פופצעהן דאָלאר א טאָג.

אויסערליך איז די יוניאָן געוואָרען שטארקער פון טאָג צו טאָג, און טראָצדעם וואָס די איינטריטס־געלד אין דער יוניאָן איז געהעכערט געוואָרען אויף אכט דאָלאר מיט זיעבציג סענט, וואָס איז דאמאלס געווען א געוואלדיג גרויסע סומע, האָבען דאָך הונדערטע נייע מעמבערס זיך אָנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן יעדע וואָך.

די יוניאָן האָט אויפגעפיקסט א גרויסארטיגען אָפּיס אין 170 לודלאָו סטריט, וועלכער האָט אויסגעזעהן פּונקט ווי א באנק געשעפט. אינערליך אָבער איז געווען גרויסע צרות. די עקזעקוטיוו באָארד, דעלעגאטען, זייענדיג נאָך גרינע, און ניט האָבענדיג די נויטיגע עקספּיריענס צו פיהרען אזא גרויסע יוניאָן, האָבען זיך ניט געקענט ספּראווען מיט דער גאנצער ארבייט. מען האָט יעדע נאכט געמיטעט ביז 4 אוהר מאָרגענס, און די די פערשיעדענע קאָמיטעס, וועלכע זיינען געקומען מיט זייערע טראָבעלס צו דער עקזעקוטיווע, זיינען מאנכעס מאָל געצוואונגען געווען צו שטעהן שטונדען לאנג אונטער'ן טהיר אבצוואווארטען ביז מען וועט זיי צולאָזען.

עס פלעגט אָפט פּאסירען אז די קאָמיטעס האָבען פערלאָרען זייער געדולד און האָבען איינגעבראָכען די טהירען. מען קען זיך שוין פאָרשטעלען וואָס דאָרטען האָט זיך דאן אָבגעטאָן. טשערס און טישען זיינען געפלויגען אין די קעפּ, און די דעלעגאטען זיינען אָפט געצוואונגען געווען אויסצולעשען די געז, איבערלאָזען זייערע רעק און העטס און אנטלויפען דורך די פייער־עסקייפּס, כדי זיי זאָלען ניט קריגען צובראָכען די ביינער.

כמעט נאָך יעדען עקזעקוטיוו מיטינג האָט מען געמוזט אָבקויפען די דעלעגאטען נייע העטס. ווייל זייערע אלטע זיינען צובראָכען געוואָרען אין די פייטס מיט די אויפגערעגטע קאָמיטע לייט.

אם שטארקסטען האָבען זיך אין די פייטס אויסגעצייכענט איינינגע פּרעסערס. איינער א פּרעסער מיט'ן נאָמען פּייוועלע

דער שכור, וועלכער האָט זיך גערופען פייפקע. צי ער האָט געדאַרפט האָבען צו דער עקזעקוטיווע צי ניט, כמעט יעדע נאַכט איז ער געווען ביי דער טהיר מיט אַ פלאַש שנאַפּס אין האַנד, איינגעבראָכען די טהיר און זיך אַוועקגעשטעלט אויפ'ן מיטען פלאָר און צו אַלע דעלעגאַטען געטרונקען „לחיים“ און געהט טהוט איהם עפּעס... ברענגען אַ פּאָליסמאַן און איהם אַרויס־ווארפען האָט פאַר דער יוניאָן ניט געפּאַסט, און מען האָט איהם געמוזט דולדען.

אַ צווייטער איז געווען אַ געוויסער גאָטעסמאַן. ער פלעגט עפענען די טהיר, כאַפּען דעם ערשטען טשער וואָס איז איהם געקומען אין האַנד, און גלייך מכבד געווען מיט איהם דעם טשער־מאַן אין קאָפּ.

אַ דריטער איז געווען אַ געוויסער פּרעסער לאַנגער. דיעזער לאַנגער איז געווען אַרום זיעבען פוס הויך. דאַר איז ער געווען ווי אַ שטעקען, האָט געהאַט אַ קליין שיטער בערדעל, און האָט אימער געהאַלטען אַ שמעק טאַבאַק אין די פינגער. געהענדיג האָט ער אויסגעזעהן ווי אַ לולב. ווען דיעזער לאַנגער האָט יעמאַנדען געגעבען אַ פּאַטש האָט מען זיך געקענט זעהן מיט דער עלטער־באָבען פון יענער וועלט...

אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז די עקזעקוטיוו באָארד אָפט געצוואונגען געווען צו האַלטען איהרע מיטינגען אין ברוקלין אָדער ערגעץ אַפּ־טאַון אין אַ קעלער, וואו קיינער זאָל ניט קענען אויסגעפינען, און דאָס האָט זעהר שווער געמאַכט די אַרבייט פון מענעדזשען דעם אָפיס. חוץ אַלעם דעם איז די עקזעקוטיוו באָארד צוטהיילט געווען אין באַראַנדעסיסטען און גאַרסיידיסטען,ביידע פון זיי האָבען געהאַט חסידים, און דיעזע חסידים האָבען איינע געגען די אַנדערע פערשפּרייט סלוכען פון אונעהרליכקייט און אונטרייהייט צו דער יוניאָן. עס האָט גענומען אַ שטיקעל צייט ביז מען האָט ענדליך אויסגעפונען אַז גאַרסייד איז ניט פּאַסענד צו זיין דער ליעדער פון דער יוניאָן, און מען האָט איהם געגעבען דעם דרך.

אין אַ צייט שפּעטער האָט מען ווירקליך אויסגעפונען, אַז

דער בעטרעפענדער גאַרסייד איז געוועזן אַ שפּיאָן און איז געוועזן פערבונדען מיט אַ דעטעקטיוו איידזשענסי.

דער פּטר'ן פון גאַרסייד'ען האָט נאָך אָבער אַלץ ניט געבראַכט קיין פריעדען צווישען די קלאָוקמאַכער, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער שפּיצע פון דער יוניאָן, ווייל דער איבעל איז געוועזן אַ גאַנץ אַנדערער, און דורך דיעזען איבעל איז מיט אַ צייט שפּעטער די יוניאָן צו גרונדע געגאַנגען.

אין לעצטען קאַפּיטעל האָבען מיר שוין אָנגעדייטעט, אַז דער רוסישער סטודענטען-קלוב איז שוין דאַמאָלסט צוטהיילט געוועזן אין אַנאַרכיסטען און ס. ל. פּ.'ניקעס. די אַנאַרכיסטען האָבען ארויסגעגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג, די „פרייע אַרבייטער שטימע", און די סאָשיאַליסט לייבאָר פּאַרטי האָט ארויסגעגעבען די „ארבייטער צייטונג".

ביידע צייטונגען האָבען געמאַכט פּראָפּאַגאַנדאַ צווישען די ארבייטער. נאַטירליך האָבען ביידע, לויט זייער פּרינציפּיעלען שטאַנדפּונקט, געהאַט דזשאַב-פּרינטינגס, און יעדע פון זיי האָט געקליימט די גאַנצע יוניאָן פּרינטינג ארבייט פאַר זיך.

אונזער יוניאָן, ניט וועלענדיג זיין פּאַרטייאיש, האָט בעשלאָסען צו טהיילען אונזערע פּרינטינג-דזשאַבס צו ביידען גלייך, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס די גרעסטע צאָהל פון אונזערע אַקטיווע מיטגליעדער זיינען געוועזן אַנאַרכיסטיש געזאָנען.

בעפאָר דעם סטרייק האָבען די אַנאַרכיסטען אין אונזער יוניאָן געהאַט די אויבערהאַנד. נור דורכ'ן סטרייק האָבען די סאָציאַל-דעמאָקראַטען זעהר פיעל גוטע דיענסטע געלייסטעט פאַר אונזער יוניאָן, הויפּטזעכליך אָבער האָבען זיי זיך אויסגעצייכענט ביין סעטעלמענט פון סטרייק. געג. אב. קאַהאַן האָט ראַן זעהר אַ טיכטיגען אַנטהייל גענומען און דער סענטימענט האָט זיך גענומען ענדערען. פיעלע האָבען אָנגעפאַנגען צו סימפּאַטיזירען מיט דער ס. ל. פּ.

אָבער גלייך נאָכ'ן סטרייק האָט באַראָנדעס אָנגעשטעלט אַלס אַסיסטענט מענעדזשער דעם געוועזענעם אַנאַרכיסט ר. לואיס, וועלכער איז יעצט אין שיקאַגאָ אַ דעמאָקראַטישער פּאָליטישען, און דאָס האָט געווירקט ווי אויל אויפ'ן פייער.

ביידע פראַקציאָנען האָבען אָנגעפאַנגען אַ קאַמפּף אין דער יוניאָן, און דער מיטעלפּונקט איז געווען באַראָנדעס, ווייל ער איז געווען פריינדליך צו די אַנאַרכיסטען.

מען האָט אין גאַנצען פערגעסען אַז די יוניאָן האָט וויכטיגע געשעפטען צו טהאָן. מיטינג נאָך מיטינג איז פערנומען געוואָרען מיט דעבאַטען איבער סאָציאַליזמוס און אַנאַרכיזמוס.

פאָלגענדער פאַל קען אַם בעסטען כאַראַקטעריזירען דעם דאַמאָלסטיגען צושטאַנד. די סאָשיאַליסט לייבאָר פּאַרטי האָט געשיקט צו אונזער יוניאָן אַ קאָמיטע מיר זאָלען אינדאָרסירען איהרע קאַנדידאַטען. די אַנאַרכיסטען האָבען געפייט און געמאַכט טראָבעל. ענדליך האָבען מיר אָבער זיי דאָך אינדאָרסירט. זיינען איינינגע אַנאַרכיסטישע סימפּאַטיזירער אוועק צו אַ געוויסען ט ש אַ ר ל י ס מ י ט ה, וועלכער האָט געהאַלטען אַ סאַלון אויף עסעקס סטריט, געגענאיבער עסעקס מאַרקעט קאָורט. דיעזער סמיטה איז דאַמאָלסט געלאָפען אַלס אָלדערמען אויף דעם טאַמאַני האָל טיקעט. זיי האָבען איהם אָנגערעדט, אַז ער זאָל פאָדערען אַן אינדאָרסמענט פון די קלאָוקמייקערס יוניאָן.

צום נעקסטען מיטינג איז ערשיענען אַ קאָמיטע פון טאַמאַני האָל. די קאָמיטע האָט ערקלעהרט, אַזוי ווי טשאַרלי סמיטה האָט פיעל טובות געטהאָן דער יוניאָן, ווי למשל, געבייליט זייערע אַרעסטירטע סטרייקער, פיעל מיטגעהאָלפען אין קאָורט א. ז. וו., — דערפאַר זיינען זיי בערעכטיגט צו פערלאַנגען זיין אינדאָסמענט.

די יוניאָן איז נאַטירליך געקומען אין אַ פערלעגענהייט. נאָך אַ לאַנגער דעבאַטע האָט זי ענדליך בעשלאָסען קיינע קאַנדידאַטען אָדער פּאַרטייען צו אינדאָרסירען. די סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען געקליימט, אַז באַראָנדעס האָט זיי אָבגעטהאָן דעם שפּיצעל מיט טשאַרלי סמיטה, און דערווייל איז געווען שטאָף אויף געריד און קריעגעריי.

אַ צווייטער פאַל האָט פּאַסירט, ווען עס איז געקומען בעפאָר'ן 11טען נאָוועמבער, ווען מען האָט בעדאַרפט פייערען דעם אַנדענקען פון די ערמאָרדעטע 7 שיקאַגאָער אַנאַרכיסטען.

אַזוי ווי די סאָציאַל־דעמאָקראַטען זיינען געווען פיינדליך

צו די אַנאַרכיסטען, האָבען זיי בעשלאָסען צו פייערען דעם צעהנטען נאָוועמבער אַנשטאָט דעם עלפטען. אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן האָט זיך ווידער ענטוויקעלט אַ דעבאַטע איבער דער פראַגע: אין וועלכען טאָג זאָלען מיר שיקען אונזערע פלעגס צו די פערזאַמלונגען — דעם צעהנטען צו די סאָציאַל־דעמאָקראַטען, אָדער דעם עלפטען צו די אַנאַרכיסטען?

נאָך אַ לאַנגען פייט איז ענדליך בעשלאָסען געוואָרען צו שיקען אונזערע פלעגס צוביידע מיטינגען.

אַזעלכע האַנדלונגען האָבען נאַטירליך אָנגעמאַכט פיעל הייסעס בלוט און מחלוקות צווישען די מיטגליעדער. די גלייכגילטיגע און אונבעוואוסטע אַרבייטער, וועלכע מיר האָבען דאַמאָלסט געהאַט זעהר פיעל, האָבען אַ שפּיי געטהאָן אויף אַלעמען, און האָבען אויפגעהערט צו בעזוכען די מיטינגען.

ווי מיר האָבען שוין אין אָנפאַנג פון דיעזען אַרטיקעל בעמערקט, איז אויסערליך די יוניאָן געווען גאַנץ שטאַרק. מיר האָבען קאָנטראָלירט אַלע שעפּער אין ניו יאָרק און האָבען געהאַט אַ מעגליכקייט צו טהאָן אַ סך גוטע אַרבייט.

דער איינציגער טראָבעל וואָס מיר האָבען געהאַט, איז בלויז געווען צו פערהיטען אַז אונזערע לייטע זאָלען ניט אַרבייטען גאַנצע נעכט אין די אויטסייד שעפּער. אונזערע לייטע זיינען נאָך דאַמאָלסט ניט געווען פאָרטגעשריטען גענוג, צו וויסען וואָס מען טהוט פון 6 אוהר פאַרנאַכט ביז 8 אוהר מאָרגענס. מאַנכע האָבען זיך בעקלאָגט, אַז זיי ווערען פּשוט משוגע פון אַרומגעהן אַזאַ שטיק צייט לעדיג, און אַלע גליעדער טהוען זיי וועה פון אַזאַ לאַנגע נאַכט שלאָפען.

פיעלע פון אונזערע משוגעים פלעגען זיך אַריינכאַפּען נאָך סאַפּער אין די שעפּער אויף אַ פּאָר שטונדען זיך אויסגלייכען די ביינער... דאַדורך איז די יוניאָן אָפט געצוואונגען געווען אַרויסצושיקען קאָמיטעס ביינאַכט און אַרונטערשלעפּען אונזערע חברה פאַר די קאָלנערס. ווייטער איז אַלעס געווען אין דער בעסטער אָרדנונג. די דיסציפּלין איז געווען שטאַרק און דער רעספּעקט פאַר דער יוניאָן איז געווען זעהר גרויס.

די איינצעלנע זייט, פון וועלכער די יוניאָן האָט געקענט ער־

ווארטען טראָבעל, איז געווען פון דער קאָנטראַקטאָרס אסאָסי־איישאָן.

ווי בעוואוסט זיינען די קאָנטראַקטאָרס מיט אונז צוזאמען געשטאַנען דורך דער צייט פון גרויסען לאָק־אויט, און נאָכדעם ווי דער לאָק־אויט איז געווען געסעטעלט, האָבען זיי געקליימט, אז זיי קומט דער גאנצער קרעדיט, דאָס וועט ניט זיי, וואָלט דער גאנצער סטרייק פערלאָרען געגאנגען, דערפאר זיינען זיי בע־רעכטיגט צו דעם גאנצען רייז, וואָס די מאַנופעקטשורערס האָבען געגעבען.

אונזערע לייטע האָבען וויעדער געוואָלט נעהמען דעם גאנ־צען קרעדיט צו זיך.

די קאָנטראַקטאָרס האָבען געזוכט טראָבעל, נאָר אזוי ווי זיי האָבען שטארק מורא געהאט פאר באַראַנדעס'ען, און ספּע־ציעל פאר זיינע פעטש, ווייל א פאָר קאָנטראַקטאָרס האָבען שוין דאָס פון איהם פערזוכט; האָבען זיי זייער גרימצאָרען גע־מוזט בעהאַלטען אויף א פיעל גינסטיגערע צייט. און דיעזע צייט האָט זיך זיי אין גיכען געמאכט!

VI

דער אָנפאַנג פון דער אָבשאַפונג פון קאָנטראַקטינג סיסטעם און דער לאָקאוט פון די אויטסייד ארבייטער.

צום ענדע פון ווינטער סעזאָן פון 1890 האָט מאיר דזשאנא־סאָן, וועלכער איז געווען דער גרעסטער קלאָוק־מאַנופעקטשורער אין אמעריקא, ערקלערט דער יוניאָן, אז ער געהט אָבשאַפען אין גאַנצען דעם סיסטעם פון מאַכען זיין ארבייט ביי אויטסייד קאָנטראַקטאָרס. אנשטאט דעם וועט ער עפענען א גרויסע פעקטאָרי, און אַלע וואָס האָבען פאר איהם געארבייט אויטסייד וועט ער אריינגעהמען אינסייד.

מיר האָבען דאמאלס ניט געוואוסט צי מיינט ער בלויז אָבצושאפען די סוועטינג סיסטעם, וועלכע האָט דאמאלס זעהר

שטאַרק גענערשט אין די אויטסייד שעפּער, אָדער ער האָט אויסגעפונען אַז אינסייד וועט איהם די אַרבייט קאָסטען פיעל בילינער, ווייל דעם פּראָפיט וואָס די קאָנטראַקטאָרס מאַכען וועט ער אליין האָבען. נאָר וואָס ער זאָל ניט האָבען געטראַכט, די יוניאָן האָט נאַטירליך געגען דעם גאָר ניט געקענט האָבען. מיר האָבען איין מאָל פאַר אַלע מאָל געוואָלט זעהען דעם סוועטינג סיסטעם אָבגעשאַפט — זאָל עס קומען פון אַ קאָזאַק אבי עס זאָל געשעהן.. דערצו זיינען נאָך די אויטסייד קאָנטראַקטאָרס די לעצטע צייט געוואָרען זעהר פרעך. אַ געווי־סער קאָנטראַקטאָר מיט׳ן נאָמען ראָזענטהאַל, וועלכער האָט אַרויסגענומען אַרבייט פון מאיר דזשאַנאַסאָן, האָט אין אַ סכסוך איבער פּרייזען מיט אַ געוויסען ראַבינאָוויטש, אָן אָפּרייטאָר, איהם מיט אַ גרויסע שער דעם קאָפּ צושפּאָלטען. און אַזוי ווי מאיר דזשאַנאַסאָן האָט געשפּיעלט די ראָלע פון אַ מענשען מיט פּראָגרעסיווע אידעען, האָט ער בעשלאָסען דעם קאָנטראַקטינג־סיסטעם אָבצושאַפען.

דזשאַנאַסאָהן האָט געעפענט אַ גרויסע פעקטאָרי אין גרענד סטריט קאָרנער עלען און האָט איינגעפיהרט מאַשינען אויף סטים־פּאַוער, וואָס איז דאַן געווען אַ נייעס אין ניו יאָרק, נאָר ווען מען האָט שוין געדאַרפט געהן אַרבייטען האָבען זיך אָנגעפאַנגען די צרות. די אָפּערייטאָרס האָבען מורא געהאַט זיך צוצוריהרען צו די סינגער מאַשינען, און איבערהויפּט נאָך מיט סטים.

אין יענער צייט האָבען אַלע אָפּערייטאָרס גענעהט אויף הויזהאָלד מאַשינען מיט פיט־פּאַוער. די שניידערס, עלטערע אידען, האָבען גלאַט מורא געהאַט צו געהן אַרבייטען אין די הויכע פענסטער, ווייל דאָרטען וועט מען דאָך מוזען אויסקאַמען די באָרד, אָנטהאָן אַ העמד מיט אַ קאָלער, וואָס איז דאַמאָלסט געווען אַ זעלטענהייט צווישען די קלאָוקמאַכער א. ז. וו. חוץ דעם האָט זיך נאָך אין זיי צופלאַקערט דאָס פּינטעלע איד און זיי זיינען געוואָרען גאַנצע שומרי שבת׳ניקעס, און עס האָט זיך געטומעלט אויף וואָס די וועלט שטעהט.

די שונאים פון דער יוניאָן האָבען יעצט געהאַט די בעסטע געלעגענהייט צו כאַפּען פיש אין מוטנע וואַסער. זיי האָבען אַגי־טירט, אַז אַלע צרות קומען נאָר פון די פערפלוכטע יוניאָנס, און וואָס שנעלער מען וועט פון זיי פּטור ווערען, אַלץ בעסער וועט עס זיין. נאַטירליך דיעזער אינצידענט האָט אָנגעמאַכט אַ סך טראָבעל אין דער יוניאָן.

די אויטסייד־קאָנטראַקטאָרס, פערשטעהענדיג אַז די אָב־שאַפונג פון די סוועטינג־סיסטעם ביי איין פירמא קען נאָך ווירקען אַז די אַנדערע פירמעס זאָלען אויך טהאָן דאָס זעלבע, — און דאַן? דאַן וועלען נאָך פיליי cט אונזערע קאָנטראַקטאָרען איבערבעטען זייער כבוד און ווערען צוריק אָפּערייטאָרס אָדער פּרעסערס.

האָט זיי דאָס נאַטירליך ניט זעהר שטאַרק געשמעקט, און וויסענדיג אַז אין דער יוניאָן הערשט יעצט אַביסעל אוֹנצופריע־דענהייט, האָבען זיי בעשלאָסען אַז יעצט איז די גינסטיגע צייט פּטור צו ווערען פון יוניאָן לייט אין זייערע שעפּער, און אין יאַנואַר 1891, אין מיטען העלען טאָג, זיינען אַלע אויטסייד ארבייטער אויסגעשלאָסען געוואָרען פון די שעפּער.

נאָך איינינע טעג סטרייקען האָבען די העלדישע קאָנטראַקטאָרס אָנגעפאַנגען סקעבען געגען זייער אַסאָסיאיישאָן, און זיינען איינציגווייז געקומען אין ניו אירווינג האָל, אין ברום סטריט, וואו עס איז געווען די העדקוואַרטערס פון די סטריי־קערס און האָבען געסעטעלט מיט דער יוניאָן, אָבגעבענדיג די מעמבער־קאַרדס פון זייער אַסאָסיאיישאָן צו באַראָנדעסען.

די ליעדערס פון זייער אַסאָסיאיישאָן, וועלכע זיינען געקו־מען סעטלען די לעצטע, זיינען בעשטראָפט געוואָרען פון דער יוניאָן מיט דעם, וואָס זיי האָבען געמוזט בעצאָהלען זייערע אַר־בייטער פאַר דער גאַנצער צייט וואָס די ארבייטער האָבען גע־סטרייקט. זייט דאַן זיינען אָבגעבראָכען געוואָרען אַלע פערבינ־דונגען צווישען אונזער יוניאָן מיט די קלאָוק קאָנטראַקטאָרס אַסאָסיאיישאָן.

VII

די סטרייקס ביי פּאַפּקין און מאַרקס און ביי פישעל בראָדערס.

פון דער צייט וואָס דער גרויסער לאָק־אויט איז געסעטעלט געוואָרען ביז דעם אָנפאַנג פון ספּרינג סיזאָן, האָבען שטאַטגעפונען פיעלע שאַפּ סטרייקס און אַלע זיינען געוואונען געוואָרען. מיר וועלען זיך ניט אָבשטעלען אויף דיעזע אַלע סטרייקס, ווייל זיי האָבען ניט געטראָגען אַזאַ כאַראַקטער, וועלכער זאָל האָבען אַ שטאַרקען איינפלוס אויף דער גאַנצער עקזיסטענץ פון דער יוניאָן. מיר וועלען בלויז בעשרייבען איינצעלנע שאַפּ סטרייקס, וועלכע האָבען שפּעטער געשפּיעלט אַ וויכטיגע ראָלע אין דעם אַלגעמיינעם קאַמפּף צווישען ארבייט און קאַפּיטאַל.

אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי דער לאָק־אויט פון די קאָנטראַקטאָרס האָט זיך געענדיגט, זיינען די אינסייד און אויטסייד ארבייטער (צוויי הונדערט און פופציג אין צאָהל) פון דער פירמאַ פּאַפּקין און מאַרקס ארויסגעגאַנגען סטרייקען, צוליעב די פּרייזען אויף ספּרינג ארבייט.

עס איז ניט וויכטיג ווי לאַנג דער סטרייק האָט אָנגעהאַלטען, אָדער די אַנדערע פּאַסירונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דיעזען סטרייק. אַלעס וואָס עס איז נויטיג צו וויסען איז, אַז איינע פון די פאָדערונגען ביים סעטלען דעם סטרייק איז געווען, אַז פּאַפּקין זאָל זיינע סטרייקער בעצאָהלען וויידזשעס פאַר דער צייט וואָס זיי האָבען געסטרייקט.

די קלאָוקמאַכער, זייענדיג בעגייסטערט מיט זייערע שטענדיגע זיעגע איבער די באָסעס, האָבען אומעטום וואו זיי האָבען געסטרייקט געשטעלט די זעלבע פאָדערונגען, און די פירמאַ פּאַפּקין און מאַרקס איז ניט געווען קיין אויסנאַהמע. נאָך פיעלע אונטערהאַנדלונגען מיט דער פירמאַ האָט מען זיך ענדליך פערגליכען, אַז פּאַפּקין זאָל געבען בלויז הונדערט דאָלאַר. די פירמאַ האָט געוואָלט אויסשטעלען אַ טשעק אויף דער יוניאָנס נאָמען. נור באַראָנדעס, זייענדיג דער מענעדזשער פון דער יוניאָן, האָט

פערלאַנגט אַז דער טשעק זאָל זיין אויסגעשטעלט אויף זיין נאָמען, און אַזוי האָט די פירמאַ געטהאָן.

מיר ווייסען ניט גענוי אויב באַראַנדעס האָט געוואָלט האָ־בען די עהרע אַלס מענעדזשער צו סיינען אַלע טשעקס, אָדער עס איז געווען דערפאַר ווייל די יוניאָן האָט דאַמאָלסט ניט געהאַט קיין אָפענעם באַנק אַקאָונט, און עס וואָלט שווער געווען דעם טשעק צו קעשען. נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין געווען, דער סטרייק איז געסעטעלט געוואָרען און פּאַפּקין האָט איינגעצאָהלט די הונדערט דאָלאַר, וועלכע האָבען מיט אַ צייט שפּעטער באַ־ראַנדעסען אריינגעבראַכט אין פּריזאָן.

אין דעם צווייטען סטרייק, ביי פישעל בראָדערס, איז צום ערשטען מאָל אָנגעווענדעט געוואָרען דער מיטעל צו ברעכען סטרייקס, דערמיט וואָס די באָסעס גיבען אַגרימענטס צו סקעבס. און דיעזער סטרייק איז געווען דער ערשטער, וואָס די יוניאָן האָט פערלאָרען דורך די אַגרימעטניקעס.

די אורזאַכע פון דיעזען סטרייק איז געווען פאָלגענדע: דיעזער שאַפּ איז געווען אַ יוניאָן־שאַפּ ווי אַלע אַנדערע. דאָרטען האָט געאַרבייט אַן אָפּערייטאָר, אַ געוויסער איזראַעל, וועלכער איז געווען דער שאַפּ־דעלעגאַט און אַ מאַכער אין דער יוניאָן. דיעזער שאַפּ־דעלעגאַט האָט פערדאָרבען אַ פּאָר גאַרמענטס, און די עקזאַמענערין, אַ מיידעל, האָט איהם די גאַרמענטס געבראַכט צום פיקסען. נאָר אַנשטאָט די גאַרמענטס צו פיקסען, האָט ער די עקזאַמענערין שטאַרק בעליידיגט, געברויכענדיג צו איהר אַ שפּראַך פון אַ רוסישען קאָזאַק.

די עקזאַמענערין האָט וויינענדיגערהייד איבערגעגעבען די פירמאַ אַלץ וואָס האָט פּאַסירט. די פירמאַ האָט מורא געהאַט אוועקצושיקען דעם בעטרעפענדען איזראַעל, טאָמער וועט די יוניאָן ארויסרופען אַ סטרייק. זי האָט דאַרום אריינגערופען דעם ארבייטער אין אָפּיס און האָט מיט איהם אָבגעמאַכט ער זאָל פערלאָזען דעם שאַפּ, און מען וועט איהם געבען פּאַר אַ וואָך ווייגעס. איזראַעל איז געווען צופריעדען און האָט פערלאָזען דעם שאַפּ.

אָבער אין אַ פּאָר טעג ארום האָט ער זיך בערעכענט, אַז

ער איז דאך א יוניאן־מאן, און וויבאלד אז א יוניאן־מאן זאל קיין רעכט ניט האבען צו בעליידיגען א פארליידי אדער אן עקזאמענערין, טא צו וואס דארף מען אין אלגעמיין א יוניאן?

הקיצור, מען איז געקומען צו דער יוניאן פערלאנגען, אז איזראעל זאל רעאינסטייטעד ווערען. עס האט ניט געהאלפען די ערקלעהרונג אז ער האט פרייוויליג פערלאזען דעם פלאץ. א קאמיטע פון שטארקע האט באראנדעס'ען ארייגעכאפט אין א קארנער און האט איהם ערקלעהרט, אז אויב ער וועט ניט לאזען סטרייקען וועט מען איהם דערשטיקען. און אזוי איז דער סטרייק ארויסגערופען געווארען. פיעלע ארבייטער פון דיעזען שאפ זיינען אפילו ניט צופריעדען געוועזען מיט'ן סטרייק, נאר אז די יוניאן האט גערופען איז מען געגאנגען.

א געוויסער קאהן, וועלכען מען האט דאמאלסט גערופען „דער רויטער קאהן" און א געוויסער היימאן בוך זיינען געוועזען די ערשטע וואס האבען גענומען אגרימענטס ביי פישעל בראדערס. דיעזער שריט איז געוועזען אן אנפאנג פון דער שפעטער־דיגער פערניכטונג פון דער יוניאן. די אנדערע מאנופעקטשורערס, זעהענדיג, אז אזא קליינע פירמא ווי פישעל בראדערס קען בעקעמפפען די יוניאן, האבען זיי אויך אנגעהויבען שטארק טראכטען וועגען פייטען די יוניאן.

VIII

די בעריהמטע דזשעמייקא אפערע.

אין דער דאמאלסטיגער צייט האבען עקזיסטירט די פירמאס בלומענטהאל בראדערס און בענדזשאמין קאספארי. דיעזעביידע פירמאס האבען בעשעפטיגט נאהענט פון אכט הונדערט ארבייטער. ביי דיעזע צוויי פירמאס האבען אויסגעבראכען סטרייקס.

ביי בענדזשאמין און קאספארי האט געארבייט א געוויסער שניידער ראזענטהאל, וועלכער איז שפעטער געווארען אן אויט־

סייד קאָנטראַקטאָר. ער איז אויך געווען א סקעב־אגענט פאר טוירקעל און פעלסטיינער אין אונזער גענעראל סטרייק אין יאָהר 1910. דיזער ראָזענטאל איז געווען א פלאָש שניידער, קיין שטאָפּענע ארבייט האָט ער ניט געקענט מאכען.

אין דעם ווינטער־סיזאָן, נאָך דעם לאָק־אויט, זיינען געווען גענוג פלאָשעס האָט ער פערדיענט שטיקער געלד. צום ספרינג סיזאָן זיינען אָבער קיין פלאָשעס ניט געווען, און די פירמא האָט איהם געגעבען שטאָפּענע דזשעקעטס צו מאכען. נאטירליך האָט ער ביי דער ארבייט ניט געקענט פערדיענען. און אזוי ווי ראָזענטהאל איז געווען א גרויסער יחסן אין דער יוניאָן, האָט ער דעם גאנצען שאַפּ אויפגערודערט, מען זאָל געהן סטרייקען.

איידער מען איז ארונטער סטרייקען, האָט זיי קאספּארי געזאָגט אז זיי זאָלען ווארטען ביז ער וועט שיקען נאָך זייער מענעדזשער, מיסטער באראָנדעסען. נור דער ענטפער איז געווען: מיר זיינען אליין די יוניאָן און ניט באראָנדעס, און אלע זיינען ארונטער אין סטרייק.

בלומענטהאל בראָדערס' ארבייטער האָבען געסטרייקט פאר א פרייז־ליסט אויף די ספּרינג־ארבייט. די ארבייטער פון דיביידע שעפּער האָבען געמיטעט צוזאמען און אלע פיקעטס זיינען געמיינשאפטליך ארויסגעשיקט געוואָרען. עס האָבען זיך שוין געיאָוועט אביסעל סקעבס, ווייל די אויטסייד קאָנטראַקטאָרס זיינען שוין צו אונז פיינדליך געווען, און דיעזע קאָנטראַקטאָרס האָבען אָפען געהאלטען זייערע שעפּער און האָבען ביינאכט אביסעל צוגעסקעבט.

עס איז שוין צוגעגאנגען אביסעל שווערער אָנצופיהרען די סטרייקס, נור דאָך זיינען די מאנופעקטשורערס ניט אימשטאנדע געווען צו מאכען א צעהנטעל פון זייערע ארבייט, און נאָך פינף וואָכען סטרייקען האָבען די צוויי מאנופעקטשורערס ארויס־געזעהן, אז דורך געוועהנליכע מיטלען וועלען זיי די סטרייקער קיינמאָל ניט בעזיעגען.

די געוועהנליכע ברוטאליטעט און ארעסטען פון דער פאָלי־ציי האָבען די באָסעס גאָר ניט געהאָלפען. אלע ארעסטירטע זיינען גלייך ארויסגענומען געוואָרען.

דאָ האָבען זיך די מאַנופעקטשורערס געווענדעט צו דער ניו יאָרקער פּאָליציי פאַר א ראַטה. אָן דער שפּיצע פון דער פּאָליציי איז געווען א געוויסער אינספּעקטאָר בוירנס, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין ברוטאַליטעט געגענאיבער סטרייקענדע ארבייטער. דיעזער דעטעקטיוו האָט די קיים איבער־געגעבען צו א אידישען דעטעקטיוו מיט'ן נאָמען דזשייקאָב. דיעזער דזשייקאָב האָט אָנגעהויבען צו אָרגאַניזירען שפּיאָנען פון די אייגענע יוניאָן־לייט, און ביז צו א געוויסען גראַד איז עס איז איהם געלונגען.

די סטרייקערס זיינען אָבער אויך ניט געשלאָפען און האָבען אָרגאַניזירט זייערע קאָמיטעס, אז די שפּיאָנען זאָלען זיי ניט קענען שעדיגען. עס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען א ספּע־ציעלע פּיקעט־קאָמיטע, וועלכע האָט זיך גערופען „די קאָמיטע נומער 1“. אַלע וויכטיגע ארבייט איז פון זיי געטהאָן געוואָרען. אין דיעזער קאָמיטע האָבען זיך די שפּיאָנען געוואָלט אריינכאַ־פּען, נאָר זיי האָבען קיין ערפאָלג ניט געהאַט.

בלויז איניגע האָבען געוואוסט ווער די קאָמיטע לייט זיינען געווען. ווען עס איז נויטיג געווען צו געהן אין וויכטיגע פּלעצער, פּלעגען זאָגאַר די קאָמיטע לייט אַליין ניט וויסען פאַר וואָס און וואו זיי געהען אָדער פאָהרען. בלויז דער טשערמאַן פון דער קאָמיטע האָט געקראָגען דעם אדרעס פון פּלאַץ. און אַלע איבע־ריגע האָבען געמוזט דעם טשערמאַן נאָכפאָלגען בלינדערהייט, ביז וואַנען זיי זיינען געקומען אויף דעם בעשטימטען אָרט. דאַדורך האָט קיין פעררעטה אין דיעזער קאָמיטע קיינמאָל ניט געקענט פאָרקומען.

פאַר דער צייט פון סטרייק איז געלונגען אַלע שעפּער אָבצור־סטאַפּען, מיט דער אויסנאַהמע פון איין שאַפּ. א געוויסער גרינבערג, א געוועזענער יוניאָן־מאַן, האָט געעפענט א שאַפּ אין א וואַלד נעבען דזשעמייקא, לאָנג איילענד. צו דיעזען שאַפּ איז אונמעגליך געווען צוצוקומען, ווייל א צוויי מייל ארום דעם שאַפּ זיינען געווען אויף קייטען אָנגעבונדענע גרויסע הינד. אזוי שנעל ווי די הינד האָבען דערשמעקט אז אימיצער קומט אָן, האָ־בען זיי גלייך אָנגעפאַנגען צו בילען, און אַלעם אין שאַפּ איז

אויפגערוימט געוואָרען. עס האָט גענומען איינינע טעג, ביז מען האָט ביסלעכווייז די הינד אָבגערוימט פון וועג, און דאַן האָט מען ערשט אין מיטען נאכט ארויסגעשיקט א קאָמיטע אָבצו־סטאפּען די ארבייט.

גאנץ פריה, פאר טאָג, זיינען אונזערע לייטע אָנגעקומען אין דזשאמייקא, טרעפענדיג דעם שאפּ ביי דער ארבייט. אלע סקעבס זיינען גלייך צוטריבען געוואָרען און די ארבייט האָט אָבגעסטאפּט.

דער קאָנטראקטאָר גרינבערג מיט זיין פרוי האָבען זיך אפילו געפּרובט שטעלען געגען אונזערע לייטע, נאָר עס האָט זיי זעהר וועניג געהאָלפען. דער שאפּ האָט אויפגעהערט צו עק־זיסטירען.

אין דער צייט, ווען אונזערע קאָמיטעס האָבען אָבגע־סטאפּט דעם שאפּ ביי דעם קאָנטראקטאָר גרינבערג, אין א וואלד לעבען דזשאמייקא, האָט זיך נאטירליך געמאכט א שטי־קעל טומעל, און אין טומעל האָט זיך דער אויוועז, אויף וועל־כען די פּרעסערס האָבען געוואָרעמט די אייזענס, איבערגע־קעהרט. די הייסע קוילען האָבען זיך אויסגעשאָטען אויפ׳ן פּלאָאָר און גרינבערג׳ס א קליין מיידעלע, וועלכע איז געשטאַ־נען לעבען אויווען, האָט זיך אָבגעבריהט א פיסעל.

מעהר ווי דאָס האָט דער קאָנטראקטאָר ניט געדארפט. אונזערע לייטע זיינען, נאטירליך, גלייך אוועק מיט דער טראָלי־קאר, וועלכע איז געלאָפען נאָך איסט ניו יאָרק. אין דער זעל־בער צייט איז דער סקעב־קאָנטראקטאָר איועק נאָך דזשאמייקא סיטי האָלל און האָט טעלעפאָנירט נאָך איסט ניו יאָרק פּאָלים סטיישאָן, אז א באנדע רויבער זיינען זיין פּלאץ בעפאלען, און דאָס מען זאָל זיי אין איסט ניו יאָרק פערהאלטען.

ווען אונזערע קאָמיטע לייט זיינען ארונטער פון קאר, איז שוין געשטאַנען אָנגעגרייט די איסט ניו יאָרקער פּאָליציי און האָט געוואַרט אויף זיי. זיי האָבען זיך אָבער אויסגעמישט מיט די אַנדערע פּאסאזשירען, און יעדער איינציגער איז זיך געגאנגען זיין וועג. בלויז איינער פון אונזערע לייטע, א גע־וויסער רייגנאָלד, איז דער פּאָליציי פּאָרגעקומען פערדעכטיג,

ווייל זיין ראָק איז אין איינינע פּלעצער געווען צוריסען און אויסגעשמירט אין בלאָטע, און די פּאָליציי האָט איהם אַרעס־טירט.

נאָכמיטאָג זיינען אַלע ניו יאָרקער צייטונגען אַרויס מיט גרויסע עקסטראַס, אַז די קלאָוקמאַכער האָבען אין דזשאַמייקא פערברענט קינדער מיט וויטריאָל. מאַנכע צייטונגען האָבען געדרוקט פּיקטשורס ווי צוויי בלוטדורשטיגע מענשען מיט צור־פּודעלטע האָר און פייער־שפּריצענדע אויגען האַלטען אַ קליין קינד פאַר די פיסלעך און אַ דריטער שטעהט מיט אַ באָטעל וויטריאָל און גיסט אויפ'ן קינד.

די מאַנופעקטשורערס האָבען דיעזע עקסטראַס געקויפט אין די טויזענדער קאָפּיעס, און עס פריי צוטהיילט אין די גאַסען. אין יעדען שאָפּ האָבען די באָסעס די עקסטראַס פאָר־געלעזען פאַר זייערע ארבייטער. די גאַנצע שטאָדט איז דעם טאָג געגאַנגען אויף רעדלעך. דורכ'ן טאָג האָט מען געטרייעט אַרויסנעהמען ריינגאָלד'ען אויף בייל, נור די קאָורט האָט קיין בייל ניט געוואָלט אָננעהמען.

אין דעם זעלבען אַבענד זיינען זיך די עקזעקוטיוו דעלע־גאַטען צוזאַמענגעקומען צו אַ מיטינג אין 385 בוערי צו בע־שפּרעכען, וואָס מען קען טהאָן פאַר ריינגאָלד'ן, אויך ווי אָנ־צופיהרען ווייטער דעם סטרייק.

אין מיטען מיטינג זיינען פּלוצלונג אָנגעפאַלען פּאָליס מיט דעטעקטיווס אין דעם האָל, וואו מיר האָבען געמיטעט, און אין האָל איז אַריינגעקומען דער סקעב־קאָנטראַקטאָר גרינבערג מיט אַ דאָזען דעטעקטיווס, און אויף וועמען ער האָט אָנגעצייגט, האָט מען אַרעסטירט.

מעהרסטענטהיילס האָט ער אויסגעקליעבען אַלע הויכע און שטאַרקע מענשען, טראָצדעם וואָס קיינער פון די עקזע־קוטיוו דעלעגאַטען זיינען קיינמאָל אויף זייער לעבען אין דזשאַ־מייקא ניט געווען. זיי האָבען אַזוי פערנומען צוועלף לייטע און זיי אַוועקגעפיהרט אין די פּאָליס העדקוואָרטערס.

ווען דער טומעל איז אַ ביסעל אַריבער, און די איבערגע־בליעבענע דעלעגאַטען האָבען אָנגעהויבען צו בעטראַכטען ווי צו

אנגאזשירען לאיערס די ארעסטירטע צו בעפרייען, זיינען וויע־דער ערשיענגען צוויי דעטעקטיווס און ערקלעהרט, אז דער אינ־ספעקטאר וויל זעהן בארנדעס'ען.

זיי האבען איהם פערזיכערט, אז זיי מיינען איהם ניט צו ארעסטירען. ער וויל איהם בלויז שטעלען אייניגע פראגען, און דאן וועט ער קענען צוריק־קומען און פארטזעצען דעם מיטינג.

בארנדעס האט אפילו קיין חשק ניט געהאט צו געהן. נאר א ברירה האט ער געהאט? אז מען רופט, מוז מען געהן. אייניגע קלאוקמאכער זיינען נאכגעגאנגען זעהן, וואוהין מען פיהרט בארנדעסען. האט מען זיי אויך פערנומען. און אזוי זיינען 16 לייטע דיעזע נאכט ארעסטירט געווארען.

ברענגענדיג בארנדעסען אין די פאליס העדקווארטערס, האט דער אינספעקטאר איהם געשטעלט פערשיעדענע פראגען: ערשטענס, צו ער וויים פון דער קאמיטע, וואס איז געפאהרען נאך דזשאמייקא, און צו ער האט געהייסען גיסען וויטריאל, ווען זיי וועלען געפינען סקעבס ביי דער ארבייט. בארנדעס האט, נאטירליך, אלעס אבגעלייקענט.

אין מיטען פון דער אינוועסטיגיישאן האט אינספעקטאר בוירנס אריינגערופען א מאן פון צווייטען רום, און ווען באר־נדעס האט דעם מאן דערזעהן, איז איהם פינסטער געווארען אין די אויגען. דיעזער מאן איז געוועזען א פרעסער מיט'ן נא־מען וויינשטיין, וועלכער האט בעלאנגט צו דער יוניאן. דיע־זער וויינשטיין האט פאר'ן אינספעקטאר דערצעהלט, אין בא־רנדעסעס געגענווארט, אז ער האט אליין געזעהן, ווי באראנ־דעס האט דער פיקעט־קאמיטע געגעבען באטעלס מיט וויטריאל און זיי אינסטרואירט, אז זיי זאלען עס יוזען. ער האט אויך דעם אינספעקטאר דערצעהלט, אז ער האט אייניגע מאל גע־זעהן, ווי בארנדעס האט פרובירט די וויטריאל אויף שטיקלעך וואארע, צו זעהן אויב עס ברענט גוט. עס איז אויך ווינשענס־ווערטה צו בעמערקען, אז דער בעטרעפענדער וויינשטיין איז שפעטער אוועק נאך סאן פראנציסקא, איז דארטען געווארען א יוניאן מאן און א בעל־תשובה.

באראַנדעס איז שוין נאַטירליך דיעזען אבענד צום מיטינג מעהר ניט געקומען, ווייל ער איז שוין פערהאלטען געוואָרען אַלס פּריזאָנער. און, לויט ווי ער האָט שפּעטער דערצעהלט, האָט מען איהם אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטען אין אַ קעלער פון קוילען. יעדע פּאָר מינוטען איז אַן אנדער דעטעקטיוו צו איהם געקומען מיט פערשיעדענע פראַגען. ער האָט אויך דערצעהלט, אז אַ גאַנצע נאַכט זיינען ארום איהם ארומגעלאָפען מייז גרויס ווי די קעץ. און דאָס האָט איהם שיער ניט געבראַכט צום וואהנזין.

אויף דעם צווייטען טאָג האָט מען אַלע פּריזאָנערס געשלאָסען אין קייטען פּאָאַר־ווייז און זיי אָבגעפיהרט נאָך דזשאַמייקא אין פּריזאָן.

פאַר דער צייט, ווען די ארעסטען זיינען געמאַכט געוואָרען, האָט די יוניאָן געוואָלט פעררופען אַ פּאָאַר מאַססמיטינגען צו ערקלערען דאָס פּובליקום, אז די גאַנצע געשיכטע איז אויפגעבלאָזען געוואָרען פון דער ניו יאָרקער פּאָליציי, צוזאַמען מיט די מאַנופעקטשורערס, כדי זיי זאָלען קענען מיט גוואַלד ברעכען דעם סטרייק. נאָר וואו מיר זיינען געגאַנגען רענטען אַ האָלל, האָט מען אונז ערקלעהרט, אז די פּאָליציי האָט זיי געגעבען סטריקטלי אָרדערס ניט צו פעררענטען קיינע האָלס צו די קלאָוקמאַכער. אויף די עקזעקוטיוו באָאַרד האָט מעהר ניט געקענט אָבהאַלטען קיינע זיצונגען, ווייל קיין האָל־קיפּער האָט זיי ניט געוואָלט אריינלאָזען. מען האָט געטרייט צוזאַמענצוקומען זיך פּריוואַט. איז אָבער גלייך די פּאָליציי דאָרטען געווען, און, זעלבסטפערשטענדליך, האָט מען דאָך ניט געקענט מיטען אין געגענוואַרט פון דער פּאָליציי.

די סטרייקערס האָבען שוין מעהר ניט געקענט אָבהאַלטען קיינע מיטינגען און האָבען מעהר ניט געקענט אָנגעהן מיט זייער ארבייט. אויך פיעלע פון די סטרייקערס זיינען אין הייעניש געצוואונגען געווען צו פערלאָזען ניו יאָרק, כדי זיי זאָלען אויך ניט ארעסטירט ווערען, און דער סטרייק איז פון זיך זעלבסט צופאַלען געוואָרען.

ווען די ארעסטירטע זיינען געבראַכט געוואָרען נאָך דזשאַ־

מייקא, זיינען זיי געשטעלט געוואָרען אונטער צעהן טויזענד דאָללאַר בייל יעדערער. אונז איז אָבער בלויז געלונגען צו קריגען בייל פאַר באַראַנדעס'ען. די איבעריגע 15 לייטע זיי־נען געבליעבען אין פריזאָן ביז צום טרייעל, וועלכער האָט שטאַטגעפונדען צעהן וואָכען שפּעטער.

דורך דער צייט, וואָס אונזערע לייטע זיינען געזעסען אין פריזאָן, האָבען כמעט יעדען אבענד שטאַטגעפונדען ספּעקטאַ־קעלס ארום פריזאָן, וועלכע די פּאָליציי פלעגט געוועהנליך יע־דען מאָל צושרייבען צו די סטרייקערס, אום צו מאַכען דעם איינדרוק אויף די פאַרמערס ארום דזשאַמייקא, וועלכע וועלען דאַרפען זיין די ־זשוראָרס אין דיעזען טרייעל, אז מיר זיינען אנארכיסטען און רויבער.

אייניגע נעכט האָט מען אין דער נאַכבאַרשאַפט פון פּרי־זאָן געשאָסען מיט ביקסען. א פּאָר מאָל האָט געטראָפען, אז ארום דזשייל האָט עקספּלאָדירט דינאַמיט. דאָס איז נאַטיר־ליך געטהאָן געוואָרען פון פּאָליצייסקע שפּיאָנען, אום צו מאַ־כען דעם איינדרוק, אז די סטרייקערס ווילען אויפרייסען דעם פריזאָן, אום צו בעפרייען די פריזאָנערס.

ווען מיר האָבען באַראַנדעסען ארויסגענומען אויף בייל, איז ער גלייך ווידער ארעסטירט געוואָרען אויף צוויי קלאַגען פון פּאַפּקין און מארקס, און פון א פירמא אבלאָוויטש, אז ער האָט פון זיי אויסגעפּרעסט געלד אין דער צייט ווען זייערע ארבייטער האָבען ביי זיי געסטרייקט. ער איז ווידער גע־שטעלט געוואָרען אונטער צוואַנציג טויזענד דאָלאַר בייל אויף די צוויי טשאַרדזשעס. נאָר עס איז אונז געלונגען אויך דיעזע בייל צו קריגען, און ער איז ארויסגעלאָזען געוואָרען. שפּעטער אביסעל זיינען צוויי פון די טשאַרדזשעס געגען באַראַנדעסען ארונטערגענומען געוואָרען. ער איז בלויז פערהאַלטען געוואָ־רען אויף דער טשאַרדזש, אז ער האָט אויסגעפּרעסט הונדערט דאָללאַר פון פּאַפּקין און מאַרקס.

די יוניאָן האָט אנגאַזשירט די בעסטע קרימינעל לאָיערס פון ניו יאָרק צו פערטהיידיגען אונזערע ארעסטירטע מעמבערס ביים טרייעל. די לאָיערס האָבען אונז גערעכענט טויזענד

דאָלאר א טאָג אזוי לאנג ווי די טרייעלס וועלען געדויערען. נאָר ווער האָט עס דאמאָלסט נעקעהרט פאר געלד? די קלאָוק־מאכער אין די שעפּער האָבען זיך אליין געטעקסט מיט א דאָ־לאר א וואָך צו דעקען די עקספּענסעס, און אין א קורצער צייט איז צוזאמענגעבראכט געוואָרען א סומע פון פערציג טויזענד דאָלאר, וועלכע די טרייעלס האָבען אונז אָבגעקאָסט.

צו די אלע צרות, וועלכע מיר האָבען געהאט, האָבען מיר נאָך אויך געליטען פון איינעם פון אונזערע וואָקינג דעלעגאַ־טען, א געוויסען מאָרים קאָהן, וועלכער איז שפּעטער אין אונ־זער גענעראַל סטרייק פון 1894 געווען א סקעב־אגענט און האָט אלע סקעבס אָרגאַניזירט אין א פּראָטעקטיוו אסאָסיאיישאָן. דיעזער מאָררים קאָהן איז, ווי עס ווייזט אויס, געווען פער־בונדען מיט אינספּעקטאָר בוירנס און דעם אידישען דעטעקטיוו דזשייקאָבס.

זייענדיג אן אייגענער מענש, האָט ער פיעלע זאכען גע־וואוסט, און אין מיטען פון דיעזען טראָבעל האָבען מיר איהם געמוזט געבען אזוי פיעל געלד, וויפיעל ער האָט נאָר געוואָלט, אונטער דעם אויסרייד, אז די אלע געלדער געהען אוועק אויף די טרייעלס. ווען מען האָט איהם ענטזאגט צו געבען פער־שיעדענע סומען, האָט ער געסטראשעט, אז ער וועט געהן צום אינספּעקטאָר. הקיצור, קיין צרות האָט אונז ניט געפעהלט.

א פּאָר וואָכען שפּעטער, ווען פון די סטרייקס איז שוין קיין זכר ניט געבליעבען, האָט די פּאָליציי אונז ווידער ער־לויבט אָבצוהאלטען מיטינגען. דאַן האָבען מיר צוריק אָנגע־פאנגען צוזאמענצוקלייבען אונזערע צולאָפענע סאָלדאטען פון שלאכט־פעלד, און א פּלאַן איז אויסגעארבייט געוואָרען, ווי ווייטער אָנצוגעהן מיט אונזער ארבייט, און עס זיינען בע־טראכט געוואָרען פּלענער ווי צו בעפרייען אונזערע קאַמעראַדען.

דער רעזולטאַט איז געווען, אז ווען די טרייעלס זיינען פאָרגעקומען, זיינען אלע ארעסטירטע בעפרייט געוואָרען, מיט דער אויסנאחמע פון ריינגאָלד'ען, וועלכער איז פעראורטהיילט געוואָרען צו פינף יאָהר מיט ניין מאָנאטען סטייט־פּריזאָן. גלייך ווי די פריינעשפּראָכענע קלאָוקמאכער זיינען ארויס

פון קאָורט, זיינען איינינע פון זיי ווידער אַרעסטירט געוואָרען אויף דער קלאַגע, אַז זיי האָבען אָבגעסטאָפּט סקעב־שעפּער אין קאָראָנאַ, לאָנג איילאַנד, אַ קליין שטעדטעל לעבען דזשאַמייקאַ, אויך אויף דעם זעלבען שטייגער, ווי אין דזשאַמייקאַ. נאָר, נאָכדעם ווי זיי זיינען אָבגעזעסען אַ פּאָר וואָכען אין פּריזאָן, זיינען זיי ווידער פריי־געשפּראָכען געוואָרען.

גלייך דערויף האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בעוועגונג צווישען די קלאָוקמאַכער צו בעפרייען ריינגאָלד'ען פון פּריזאָן. קאָמיטעס זיינען ערוועהלט געוואָרען צו שאַפען פינאַנציעלע מיטלען, ווי אויך צו בערופען פערשיעדענע פערזאַמלונגען, אום צו קריגען דעם פּאַבליק אָפּיניאָן אויף אונזער זייט.

דאָ האָבען זיך ווידער אָנגעפאַנגען רייסערייען צווישען די ס. ל. פּ. לייטע מיט אונזער יוניאָן. די ס. ל. פּ. לייטע האָבען געוואָלט אָנפיהרען די בעוועגונג אויף זייער שטייגער, און דאַדורך זיינען פיעל מאָל פאָרגעקומען געשלעגען ביי די פערזאַמלונגען, וואָס זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען וועגען ריינגאָלד'ס בעפרייאונג.

די סאָציאַליסטען האָבען פערלאַנגט, אַז ריינגאָלד'ס בעפרייאונג זאָל ניט אויסגעבעטעלט ווערען פון קאַפּיטאַליסטישע גאָווערנאָרס און דזשאָדזשעס, נאָר מען זאָל פערלאַנגען אונזער רעכט, ניט קיין גנאַדע. אָבער אונזערע פּראָסטע קלאָוקמאַכער, און אויך ריינגאָלד, וועלכער איז דערווייל געזעסען אין פּריזאָן, האָבען ניט געוואָלט וואַרטען אויף דער סאָציאַלער רעוואָלוציאָן, ביז וואַנען די טויערען פון פּריזאָן וועלען זיך עפענען, און אַלע פּריזאָנערס וועלען אַרויסגעלאָזען ווערען. אין דער עת־צרה האָט איינער דעם אַנדערען בעשולדיגט אין אונעהרליכקייט, און די קריעגערייען זיינען פאָרטגעזעצט געוואָרען. פאַר דער צייט איז גענאָסע אב. קאַהאַן געקומען צו דער עקזעקוטיווע פון דער יוניאָן מיט אַ פּלאַן, ווי צו מאַכען מאַסען געלד פאַר ריינגאָלד'ס בעפרייאונג. דער פּלאַן איז געווען דער פאָלגענדער: מען וועט נעהמען ריינגאָלד'ס אַ פּיקטשור און לאָזען מאַכען אַ קאַט די סייז פון אַ פּאָסטיידזש סטעמפּ. דיעזע סטעמפּס זאָלען געדרוקט ווערען אין די צעהנדליגע טויזענדער,

און דאָס זאָל פּערקויפט ווערען צווישען די ארבייטער פאר פינף סענט א שטיק. דער רעכענונג איז געווען, אז קיינער וועט זיך ניט ענטזאגען צו קויפען אזא סטעמפּ פאר א ניקעל, און דאָס וועט אריינברענגען אן אוצר מיט געלד. גאָר אַלעס, וואָס מען דארף, איז, אז די יוניאָן זאָל בעווילינגען אויף דעם זעכ־צעהן דאָלאר, וואָס דער קאט און דער דרוקען דארף קאָסטען.

די יוניאָן האָט די זעכצעהן דאָלאר גלייך בעווילינגט. שפּעטער אָבער האָבען די געגנער קאהאַנ'ען בעשולדיגט, אז פאר דאָס געלד האָט ער געמאכט א גרויסען קאט און איהם געדרוקט אין דער ״ארבייטער צייטונג״ אויף דער פראָנט פּיידזש, און פאר די איבעריגע געלד, האָבען זיי געקליימט, איז קאהאן געפאָהרען נאָך סינג־סינג צו האָבען אן אינטערוויו מיט ריינגאָלד'ען און דאָס בעשריעבען פאר'ן ״ארבייטער צייטונג״. אין דעם אינטערוויו האָט קאהאן געשריעבען, אז ריינגאָלד פער־לאנגט ניט קיין גנאדע פון פּאָליטישענס, זאָנדערן ער איז צו־פריעדען צו זיין א מארטירער, אויב נויטיג. ווען ריינגאָלד האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער שריפטליך ערקלעהרט, אז ער וויל קיין מארטירער ניט זיין. איהם מאַכט ניט אויס דורך וועלכע מיטעל מען זאָל איהם ארויסנעהמען, אבי ער זאָל שוין זיין פריי. דיעזע געשיכטען האָבען אַנגעמאכט הייסעס בלוט און מחלוקות. און דאריבער איז די ארבייט צוגעגאנגען זעהר שווער.

יעדענפאלס האָט זיך די יוניאָן ניט אָבגעשטעלט פאר קיין זאך און פאָרטגעזעצט איהר ארבייט. און, מיט דער הילפע פון יוסף בּאראָנדעס, וועלכער האָט אונערמיעדליך געארביי־טאָג און נאכט, איז אונז געלונגען צו קריגען גענוג אונטער־שריפטען פערלאנגענדיג ריינגאָלד'ס בעפרייאונג. אַלע אונ־טערשריפטען זיינען איבערגעגעבען געוואָרען צום דאמאָלסדיי־גען גאָווערנאָר, וועלכער האָט איהם שפּעטער בעגנאדיגט. אין גאנצען איז ריינגאָלד געזעסען אין פּריזאָן 6 מאָנאטען.

ווען די יוניאָן איז פערטיג געוואָרען מיט דער בעפרייאונג פון די אָרעסטירטע קלאָוקמאכער, האָט זיך אָנגעפאנגען בא־

ראַנדעס'עס טרייאַל פאַר אויספּרעסען געלד פון פּאפּקין און מאַרקס.

לאַיערס האָבען מיר געחאַט די בעסטע. מיר זיינען אַלע זיכער געווען, אַז באַראַנדעס וועט ענדליך בעפרייט ווערען פון דער קלאַגע. עס איז אויך איבערצייגט געוואָרען מיט די יוני־יאָן־ביכער, אַז דאָס געלד איז אריינגעקומען אין דער טרעזשורי פון דער יוניאָן פאַר די סטרייקערס, וועלכע האָבען געפאָדערט בעצאָהלט פאַר זייער פערלאָרענער צייט. קורץ, ניט די יוניאָן האָט עס געפאָדערט, נאָר די ארבייטער. אָבער, ווי עס האָט זיך ארויסגעצייגט, האָבען די דזשורי־לייט, וועלכע זיינען בע־שטאַנען פון ביזנעס־לייטע, אנדערש געדענקט, און האָבען באַ־ראַנדעסען געפונען שולדיג.

דעם לעצטען אבענד, ווען דער טרייאַל האָט זיך שוין גע־דארפט ענדיגען, זיינען אַ פּאָר טויזענד קלאָוקמאַכער געווען פערזאַמעלט אין ניו עווערעט האָלל, 31 איסט 4טע סטריט, ערוואַרטענדיג צו הערען די גוטע בשורה פון באַראַנדעס'עס בעפרייאונג. אַלעמענס אויגען זיינען געווען אָנגעשטרענגט צום טהיר, ווען באַראַנדעס אַליין וועט זיי קומען אָנזאָגען, אַז ער איז ענדליך פריי. נאָר, אָנשטאָט דעם, איז ארום צעהן אוהר אבענדס באַראַנדעס מיט נאָך אַ פּאָר לייטע אריין אין האָלל, און גלייך ווי זיי זיינען אַריין, האָט מען אויף זייערע געזיכטער געקענט לעזען דעם שרעקליכען אורטהייל.

אַ טויטע שטילקייט האָט דאָמאָלסט געהערשט אין האָלל. אַלע האָבען שפּאַנענד ערוואַרטעט צו הערען פון באַראַנדעסעס מויל די שרעקליכע בשורה.

ווען באַראַנדעס איז ענדליך ארויף אויף דער פּלאַטפּאָרמע און האָט ערקלעהרט, אַז די קאָורט האָט איהם געפונען שולדיג און איהם פעראורטהיילט צו אַ יאָהר מיט ניין מאָנאַטען פּריזאָן, האָט ער אויסגעבראָכען אין אַ שרעקליכען געוויין, און מיר אַלע האָבען נאַטירליך מיטגעוויינט מיט איהם.

נאָכדעם ווי אַלע האָבען זיך שוין גוט אויסגעוויינט, איז אָנגענומען געוואָרען אַ רעזאָלוציאָן צו אַפּעליערען די קייס אין אַ העכערע קאָורט. מען עס קאָסטען צעהנדליגע טויזענדע דאָ־

לאר, און בּראַנדעס מוז פריי זיין! — האָט זיך אַרויסגעריסען פון טויזענדע הערצער. בּראַנדעס איז ווידער פערבּליבּען פריי אויף בּייל, בּיז וואַנען די העכערע קאָורט האָט געדראַפּט אַרויסגעבּען איהר ענטשיידונג.

IX

די אינערליכע טראָבּעלס און בּראַנדעס'עס רעזיגנאַציאָן.

דורך די אַלע טראָבּעלס, וואָס מיר האָבּען דורכגעמאַכט, האָבּען מיר נאָך אויך געהאַט צו ליידען פון די ס. ל. פ.'ניקעס. צו יענער צייט איז שוין דעניעל דע־ליאָן געוועזען אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער אַרבּייטער פּאַרטיי, וועלכע איז דאַן געוועזען די איינציגע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין אַמעריקאַ. די ס. ל. פ.'ניקעס זיינען מינדליך און שריפטליך אַרויסגעטראָטען געגען בּראַנדעס'ען און האָבּען ערקלערט, אַז דורך זיין אונפעהיגקייט און אונפּראַקטישקייט איז די גאַנצע צרה אַרויסגעקומען.

בּראַנדעס'עס געגנער אין דער יוניאָן האָבּען עס אויפגעכאַפּט און אָנגעפאַנגען איהם צו דערגעהן די יאָהרען; וואָס ער האָט ניט געטהאָן, איז ווי קיינמאָל ניט געפעלען געווען. בּיי די עקזעקוטיוו מיטינגען איז בּראַנדעס אימער קריטיקירט געוואָרען פאַר זיין אַרבּייט. עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז ער האָט איינינע מאָל אַריינגעשיקט זיין רעזיגנאַציאָן אַלס מע־נעדזשער. נאָר אַזוי ווי די גרויסע מאַססען קלאָוקמאַכער זיי־נען בּערייט געווען צו געהן פאַר איהם אין פייער און אין וואַ־סער, האָבּען זיי פון די רעזיגנאַציאָנען ניט געוואָלט וויסען, און מיט טרעהרען אין די אויגען האָבּען זיי איהם געבּעטען ער זאָל ווייטער בּלייבּען אין זיין אַמט, און יעדעס מאָל האָט ער זיך געלאָזען איבּערבּעטען און איז ווייטער געבּליבּען.

נאָר איינמאָל, ווען זיינע געגנער זיינען איהם שוין אַריינ־געקראָכען אין די ביינער צו שטאַרק, ווען זיי האָבּען שוין אָנ־געפאַנגען צו פערשפּרייטען קלאַנגען, אַז ער איז ניט מאָראַליש גענוג, אָדער אַז ער פערשווענדעט מאַסען יוניאָן־געלדער, צו

וועלכע ער איז ניט בערעכטיגט, — דאן האט ער עס שוין מעהר ניט געקענט דולדען, און האט ענדליך רעזיגנירט פון זיין אמט. עס האבען שוין ניט געהאלפען קיין בעטעניש און קיין וויינען: ער האט ניט אנגענומען, און גענוג. די עקזעקוטיוו באארד האט קיין אנדער ברירה ניט געהאט און איז געצוואונגען געווען זיין רעזיגנאציאן אנצונעהמען.

ביים נעקסטען מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באארד איז די פראגע פון באראנדעס'עס רעזיגנאציאן ווידער בעשפראכען געווארען. וויסענדיג, אז באראנדעס איז א בלוטיגער ארעמאן, וויל מיט א פאאר וואכען פריהער האט א לענדלארד ארויס־געשטעלט זיינע פארניטשור אין סטריט פאר ניט בעצאהלען קיין רענט, האט די עקזעקוטיוו באארד בעשלאסען צו פרעזענ־טירען באראנדעס'ען מיט צוויי הונדערט און פופציג דאללאר. פאר דיעזען געלד האט זיך באראנדעס געעפענט א רעסטאראנט אין עלדרידזש סטריט. באראנדעס'עס רעכענונג איז געווען, אז די קלאוקמאכער וועלען איהם זיכער פאטראנייזען, און ער וועט אימשטאנדע זיין א לעבען צו מאכען אויסערהאלב דער ארבייטער בעוועגונג. נאר ער האט געהאט א טעות. ערשטענס איז באראנדעס גאר ניט פעהיג געווען צו ביזנעס. צווייטענס איז ער שטענדיג געווען פערנומען מיט אדרעסירען פערשיע־דענע ארבייטער־פערזאמלונגען, איבערהויפט האט ער זעהר פיעל צייט פערבראכט אין נוארק, וואו די העט־מייקערס האָ־בען אנגעפיהרט קעמפפע. אין רעסטאראנט האט געהערשט א רעגעלער תהו־ובהו. קלאוקמאכער זיינען אפילו אימער דארטען געווען גענוג, אבער קיינער האט א סענט ניט געגעבען צו לייזען. טאמער האט שוין א מאל איינער געארדערט עפעס עסען, איז דאס אויך געווען אהן געלד; יעדער הונגעריגער קלאוקמאכער, וואס האט קיין געלד ניט געהאט, איז געקומען אין באראנ־דעס'עס רעסטאראנט עסען. אלע טישען זיינען שטענדיג גע־ווען בעזעצט, מען האט שטענדיג דיסקוטירט אדער זיך ארומ־געריסען איבער יוניאן־אנגעלעגענהייטען. דער רעסטאראנט האט עקזיסטירט בלויז עטליכע וואכען און איז נאכהער פער־מאכט געווארען, וויל פון איהם איז געווארען א תל.

אזוי שנעל אָבער, ווי די קלאָוקמאכער האָבען זיך דער־וואוסט, אַז באַראָנדעס'עס ביזנעס איז אויף צרות, האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ בעזועגונג צווישען די „באַראָנדעסיסטען" איהם צוריק צו מאכען מעגערזשער פון דער יוניאָן. זיינע געגנער האָבען אָנגעפיהרט אַ שטאַרקען פייט געגען איהם. זיי האָבען איהם בעשולדיגט, אַז ער האָט אָנגעשטעלט די פּרעסערס, דאָס זיי זאָלען מאכען די בעוועגונג פאַר זיין ווידער־ערוועהלונג אַלס מענעדזשער. אויך האָבען זיי איהם בעשולדיגט, אַז ער האָט געמאכט אַ סטייטמענט אין דער ענגלישער פּרעסע, אַז ער שטאַמט ארויס פון אמת'ע באַראָנען און אַז זיין נאָמען ספּעלט זיך באַראָן־דע־עס. הקיצור, זיי האָבען איהם בעשולדיגט אין אַלץ אין דער וועלט, אבי נאָר פון איהם פּטור צו ווערען.

ביידע פּראַקציאָנען האָבען אָנגעפאַנגען צו ברויכען איינע געגען די אַנדערע שלאָגענדע אַרגומענטען. ביי אַ מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באָארד, וואו עס האָט געדאַרפט פערהאַנדעלט ווערען, צו באַראָנדעס זאָל ווידער אָנגעשטעלט ווערען צו ניט, איז ערשיענען אַ קאָמיטע פון דער סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטי אויפצופּאַסען, אַז באַראָנדעס זאָל ניט ערוועהלט ווערען. ווי נאָר באַראָנדעס'עס חסידים האָבען זיך דערוואוסט, אַז די סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטי איז פערהאַנטערעסירט אין דיעזען עלעקשאָן, האָבען זיי גלייך צוזאַמענגעקליבען אַ מחנה פון אַ צוויי הונ־דערט קלאָוקמאַכער, און זיי האָבען די עקזעקוטיוו דעלעגאַטען געגעבען אַן אולטימאַטום: אויב באַראָנדעס וועט ניט ער־וועהלט ווערען, וועלען קעפּ פליהען אין דער לופטען. דיעזער אַרגומענט האָט, ווי עס ווייזט אויס, אַביסעל געווירקט, און באַראָנדעס איז דעם זעלבען אָבענד ערוועהלט געוואָרען אַלס מענעדזשער.

אזוי שנעל ווי די נייעס איז בעקאַנט געוואָרען צווישען די קלאָוקמאַכער, האָט גלייך אַ גאַנץ אַנדער ווינטעל גענומען בלאָזען, און פּיעלע מעמבערס, וועלכע זיינען פאַר אַ צייט אוועקגעשטאַנען פון דער יוניאָן, זיינען יעצט צוריקגעקומען. אַלעס וואָלט שוין געווען אויסגעצייכענט. האָט זיך דאָ

ווידער גערארפט ארייננמישען די מחלוקות צווישען די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטען און די אַנאַרכיסטען.

די אידישע אַנאַרכיסטען האָבען דאַן ארויסגעגעבען אַ וועכענטליכע צייטונג „די פרייע ארבייטער שטימע", און די סאָ־ציאַל־דעמאָקראַטען האָבען ארויסגעגעבען „די ארבייטער צייטונג". אידישע לעזער זיינען דאמאָלסט געווען זעהר ווייניג, און יעדע פון זיי האָט געוואָלט זיין די איינציגע צייטונג. די ארבייטער, אין זייערע יוניאָנס, האָבען זיך אויך געטהיילט אין צוויי לאַגערען, אָבטהוענדיג שפּיצלעך איינער דעם צווייטען.

צו דער דאמאָלסדיגער צייט האָט „די פרייע ארבייטער שטימע" געהאט טראָבעל מיט דער שריפטזעצער יוניאָן, וועלכע איז נאָך דאמאָלסט געווען אויסערהאַלב דער אינטערנייישאַנאַל טייפּאָגראפיקעל יוניאָן. גלייך ווי דער טראָבעל האָט זיך געמאכט האָבען די לייטע פון דער „ארבייטער צייטונג" אזוי אראַנזשירט, אַז די שריפטזעצער זאָלען סטרייקען ביי דער „פרייער ארבייטער שטימע". די פעראייניגטע אידישע געווערקשאפטען, וועלכע זיינען מעהרסטענס בעשטאַנען פון דעלעגאטען פון ס. ל. פּ. דיסטריקטען און פון דער „ארבייטער צייטונג" פּאָבלישינג אסאָסיאיישאָן, האָבען גלייך דיזען סטרייק אינדאָסירט און ארויפגעלייגט אַ באָיקאָט אויף דער „פרייער ארבייטער שטימע".

די אַלע קלענערע אידישע יוניאָנס האָבען אָהן שום טראָבעל דעם באָיקאָט אינדאָסירט. ביי די קלאָוקמאכער זיינען אָבער געווען אַ סך אַנהענגער פון דער „פרייער ארבייטער שטימע" און זיי האָבען דיזען באָיקאָט ניט געוואָלט אינדאָסירען.

מיטינג נאָך מיטינג האָט מען זיך געשלאָגען מיט טשערס און אַנדערע כלי־זיין, און דעם באָיקאָט האָט מען אַלץ ניט געקענט אינדאָסירען ביז אייניגע האָבען אָבגעטהאָן אַ טריק, און צו אַ געוויסען מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באָארד האָט איין ברענטש ארייננעשיקט 7 אייזישע מיידלעך אַלס דעלעגאטקעס, און זיי האָבען צוזאמענגעשטעלט די מאַיאָריטעט פאַר דעם באָיקאָט.

באראָנדעס איז נאַטירליך בעשולדיגט געוואָרען, אַז ער

איז געווען אויף דער זייט פון די אנארכיסטען, און די סאָציאַל־דעמאָקראַטען האָבען איהם געהאַלטען אין איין פערלוימדען.

אין דער צייט, וואָס באראַנדעס האָט געהאַט אויסצושטעהן גרויסע צרות אין דער יוניאָן פון זיינע געגנער, האָט ער אויך שטארק געליטען פון די דעטעקטיווס און שפּיאָנען, וואָס האָבען איהם געוואַטשט טאָג און נאכט. און אַזוי ווי ער איז נאָך געווען אויף בייל, ווארטענדיג אויף אַן ענטשיידונג פון אַ העכערע קאָורט אויף זיין אפּיעל, האָט ער זיך, ווי עס ווייזט אויס, אין גאַנצען פערלאָרען.

ער איז אַוועק פון דער יוניאָן און געטרייעט קריגען ארבייט ערגעץ, וואו קיינער קען איהם ניט. אָבער אָהן ערפאָלג. פּלוצלונג דערוויסען מיר זיך, אז באראַנדעס איז פערשוואונדען פון ניו יאָרק. אין שטאָדט איז געוואָרען אַ געוואַלדיגער טומעל. די, וואָס האָבען פאַר איהם געגעבען בייל, זיינען ארומגעלאָפען ווי די פער'סם'טע איהם זוכענדיג.

אין אַ טאָג שפּעטער ערהאַלטען מיר אַ טעלעגראַמע פון אַ געוויסען זעליקאָוויטש אין מאָנטרעאַל, קענעדע, אַז באראַנדעס איז ביי איהם אין קענעדע, אַז ער איז שוין געווען פערטיג אָבצופאָהרען מיט אַן אָקסען־שיף נאָך ענגלאַנד, נאָר טרעפענדיג איהם, זעליקאָוויטשען הייסט עס, האָט באראַנדעס זיך צוּוויינט ווי אַ קינד און האָט געענדערט זיין בעשלוס, און יעצט איז ער בערייט צוריקצופאָהרען נאָך ניו יאָרק. די ביילערס זיינען נאַטירליך גלייך אַוועק נאָך קענעדע און באראַנדעס'ען צוריקגעבראַכט. זיין בייל איז שוין, נאַטירליך, צוריקגעצויגען געוואָרען און באראַנדעס איז אריינגעזעצט געוואָרען אין די טומס.

די זעלבע וואָך איז די „ארבייטער צייטונג“ ארויס מיט אַן ארטיקעל, בעהויפּטענדיג, אַז באראַנדעס האָט מיט זיין אנטלויפען געשעדיגט די ארבייטער בעוועגונג און אַז ער איז אַ פייגלינג און אַן אונפעהיגער אינגעל, און טאָר דעריבער ניט שטעהן אַן דער שפּיצע פון אַזאַ גרויסער יוניאָן, ווי די קלאָוקמאכער יוניאָן איז דאַן געווען. באראַנדעס, ווידער, האָט פריוואַט ערקלעהרט, אַז פיעלע פון די ס. ל. פּ. גענאָסען האָבען

געוואוסט פון זיין אוועקפאָהרען נאָך קענעדע, אז א געוויסער מיטארבייטער פון דער „ארבייטער צייטונג" האָט איהם זאָגאר געגעבען געלד אויף רייזע־קאָסטען נאָך מאָנטרעאָל, און אז די אורזאכע פון זיין ענטלויפען איז געווען, ווייל ער האָט זיך דער־וואוסט, אז אייניגע פון זיינע פ״נדע האָבען אָנגערעדט דער מיסעס גליק, וועלכע איז געווען זיין ביילעריין, אז זי זאָל די בייל צוריק־ציהען, און ניט וועלענדיג צוריקגעהן אין פריזאָן ביז די קאָורט אָוו אפיעלס וועט זיין קיים ענטשיידען, האָט ער געדענקט, אז ער וועט אוועק נאָך ענגלאנד אויף א פּאָר מאָ־נאַטען, און ווען זיין קיים וועט פּאָרקומען, וועט ער ערשיינען אין קאָורט.

די אַלע תירוצים האָבען אָבער זעהר יועניג געהאָלפען.

אין דער צייט, ווען באראָנדעס איז אריינגעזעצט געוואָרען אין די טומס, האָבען די ס. ל. פּ.'ניקעס גענומען טשאַרדזש איבער אונזער אַפּיס. דעם ערשטען שריט, וואָס זיי האָבען געמאכט, איז געווען באראָנדעס'ען ארונטערצוזעצען פון אמט, און ניט צו צאָהלען קיין ווייךזשעס צו זיין פאמיליע. זיי האָ־בען אפילו בעשלאָסען צו געבען זיין פאמיליע פינף דאָלאר א וואָך אזוי לאנג ווי ער וועט זיין אין די טומס, נאָר מעהר ווי צוויי וואָכען האָט מען דאָס געלד ניט געצאָהלט, ווייל די יוניאָן האָט איינפאך ניט געהאט קיין געלד. אויך האָבען זיי אָנגע־שטעלט אַלס מענעדזשער פון אונזער יוניאָן א געוויסען ערנסט באהם, דעם דאמאָלסדיגען רעקאָרדינג סעקרעטער פון דער סענ־טראל פעדערייטעד יוניאָן, נאָר נאָכדעם ווי מר. באהם איז מיט אונז אָפּגעשטאנען א צוויי וואָכען, האָט ער פון זיין אמט רע־זיגנירט און האָט ערקלערט, אז אין א אידישער יוניאָן וויל ער ניט ארבייטען.

גלייך ווי באראָנדעס איז אריינגעזעצט געוואָרען אין די טומס האָט זיך אָנגעפאנגען א בעוועגונג איהם צו בעפרייען דורך שיקען פּעטישאָנס צום גאָווערנאָר. קאָמיטעס זיינען גלייך ער־וועהלט געוואָרען צו קריגען אזוי פיעל אונטערשריפטען ווי נאָר מעגליך. מאַסס־מיטינגען זיינען אָבגעהאלטען געוואָרען אין פערשיעדענע טהיילען פון שטאָדט, און חוץ אַלע אידישע אר־

בייטער אָרגאַניזאַציאָנען זיינען אויף פּעראַינטערעסירט געווען אין זיין בעפרייאונג די סענטראַל לייבאָר יוניאָן און אַלע אַנ־דערע ענגליש־שפּרעכענדע יוניאָנס.

אין פיעלע סטאָרס און אָפיסעס זיינען אויסגעטהיילט גע־וואָרען געדרוקטע פּעטישאָנס, וואו מען האָט געקליבען אונטער־שריפטען. אויף דער איסט סייד זיינען אויף פיעלע קאָרנערס אויסגעשטעלט געוואָרען טישלעך, וואו קאָמיטעס זיינען גע שטאַנען און געקליבען אונטערשריפטען. עס איז גראַדע דאַן געווען אַרום דעם ערשטען מאַי, און מען האָט בעשלאָסען צו מאַרטשען, און דער מאַרשרוט זאָל זיין אַרום די טומס, כדי באַראָנדעס זאָל אין פּריזאָן קענען הערען די טענער פון דער מאַרסעליעזע.

די גאַנצע שטאָדט איז געווען פעראינטערעסירט אין באַ־ראָנדעס׳עס בעפרייאונג, און אין פערלויף פון איינינע טעג איז צוזאַמענגעקליבען געוואָרען אַרום אַ האַלבען מיליאָן אונטער־שריפטען. דיעזע אַלע אונטערשריפטען זיינען דורך אַ קאָמיטע איבערגעגעבען געוואָרען אין אָלבאַני צום גאָווערנאָר, און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז באַראָנדעס פון גאָווערנאָר בעגנאַדיגט געוואָרען.

דער טאָג, ווען באַראָנדעס איז בעפרייט געוואָרען, איז ביי די קלאָוקמאַכער געווען דער גרעסטער יום־טוב. הונדערטע קלאָוקמאַכער זיינען דעם גאַנצען טאָג געשטאַנען לעבען די טומס, אום צו האָבען דאָס פערגעניגען צו זיין די ערשטע, וואָס וועלען זעהן באַראָנדעס׳ען אַרויסקומענדיג פון פּריזאָן.

נאָך אַ קאַמפּף, וואָס האָט געדויערט אַכטצעהן מאָנאַטען, און האָט געקאָסט אַרום פינף און פערציג טויזענד דאָללאַר, האָבען ענדליך די קלאָוקמאַכער פרייער אָבגעאָטהעמט, ווען זיי האָבען דערזעהן באַראָנדעס׳ען אַרויסגעהענדיג פון די שווערע טומס־טויערען.

X

די ערשטע אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן אין קלאָוק־טרייד.

דורך די אכטצעהן מאָנאַטען, וואָס די יוניאָן האָט געהאַט צו טהאָן מיט די ארעסטען האָט נאַטירליך קיין רייד ניט געקענט זיין וועגען פערטהיידיגען די ארבייטער־אינטערעסען אין די שעפּער. די פּרייזען האָבען אָנגעפאנגען זינקען. און צוליעב דעם האָבען זיך טויזענדער קלאָוקמאַכער צוריקגעצויגען פון דער יוניאָן.

ווען די אַלע טראָבעלס זיינען אָבער געווען אריבער, האָט מען ערנסט אָנגעפאַנגען טראַכטען וועגען פערשטארקען די יוניאָן.

דער ערשטער שריט איז געמאַכט געוואָרען פון מאיר דזשאהנסאָן'ס פּרעסערס. זיי זיינען ארונטערגעגאַנגען סטרייקען צו קריגען 16 דאָללאר א וואָך ווייזדזשעס אָנשטאָט 14.

דורך דיעזען סטרייק האָבען בראָנדעס'עם געגנער אויסגענוצט דעם מאָמענט, און האָבען אָרגאַניזירט אַן אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן אונטער די „נייהטס אָוו לייבאָר". די ליעדערס פון דיעזער בעוועגונג זיינען געווען א געוויסער פּערבער, וועלכער איז אין די ערשטע צייטען פון דער יוניאָן געווען אַן עקזעקוטיוו מעמבער, און א געוויסער איטאַליענישער קלאָוקמאכער פּיטער אקריטעלי, וועלכער איז געווען דער רעקאָרדינג סעקרעטער פון דעם איטאַליענישען ברענטש. דיעזער אַקריטעלי איז נאָכהער אריין אין טאמאני האָל פּאָליטיקס, און איז שפּעטער ערוועהלט געוואָרען אַלס קאָראָנער אויף דעם דעמאָקראַטישען טיקעט.

דיעזע צוויי חברה־לייט האָבען מיט מאיר דזשאהנסאָן אונטערהאַנדעלט וועגען אָנערקענען די „נייהטס אָוו לייבאָר", און דאדורך האָט דער סטרייק אביסעל געליטען, און איז נאָר טהיילווייז געוואונען געוואָרען. נאָך אייניגע וואָכען טראָבעל מיט די נייהטס אָוו לייבאָר'ניקעס, האָבען מיר זיי ענדליך בעזיעגט, און די זאָגענאַנטע יוניאָן האָט זיך אויפגעלייזט.

דעם צווייטען סטרייק האָבען מיר אַרויסגערופען ביי אָפּפענהיים און קאָלינס, און דיעזער סטרייק האָט שוין מעהר

גליק געהאט ווי דער סטרייק ביי מאיר דזשאהנסאן. נאך א וואך סטרייקען זיינען אלע פאדערונגען פון דער יוניאן נאכ־געגעבען געווארען.

ווי נאר דער סעטעלמענט פון סטרייק איז בעקאנט גע־ווארען צווישען די סטרייקער, האט מען גלייך געבראכט א בענד מיוזיק, מען האט געטאנצט און געזונגען, און אלע אנווע־זענדע האבען זיך גראטולירט מיט'ן זיג.

טראץ דיעזע זיגע האט מען דאך מעהר ניט געקענט בעוועגען די גרויסע מאסען צוריקצוקומען אין דער יוניאן. אלע זיינען מיעד געווען פון די פיעלע קעמפפע, וואס זיי האבען דורכגעמאכט. אויך די פאפולאריטעט פון בארענדעס'ען איז זעהר שטארק געפאלען, און דאדורך איז ער מעהר ניט אימ־שטאנדע געווען דורך זיין רעדנער־קראפט צו בעגייסטערען די קלאוקמאכער. בארענדעס'עס מוטה און ענערגיע איז אין גאנ־צען געבראכען געווארען. זיינע געגנער, דאגעגען, זיינען פער־מעהרט געווארען; זיי האבען צוגעקראגען נייע קרעפטען. און א קאמפף אויף לעבען און טויט האט זיך אנגעפאנגען, אום ארויסצושטופען בארענדעס'ען פון דער יוניאן.

ביי איינינע עלעקשאנס האבען זיינע געגנער אויפגע־שטעלט א געגען־קאנדידאט מיט דער האפנונג בארענדעס'ען צו דעפיטען. נאר זיינע פריינד און אנהענגער זיינען אויך ניט געשלאפען און האבען געפונען אן עצה ווי צו פערזיכערען בארענדס'עס עלעקשאן. בעפאר די וואהל האט בארענדעס ערקלעהרט, אז ער וועט אונטער קיינע אומשטענדען דעם דזשאב ווייטער ניט אננעהמען, סיידען די יוניאן וועט אנשטעלען צוויי מענעדזשערס.

דיעזער פארשלאג איז גלייך אנגענומען געווארען. און ווען זיינע געגנער האבען דעם שפיצעל דערזעהן, האבען זיי גלייך זייער קאנדידאט צוריקגעצויגען.

ביי א צווייטען פאל האבען בארענדעס'עס געגנער ארונ־טערגעבראכט פון שיקאגא געגאסע אב. ביזנא, אום ער זאל לויפען געגען בארענדעס'ען. נאר אזוי שנעל ווי ער האט זיך דערוואוסט, וואס דא טהוט זיך, האט ער זיך צוריקגעצויגען.

הקיצור, מען האָט געהאַלטען אין איין אַרומקריעגען זיך, ביז אין ספּרינג פון 1893. נאָכדעם איז מען פון בלויזע קריעגרייען איבערגעגאַנגען צו קלעפּ.

ווי בעוואוסט איז יענעם יאָהר פאָרגעקומען אַ שרעקליכער קריזיס אין לאַנד. מיליאָנען אַרבייטער זיינען אַרומגעגאַנגען אָהן אַרבייט. אויך אונזערע קלאָוקמאַכער זיינען אין דעם ניט געווען קיין אויסנאַהמע. אונטער אַזעלכע אומשטענדען זיינען נאַטירליך די פּרייזען אויף דער אַרבייט אין די שעפּער, וואו עס איז געווען אַביסעל צו טהאָן, שטאַרק געזונקען.

אונזערע קלאָוקמאַכער האָבען דאַן געהאַט גענוג צייט, זיינען געווען הונגעריג און פערביטערט און, ווי געוועהנליך אין אַזעלכע צייטען, האָט מען אָנגעפאַנגען אַרויפוואַרפען די שולד פון דעם קריזיס איינער אויפ'ן צווייטען. נאָך יעדען מיטינג זיינען אייניגע אַוועקגעגאַנגען מיט אונטערגעהאַקטע אויגען און צובלוטיגטע נעזער. איבערהויפּט ווען באַראָנדעס'עס מוטה און שטאָלץ איז שוין געבראָכען געווען, האָט ער שוין אין גאַנצען פערנאַכלעסיגט די יוניאָן. די יוניאָן איז געזונקען פון טאָג צו טאָג.

די אַנטי־באַראָנדעסיסטען האָבען זיך אָנגעפאַנגען אָרגאַניזירען און האָבען אָבגעהאַלטען געהיימע מיטינגען, וואו קיינער איז ניט אַריינגעלאָזען געוואָרען, סיידען ער האָט געוואוסט אַ געוויסען פּאַסיר־וואָרט, וואָס אַלע זייערע אַנהענגער האָבען געדאַרפט וויסען.

ביי איינעם פון זייערע מיטינגען האָבען זיי בעשלאָסען, אַז זיי זאָלען קומען צו די יוניאָן־מיטינגען אָרגאַניזירט און בעוואַפנעט מיט באָטעלס און שטעקענס, אום ווען עטוואָס וועט ביי די מיטינגען פּאַסירען, זאָלען זיי קענען צייגען וואָס זיי קענען.

די יוניאָן האָט זיך דערפון דערוואוסט און האָט בעשלאָסען, דאָס 18 לייטע, וועלכע זיינען געווען די אָרגאַנייזערס פון דיעזע מיטינגען, זאָלען געשטעלט ווערען אונטער אַ קלאַגע, און ביז וואַנען זייער קלאַגע וועט ניט פערהאַנדעלט ווערען זאָלען זיי קיין רעכט ניט האָבען צו בעזוכען די יוניאָן־מיטינגען.

צו אַלע אָנגעקלאָגטע איז שריפטליך געמעלדעט געוואָרען, אַז זיי שטעהען אונטער אַ קלאַגע, און אַז זיי זאָלען ערשיינען צום נעקסטען מיטינג פון דער עקזעקוטיווע, זיך צו פערטהיידיגען.

אין דער זעלבער וואָך האָט אויך שטאַטגעפונדען אַ יוניאָן־מיטינג, וואו בעאַמטע האָבען געזאָלט ערוועהלט ווערען. מורא האָבענדיג, טאָמער וועלען זיך די 18 לייטע אריינרייסען צום מיטינג און עס וועט פיעלייכט פאָרקומען בלוט־פערגיסונג, — האָט דאָס קאָמיטע בעשלאָסען, דאָס אום אויסצומיידען טראָבעל, זאָל מען אָנשטעלען אַ פּאָר פּאָליסלייט ארום האָלל, די 18 לייטע ניט אריינצולאָזען.

אויף דער צווייטער וואָך זיינען אַלע אכטצעהן אָנגעקלאָגטע ערשיענען פאַר דער עקזעקוטיוו באָארד. אַנשטאָט צו ענטפערען אויף געוויסע פראַגען, וואָס מען האָט זיי געשטעלט, האָט זיך איינער פון זיי אויפגעשטעלט און האָט ערקלהרט דאָס פאָלגענדע: אַזוי ווי זיי זיינען אַן אָרגאַניזאַציאָן פאַר זיך, דארום פערלאַנגען זיי, אַז צוויי פון זיי זאָלען אַלעמען רעפּרעזענטירען אין אַלע אַנגעלעגענהייטען. די עקזעקוטיוו באָארד האָט נאַטירליך דעם פערלאַנג ניט געקענט נאָכגעבען, און האָט געפאָדערט, אַז יעדער איינער זאָל געבען זיין פערטהיידיגונג בלויז פאַר זיך אליין. גלייך נאָכדעם האָבען זיך אַלע אָנגעקלאָגטע אויסגעשטעלט אין ליין און אונטער די טענער פון דער מאַרסעליעזע האָבען זיי ארויסמאַרשירט פון האָלל.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבען דיעזע אכטצעהן לייטע איינבערופען אַ פערזאַמלונג אין 91 דעלענסי סטריט, וואו עס איז געווען דער אידישער לייבאָר לייסעאום. נאָכדעם ווי זיי זיינען דערצו אויפגעמונטערט געוואָרען פון די אידישע סאָציאַליסטען, האָבען זיי בעשלאָסען צו גרינדען אַן אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן, און גלייך אויפ'ן פּלאַץ האָבען זיי צוזאַמענגעלייגט אַ סומע פון אכציג דאָלאַר, מיט וועלכע זיי זאָלען קענען אָנגעהן מיט זייער ארבייט.

די אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן האָט זיך אָנגערופען „די אינטערניישיאָנאַל קלאָוקמייקערס יוניאָן". עפּעס אויפטהאָן האָבען זיי נאַטירליך ניט געקענט. נאָר די איינציגע זאַך, וואָס זיי האָבען

אויסגעפיהרט, איז געווען, אז אונזער יוניאָן איז אויך צו־גרונדע געגאַנגען. זיי האָבען געצעהלט אַרום פופציג מיטגליעדער, און אונזער יוניאָן האָט אויך ניט מעהר געהאַט ווי אַרום צוויי הונדערט און פופציג מיטגליעדער.

די איינציגע פעסטונג אונזערע איז געווען אין בראַנזוויל. דאָרטען האָבען זיך געעפענט מאַסען אָרגאַניזירטע שעפּער. פאַר דער צייט, וואָס די קלאָוקמאַכער האָבען אַנגעפיהרט אַ רייהע סטרייקס אין נויאָרק זיינען אייניגע באַסעס געפאַלען אויפ'ן שכל צו עפענען סקעב־שעפּער אין בראַנזוויל, וואו זיי וועלען קענען מאַכען סקעב־ארבייט אונגעשטערט. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזען גראָדע קאַפּויר. אין בראַנזוויל האָבען מיר געהאַט אייניגע הונדערט מיטגליעדער, וועלכע זיינען גע־ווען שטאָל און אייזען פאַר דער יוניאָן, און אַלע זיינען געווען באַראַנדעסיסטען.

דער קאַמפּף צווישען דער רעגעלער און דער אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן האָט זיך צופלאַקערט. וואו מען האָט זיך נאָר צוזאַ־מענגעטראָפען, זיינען געפלויגען קלעפּ. די ס. ל. פּ.'ניקעס, צו־זאַמען מיט דער „ארבייטער צייטונג", האָבען אונטערשטיצט די אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן, און די פעראייניגטע אידישע געווערק־שאַפטען, אַלס פליגעל פון דער סאָשעליסט לייבאָר פּאַרטי, איז זעלבסטפערשטענדליך אויך געווען מיט דער אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן.

אין דער זעלבער צייט איז אויך געגרינדעט געוואָרען אַן אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן געגען דער מענער־שניידערס יוניאָן, וועלכע איז שוין דאַמאָלסט געווען אָרגאַניזירט אונטער די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס. אויך געגען די בעקערס אינטערניישאַ־נאַל יוניאָן האָט זיך געגרינדעט אַן אָפּאָזיציאָן. דעניעל דע־ליאָן האָט שוין דאַמאָלסט ספּעקולירט דעם אַנפאַנג פון אויפ־בויען אַ דעליאָניסטישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציאָן, און דאַרום זיינען אַלע זיינע אַנהענגער געווען זעהר טהעטיג אין צובדעכען די עקזיסטירענדע יוניאָנס.

חסיצור, עס איז ניט בלויז געווען אַ פייט צווישען די קלאָוקמאַכער, נאָר אַן אַלגעמיינער פייט צווישען די סאָציאַל־

דעמאָקראַטישע אנהענגער און די אַנאַרכיסטישע אנהענגער.ביידע פראקציאָנען האָבען געהאַט זייערע הערקוואַרטערס, וואו מען פלעגט זיך צוזאמענקומען. די סאָציאַל־דעמאָקראַטען אין 91 דעלענסי סטריט, און די אַנאַרכיסטען אין 11 פייק סטריט, וואו די אַנאַרכיסטישע הערקוואָרטערס זיינען געוועז.

דער רעזולטאַט איז געווען, דאָס ווען די אָפּאָזיציאָניסטען האָבען אָבגעהאַלטען מיטינגען פלעגען אונזערע לייטע קומען און שטערען זייערע מיטינגען. דאָס זעלבע איז געווען ווען מיר האָבען אָבגעהאַלטען פערזאמלונגען.

איינינגע מאָל האָט געגאַסע אַב. קאַהאַן געכאַפּט קלעפּ פון אונזערע לייטע. דאָס זעלבע האָבען זייערע לייטע געטהאָן צו באַראָנדעס'ען.

עס איז ענדליך ביי אונז בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אן אָפּאָזיציאָן געגען די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען. אונזער יוניאָן, צוזאַמען מיט די בראָדערהוד אָוו טיילאָרס, האָ־בען אָרגאַניזירט אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס פון פענטס מייקערס, שוירט מייקערס, אידישע מוזיקער און נאָך אַ פּאָר טריידס. פון דיעזע אַלע יוניאָנס איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען די נייע געווערקשאַפטען. עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען ארויסצו־געבען אַ אידישע וועכענטליכע צייטונג, אין וועלכער מיר זאָלען קענען ערקלעהרען אונזער שטאַנדפּונקט, און אזוי ווי די „פּרייע ארבייטער שטימע“ איז דאַמאָלסט ניט ארויסגעגאַנגען רעגעל־מעסיג, האָבען מיר ארויסגעגעבען „די יוניאָן צייטונג“, וועלכע האָט עקזיסטירט אַ יאָהר און אַ האַלב. מיט אונזער ארויס־געבען די „יוניאָן צייטונג“, האָבען מיר אויך אָרגאַניזירט אַן אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן געגען די אידישע שריפטזעצער יוניאָן.

אין אַלע טריידס, וואו עס זיינען געוועז צוויי יוניאָנס, האָט איין יוניאָן געסקעבט געגען דער צווייטער. אונזער יוניאָן האָט דאַמאָלסט ארויסגערופען אַ סטרייק ביי בענדזשאַמין ליווי, וועלכער איז געווען אַ קאָנטראַקטאָר פאר פריעדמאַן בראָדהערס, — האָבען אונזערע אינטערנאַציאָנאַלניקעס ביי אַ מיטינג בעשלאָסען צו שיקען אהין זייערע מעמבערס סקעבען, און ס'איז גלייך אויסגעקליבען געוואָרען אַ קאָמיטע פון לייטע.

וועלכע זאָלען דאָס זיין די פּרינציפּיעלע סקעבס. אין דיעזער קאָמיטע צו סקעבען איז אויך אויסגעקליבען געוואָרען ברודער פריעד, דע ר געוועזענער פינאנס־סעקרעטער פון לאָקאַל 1, נאָר דער אַלטער פריעד האָט אָבער מוחל געווען אויף זיין כבוד און האָט זיך ענטזאגט דיעזע „פּרינציפּען" אויסצופאָלגען. די איי־בעריגע זיינען געגאנגען, נאָר אין א צוויי טעג שפּעטער האָבען אונזערע פּיקעטס געכאפּט די פּרינציפּיעלע חברה, און מען האָט פון זיי געמאכט קדושים. דער „פּרינציפּ" האָט ניט געקענט דורכגעפיהרט ווערען, און מיר האָבען דיעזען סטרייק געוואונען.

דער פּייט איז אזוי אָנגעגאנגען ביז אין דזשון, 1894.

עס איז ווערטה צו דערמאָהנען א געוויסע פּאסירונג, וועל־כע וועט געבען א גוטע כאראקטעריסטיק, ווי ווייט דער פּייט איז אָנגעגאנגען. אין מיטען פון דעם קריזיס האָבען די אָר־גאניזירטע ארבייטער פון נויאָרק בעשלאָסען איינצורופען א גרויסען מאסס־מיטינג. דורך א דעמאָנסטראציע אין מעדי־סאָן סקווער גאַרדען איז בעשלאָסען געוואָרען צו פּראָטעסטירען געגען דער סטייט רעגיערונג, ווייל זי בעווילליגט ניט קיין געלד צו שאפען בעשעפטיגונג פאר די ארבייטסלאָזע. ווי געוועהנ־ליך האָבען די געווערקשאפטען צוזאמען מיט די סאָשעליסט לייבאָר פּארטי אנאָנסירט, אז אַלע ארבייטער זאָלען זיך צוזאַ־מענקלייבען אין ראָטגערס סטריט און פון דאָרטען וועט מען מארטשען צום מעדיסאָן סקווער גאַרדען.

אַלס ענטפער דערויף, האָבען מיר דעם זעלבען טאָג צו־טהיילט צוואנציג טויזענד סירקולאַרס, אנאָנסירענדיג, אז דער צוזאמענקונפט פון די ארבייטער איז געענדערט געוואָרען פון ראָטגערס סקווער נאָך גאָלדען רול האָלל, ריווינגטאָן און עסעקס סטריט. דער רעזולטאַט איז געווען, אז די גאנצע מאסע איז געקומען נאָך ריווינגטאָן סטריט, און מיר האָבען ארויסגע־מארטשט מיט צעהן טויזענד מאן, וועהרענד די געווערקשאפטען מיט די ס. ל. פּ. דיסטריקטען האָבען געמארטשט מיט א פּאָר מנינים מענשען.

דאָרטען אין האָלל האָבען די ס. ל. פּ.'ניקעס אויסגעפייפט און ניט געלאָזען ריידען גאָמפּערס'ען און נאָך אייניגע פון אונ־

זערע רעדנער. דערפאַר אָבער ווען קאהאַן האָט געזאָלט ריי־דען, האָבען אונזערע לייטע איהם אויסגעפייפט און ניט געלאָ־זען ריידען. דורכדעם איז די פערזאַמלונג געשטערט געוואָרען.

באַראָנדעס, וועלכער האָט אויך געזאָלט ריידען, האָט שוין אויפגעגעבען דעם געדאַנק פון ריידען ביי דיעזען מיטינג, וויל ער האָט איינפאַך מורא געהאַט צו ריזיקירען מיט'ן לעבען.

אין האָל איז געווען אַ שרעקליכער טומעל. באַראָנדעס'עס געגנער האָבען זיך געוואָלט אויף איהם אַרויפוואַרפען און איהם געבען קלעפּ. נאָר אַ פּאָר הונדערט פון אונזערע שטאַרקסטע קלאָוקמאַכער האָבען איהם אַרומגערינגעלט און איהם אַרויסגע־פיהרט פון האָל.

אייגענטליך האָבעןביידע יוניאָנס ניט געקענט עקזיס־טירען אונטער די געוועהנליכע אומשטענדען. נאָר דער גאַנצער גליק איז געווען, וואָס עס איז געווען דער קריזיס אין לאַנד.

אין דער דאַמאָלסדיגער צייט האָבען זיך געבילדעט פיעלע טשאַריטי סאָסייעטיעס, וועלכע האָבען געעפענט שעפּער, וואו מען האָט געגעבען בעשעפטיגונג צו די אַרבייטסלאָזע צוויי טאָג אין וואָך, און דאַפיר האָבען זיי געצאָהלט אַ דאָלאַר אַ טאָג פאַר אַכט שטונדען אַרבייט. אַנדערע געזעלשאַפטען האָבען געגע־בען בעזימער צו קעהרען די סטריטען אויף פאַר אַ דאָלאַר אַ טאָג.

דיעזע געזעלשאַפטען פלעגען אַריינשיקען טיקעטס צו אַלע יוניאָנס, זיי זאָלען אויסטהיילען די אַרבייט. אונזער יוניאָן האָט אויך יעדע וואָך אַריינגעקראָגען 50 טיקעטס. און דאָס האָט אויפגעהאַלטען אונזער יוניאָן, וויל קיינער האָט ניט גע־קענט קריגען קיין טיקעט אויף אַרבייט, אויסער ווען ער האָט פאָראויס בעצאָהלט זיינע דיוס. דאָס זעלבע איז אויך פאָר־געגאַנגען ביי אונזערע אָפּאָזיציאָניסטען.

ווי מיר האָבען שוין אויבען געשריעבען, האָט זיך דער גאַנצער קאַמפּף אָנגעפאַנגען פון דעם, וואָס ביי אַ מיטינג פון זייערע געווערקשאַפטען איז בעשלאָסען געוואָרען צו באָיקאָ־טירען די „פרייע אַרבייטער שטימע“. ביים מיטינג פון אונזערע געווערקשאַפטען איז בעשלאָסען געוואָרען צו באָי־

קאַטירען די „ארבייטער צייטונג“. א גרויסער מאסס־מיטינג איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אין ניו אוירווינג האָלל, קאָרנער ברום און עסעקס סטריט. צו דיעזען מאַסס־מיטינג זיינען גע־קומען וועניגסטענס צעהן טויזענד ארבייטער. ביי דיעזען מי־טינג איז דער באָיקאָט פּראָקלאַמירט געוואָרען, און גלייך זיינען ערוועהלט געוואָרען הונדערטע קאָמיטעס אָנצופיהרען דעם באָי־קאָט: ארויסצונעהמען די אדווערטייזמענטס און צו זעהן, אַז די „ארב. צ.“ זאָל זיך ניט געפינען אויף די סטענדס.

דער באָיקאָט איז אָנגעפיהרט געוואָרען אויף דעם פאָל־גענדען ארט. א קאָמיטע פון צעהן פלעגען צוגעהן צו א סטענד, געהייסען זיך אָנגיסען צעהן גלעזער וואסער, און איינער פון דער קאָמיטע האָט פערלאַנגט אַ „ארבייטער צייטונג“. אזוי שנעל ווי דער סטענד־קיפּער האָט פון ערגעץ ארויסגעשלעפּט א צייטונג, האָט די גאנצע קאָמיטע געלאָזען שטעהן די וואסער און אוועקגעגאַנגען.

מאנכע סטענד־קיפּערס פלעגען זיך כאַפּען שלאָגען. און דאַן פלעגען פאָרקומען גאַנצע „פּאָגראָמען“.

דאָס אינטערעסאַנטע איז, וואָס די זעלבע לייטע, וועלכע האָבען געריסען די „ארבייטער צייטונג“ פון די סטענדס, האָ־בען מיט א יאָהר צוריק געריסען די „פרייע ארבייטער שטימע“, ווען זי איז געווען באָיקאָטירט.

דורך דער צייט פון פייט האָט ענדליך באַראָנדעס זיך ארומגעזעהן, אז פאר איהם איז מעהר קיין פּלאַץ ניטאָ אין דער יוניאָן, און ער, צוזאַמען מיט א געוויסען קאַסאָווסקי, א קלאָוק־מאכער, וועלכער האָט געהאט אכט הונדערט דאָלאר, זיינען אוועק נאָך באַלטימאָר און האָבען ארויסגעגעבען א אידישע ווע־כענטליכע צייטונג, וועלכע האָט געהייסען „די פרייע פּרעסע“.

זייט באַראָנדעס איז אוועק פון ניו יאָרק איז דער קאַמפּף שוואַכער געוואָרען. די קעמפּפער האָבען אָנגעפאַנגען ערנסט צו דענקען פון פעראייניגען זיך. די ערשטע האָבען זיך פער־איינינט די אידישע שריפטזעצער יוניאָן, וועלכע איז געווען פערטראָטען אין די אידישע געווערקשאַפטען, מיט די שריפט־

זעצער יוניאָן לאָקאַל 317, אינט. טיפּ. יוניאָן, וועלכע איז פון אונז אָרגאַניזירט געוואָרען.

אזוי שנעל ווי די שריפטזעצער האָבען זיך פעראייניגט אונטער דעם נאָמען „היברו אמעריקאַן טיפּאָגראַפיקעל יוניאָן לאָקאַל 83“, האָבען זיי ערוועהלט קאָמיטעס צו ברענגען פריע־דען אין דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג. און, נאָך איניגע וואָכען אונטערהאַנדלען, איז ענדליך פריעדען געשלאָסען גע־וואָרען.

אַלע „אינטערנאַציאָנאַלניקעס“ זיינען אריינגענומען גע־וואָרען אַלס מעמבערס אָהן איינטריטס־געלד מיט די רעכטע פון אַלטע מיטגליעדער. די אינטערנעישיאָנאַל יוניאָן האָט אונז אויך איבערגעגעבען זייערע אָפּיס־פאָרניטשור מיט אַ זיי־דענע פלעג, וועלכע מיר האָבען שפּעטער איבערגעפיקסט פאַר אונזער יוניאָן.

מיר האָבען די אָפּאָזיציאָניסטען נאָכגעגעבען דעם פונקט, אַז באַראָנדעס טאָר קיינמאָל אין דער יוניאָן ניט זיין ניט קיין אַקטיווער און ניט קיין עהרען־מיטגליעד. אָבער גלייך נאָכ־דעם, ווי באַראָנדעס איז אין נויאָרק אָפיציעל אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער יוניאָן, האָבען איהם די בראָנזווילער קלאָוק־מאַכער ערוועהלט אַלס עהרען־מיטגליעד.

XI

די ווידער־אויפלעבונג פון דער יוניאָן און דער דזשענעראַל סטרייק פון 1894.

אין פיער און ניינציגסטען יאָהר, נאָכדעם ווי דער קריזיס איז שוין געווען אריבער און די געשעפטען אין לאַנד האָבען זיך שוין אָנגעפאַנגען צו פערבעסערען, האָבען זיך די קלאָוק־מאַכער ארומגעזעהן, אַז טראָץ דעם, וואָס אַרבייט איז דאָ מעהר ווי גענוג, זיינען דאָך די פערדיענסטען אַלץ זעהר טרויעריגע. און נאָך דער פעראייניגונג מיט די אָפּאָזיציאָניסטען, האָט מען ערנסט אָנגעהויבען טראַכטען ווי אַזוי דעם צושטאַנד פון קלאָוק־טרייד אויפצוהויבען.

פאַר דער צייט פון דעם פייט מיט די אָפּאָזיציאָניסטען

האט אונזער יוניאָן זיך געהאט אַנגעשלאָסען אָן די יונייטעד גארמענט וואָירקערס און מיר זיינען געוואָרען לאָקאַל 64.

צו דער דאַמאָלסדיגער צייט האָבען שוין די יונייטעד גאַר־מענט וואָירקערס עקזיסטירט און זיינען נאָך געווען אַ פערבאַנד פון שניידער־ארבייטער. קיינע אָוועראָלל וואָירקערס האָבען נאָך דאַמאָלס צו זיי ניט בעלאַנגט, און אַזוי ווי מיר זיינען געווען אינדעפּענדענט פון דער גאַנצער וועלט, האָבען מיר בע־שלאָסען זיך אָנצושליסען אָן אַ נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציאָן. דאָס איז געטהאָן געוואָרען, אום מיר זאָלען ערפאָלגרייכער קע־נען אָנפיהרען דעם פייט געגען אונזערע אָפּאָזיציאָניסטען.

אין דעם זעלבען זומער האָבען די בראָדערהוד אָוו טיילאָרס פון ניו יאָרק, וועלכע זיינען געווען אַ טהייל פון די „גאַרמענט וואָירקערס", אָנגעפיהירט אַן אגיטאַציאָן פאר אַ דזשענעראַל־סטרייק. דיעזע אגיטאציאָן האט אויך געהאט אַ ווירקונג אויף די קלאָוקמאַכער. די בעאַמטע פון די גאַרמענט וואָירקערס האָבען אונז פערזיכערט, אַז מיר דארפען קיין מורא ניט האָבען פאר פערליערען סטרייקס. זיי האָבען אונז ערקלעהרט, אַז ווען מיר וועלען זאָגאר פערליערען אַ סטרייק, וועלען זיי דעם מאַנופעקטשורער באָיקאָטירען, און פריהער אָדער שפּעטער וועט ער מוזען קומען סעטלען מיט דער יוניאָן.

האָבענדיג אַזעלכע פערשפּרעכונגען און זייענדיג אַזוי נאַ־איוו דאָס צו גלויבען, האָבען מיר זיך גענומען טיכטיג צו דער ארבייט. שאַפּ נאָך שאַפּ איז גערופען געוואָרען צו דער יוניאָן. און אַלע האָבען זיך גלייך אָנגעשלאָסען אַלס מעמבערס. פּרייז־ליסטען זיינען גלייך פאר די מאַנופעקטשורערס פאָרגעלייגט געוואָרען און אַלע האָבען געסעטעלט.

פון אָנפאנג, ווען מיר זיינען געווען אונבעדייטענד, האָבען אונזערע קאַטערס וועגען אונז זיך ניט געקימערט. נאָר זעהענ־דיג, אַז מיר מאַכען פאָרטשריטע, האָבען זיי זיך דערמאָהנט אָן דעם אַלטען אגרימענט, וואָס מיר האָבען אַמאָל געמאַכט מיט זיי, אַז מיר טאָרען ניט נייהען קיין ארבייט וואָס איז געשניטען פון נאָן־יוניאָן לייטע, און איבערהויפּט נאָך יעצט, ווען זיי בע־לאַנגען אויך צו די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס, אַלס לאָקאַל

62, האָבען זיי דאָך געווים אַ רעכט פון אונז צו פערלאַנגען מאָראַלע הילפע.

די צרה וואָלט נאָך ניט געווען אזוי גרויס, ווען זייערע מעמבערס וואָלטען מיט אונז צוזאמען ארונטערגעגאַנגען סטרייקען. זיי האָבען אָבער אַנדערש געטהאָן. ווען מיר האָבען אַרונטערגערופען אַ סטרייק, האָבען זיך די קאַטערס גאָר ניט גע־וויזען און האָבען ווייטער געאַרבייט. און אין אייניגע פעלע, ווען מיר האָבען די יוניאָן־בעאַמטע געפרעגט וואָרום זיי נעהמען ניט אַרונטער די קאַטערס, האָבען זיי אונז ערקלעהרט, אַז אין די שעפּער, וואו מיר סטרייקען, האָבען זיי קיין מעמבערס ניט.

דערפאַר אָבער ווען די מאַנופעקטשורערס פלעגען זיך מעלדען צום סעטלען, איז ערשיענען אַ קאָמיטע פון דער קאַטערס יוניאָן און פערלאַנגט, אַז מיר זאָלען סטרייקען צו יוניאָניזירען די קאַטערס. דערפון זיינען ארויסגעקומען פיעלע טראָבעלס. אין פיעלע שעפּער, וואו סעטעלמענט זיינען שוין גע־מאַכט געוואָרען איידער די קאַטערס זיינען ערשיענען מיט זייער פערלאַנג, האָט מען די קלאָוקמאַכער געמוזט צוריקהאַלטען פון צו געהן אַרבייטען, ביז די קאַטער־פראַגע וועט געסעטעלט ווערען.

מיר זיינען אָבער אויך דיעזע שוועריגקייטען איבערגעקומען, און די מאַנופעקטשורערס האָבען געסעטעלט מיט די קאַטערס אויך, און די יוניאָן האָט פּראָגרעסירט.

מיט די פירמעס לואיס גראַנער און סמיטה און מיט ראָזענטהאַל האָט אויך די קלאָוקמאַכער יוניאָן געסעטעלט איידער עס האָבען זיך געצייגט די קאַטערס. אויף מאָרגען, ווען אַלע זיינען פאַרטיג געווען צו געהן אַרבייטען, זייגען פּלוצלונג די קאַטערס ערשיענען און האָבען געסטאָפּט דעם סעטעלמענט. דיעזע האַנדלונג האָט די צוויי פירמעס שטאַרק פערדראָסען, און זיי האָבען חרטה געקראָגען אויף דעם גאַנצען סעטעלמענט. דער סטרייק האָט אַלזאָ ווייטער געדאַרפט פאָרטגעזעצט ווערען.

אין דער זעלבער צייט זיינען אויך ארונטערגעגאַנגען סטרייקען די אַרבייטער פון דער פירמע א. בעלער און קאָ.,

וועלכער איז נאָך ניט לאַנג געווען אין ביזנעס. בעלער האָט שוין אָבער געהאַט אַ נאָמען פאַר אַ פערביסענעם געגנער פון יוניאָנס, און דאָ האָט זיך שוין אָנגעפאַנגען אַ קאַמפּף אויף אַן אמת. אַרום זעקס הונדערט אַרבייטער זיינען פערוויקעלט געווען אין די דריי סטרייקס.

אין דער צייט פון די סטרייקס איז פּלוצלונג בעשאַפען געוואָרען אַ בעוועגונג צווישען די קלאָוקמאַכער, מען זאָל באַראַנדעס'ען ברענגען צוריק אַלס מענעדזשער אין דער קלאָוקמייקערס יוניאָן. אייניגע קאָמיטעס זיינען גלייך געשיקט געוואָרען נאָך באַלטימאָר איהם צו ברענגען. באַראַנדעס האָט זיך אָנפאַנגס געלאָזען שטאַרק בעטען, אָבער ענדליך האָט ער דאַרטען אויפגעגעבען זיין צייטונג און איז געקומען נאָך ניו יאָרק.

דעם טאָג, וואָס באַראַנדעס איז געקומען נאָך ניו יאָרק, האָט שטאַטגעפונדען אין אָבענד אַ מאַסען־פערזאַמלונג אין דער דרייצעהנטער סטריט, אום צו פּראָקלאַמירען באַראַנדעסען אַלס מענעדזשער פון דער יוניאָן. זיינע פריינד האָבען מיטגעבראַכט בלומען איהם צו בעגריסען, און ווען ער איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע, איז ער בעוואָרפען געוואָרען מיט בלומען. זיינע געגנער ווידער האָבען איהם אויסגעפייפט, און אין האָל האָט מען זיך געשלאָגען מיט טשערס. נאָכ'ן מיטינג האָט די יוניאָן גענדאַרפט בעצאָהלען פאַר אַ מאַסע צובראָכענע טשערס. עס האָבען אויך ניט געפעהלט קיין צובראָכענע קעפּ און קיין צובלוטיגטע נעזער. אייניגע האָבען גע'חלש'ט אין האָל און מען האָט זיי קוים אָבגעמינטערט. מיט איין וואָרט, — עס איז געוואָרען לעבעדיג און פרעהליך. נור פייט היינט, פייט מאָרגען; עס האָט קיין זאַך ניט געהאָלפען: די גרויסע מאַסע האָט געוואָלט באַראַנדעסען, און ער איז ווידער געוואָרען מענעדזשער.

XII

דער דזשענעראַל סטרייק פון 1894.

א פּאָר טעג שפּעטער, ווי באַראָנדעס האָט איבערגענומען זיין אמט, איז ער ערשיענען צו דער עקזעקוטיוו באָארד מיט א קאָמיטע פון דער קאָטערס יוניאָן, וועלכע האָבען פערלאַנגט מיר זאָלען ארונטעררופען אין סטרייק די פיער הונדערט אַר־בייטער פון דזשוליוס שטיין. דיזע פירמע האָט שוין איין מאָל אונטערשריעבען אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן צו בעשעפ־טיגען נאָר אַזעלכע קלאָוקמאַכער און קאַטערס, וואָס בעלאַנגען צו דער יוניאָן, און אזוי ווי זי האָט אויך בעשעפטיגט יוניאָן־קאַטערס, האָט די יוניאָן געדאַרפט ערקלעהרען זיין אַגרימענט אַלס געבראָכען.

דזשוליוס שטיין האָט פון זיין זייט ערקלעהרט, אז ער איז צופריעדען צו שיקען אַלע זיינע 32 קאַטערס אין דער יוניאָן, און ער וועט פאַר זיי אויסלייגען זייערע איינטריטס־געלד, וואָס האָט בעטראָפען אכט הונדערט דאָלאַר, און צוויי הונדערט דאָ־לאַר וועט ער בעצאָהלען שטראָף פאַר צוויי קאַטערס, וועלכע זיינען אמאָל געוועזען סקעבס. אָבער די אַלע טענות האָבען ניט געהאָלפען. די קאַטערס יוניאָן האָט זיך ענטזאגט די צוויי געוועזענע סקעבס אריינצונעהמען אין דער יוניאָן אפילו פאַר טויזנדער, און דזשוליוס שטיין האָט זיך ענטזאגט ארונטער־צושיקען די צוויי קאַטערס.

אונזער עקזעקוטיוו באָארד, אויסהערענדיג דעם בעריכט פון די קאָמיטעס, וועלכע האָבען אונטערהאַנדעלט מיט דזשו־ליוס שטיין, האָט זיך אויסדריקליך ענטזאגט ארויסצורופען דיעזען סטרייק, און נאָך א צייט פון ארגומענטען, האָט ענדליך דער דאַמאָלסדיגער טשערמאַן פון דער עקזעקוטיוו באָארד, א געוויסער פּרענקעל, געשלאָסען דעם מיטינג, און א גרויסע צאָהל דעלעגאַטען זיינען אוועק. גלייך ווי דער טשערמאַן פּרענקעל האָט פערלאָזען דעם האָלל, איז באַראָנדעס ארויף אויפ'ן טשער און האָט ווידער געעפענט דעם מיטינג, און ביי דיעזען מיטינג

איז בעשלאָסען געוואָרען דזשוליוס שטיין'ס ארבייטער ארויס־צורופען אין סטרייק.

דזשוליוס שטיין און זיין סופּעראינטענדענט זיינען איינינע מאָל געקומען אין אָפּיס פון אונזער יוניאָן און האָבען געטרייעט צו פערמיידען דעם סטרייק. נאָר די קאַטערס יוניאָן האָט זיך געהאַלטען פעסט ביי איהר בעשלוס, אַז זי וועט די צוויי קאַ־טערס פאַר טויזענדער ניט אריינגעהמען אין דער יוניאָן און אַז זיי וועלען זיי פון שטאָדט פערטרייבען.

אין א פּאָר טעג ארום זיינען איבער פיער הונדערט אר־בייטער פון דזשוליוס שטיין'ס פירמע ארונטערגענומען געוואָ־רען אין סטרייק.

יעצט האָבען אַלע פיער מאַנופעקטשורערס אָנגעפאַנגען פיהרען דעם סטרייק געמיינשאַפטליך, און דער סטרייק האָט שוין אָנגענומען אַן ערנסטען כאַראַקטער.

די איבעריגע קלאָוק־מאַנופעקטשורערס פון שטאָדט, מורא האָבענדיג פאַר זייער אייגענע פעל, ווען די יוניאָן וועט צו שטאַרק ווערען, האָבען געגרינדעט אַן אַסאָסיאיישאָן, און דורכ'ן טאָג פלעגען די מאַנופעקטשורערס זיך צוזאַמענקומען פאַר בע־ראַטהונגען. דערפון איז צווישען די קלאָוקמאַכערס פערשפּרייט געוואָרען דער פערדאַכט, אַז די מאַנופעקטשורערס מאַכען אויף די סטרייק־ארבייט אין זייערע שעפּער. און אין אַזעלכע פעלע געפינען זיך אימער ארבייטער, וועלכע וועלען אייך מיט זיכער־הייט זאָגען, אַז זיי האָבען אַליין געזעהן, ווי דער אָדער יענער פאָרמאַן פון די סטרייקענדע שעפּער האָט צו זיי געבראַכט באַנדלעך ארבייט צום מאַכען.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַן אונצופריעדענהייט צווישען די ארבייטער פון די געסעטעלטע שעפּער. פּיעלע מאַנופעק־טשורערס האָבען פערביטען די נומערען פון די געסעטעלטע גאַר־מענטס און זיי האָבען געגעבען די ארבייטער צו מאַכען די גאַרמענטס פאַר קלענערע פּרייזען. אין אַנדערע שעפּער האָט זיך בלויז די ארבייטער געדאַכט, אַז מען טשענדזשעט זיי די נומערען, נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, עס איז געוואָרען א גאַנ־

צע סומאטאָכע, פון אַלע שעפּער האָט מען שטאַרק געפּאָדערט, אַז מען זאָל איבערסעטלען די פּרייזען.

דיעזע און נאָך אַנדערע אומשטענדען האָבען געבראַכט דעם געדאַנק פון אַ דזשענעראַל סטרייק אין די מוחות פון די קלאָוקמאַכער.

אַם שטאַרקסטען האָבען זיך בעטהייליגט אין דער פּראָ־פּאַגאַנדע פאַר אַ גענעראַל סטרייק די אַרבייטער פון די פּיער סטרייקענדע שעפּער. זיי האָבען גערעכענט, אַז זייער סטרייק איז יעדענפאַלס פערלאָרען, דאַרום וועט זיי פּרעהליכער זיין, ווען אַלע וועלען מיט־סטרייקען; אויב הונגערען, זאָלען אַלע הונגערען!

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך נאָר וואָס געענדיגט דער זיעגרייכער דזשענעראַל סטרייק פון די בראָדערהוד אָוו טיילאָרס און דיעזער זיעג האָט שטאַרק בעגייסטערט אונזערע לייטע אויף אַרויסצוגעהן סטרייקען.

ביי דער עקזעקוטיוו באָארד איז בעשלאָסען געוואָרען צו רופען אַ גרויסע מאַססען־פערזאַמלונג, וואו די פראַגע וועגען דזשענעראַל סטרייק זאָל בעשפּראָכען ווערען, און אין אַ טאָג צייט איז דער מאַססמיטינג אַראַנזשירט געוואָרען.

קיינע פריהערדיגע פּאָרבערייטונגען זיינען דערצו ניט גע־מאַכט געוואָרען. ניט די סטרייק־קאָמיטע, ניט די עקזעקוטיווע האָבען געהאַט די מינדעסטע אהנונג, ווי אַזאַ סטרייק אָנצו־פיהרען. קיינע האַלס זיינען ניט בעשטעלט געוואָרען, וואו די אַרבייטער זאָלען זיך צוזאַמענקומען, אין פאַל אַ סטרייק זאָל בעשלאָסען ווערען. אין דער טרעזשורי פון דער יוניאָן איז דאַמאָלס געווען אַ גאַנציע טויזענד דאָלאַר. נאָר וועמען האָט עס געאַרט? געלד? — צו וואָס דאַרף מען געלד! מען וועט סטרייקען און גענוג!

באַראַנדעס האָט ניט פערשטאַנען די ערנסטקייט פון דיע־זער אונטערנעהמונג, און האָט זיך פון אָנפאַנג ניט געשטעלט שטאַרק דאַגעגען.

אין אבענד, ווען דער מאַסס־מיטינג האָט שטאַטגעפונדען, האָבען איבער אַ טויזענד אַרבייטער פון די פּיער סטרייקענדע

פירמעס פערנומען די פּאָדערשטע סיטס פון ניו אוירווינג האָל, און יעדערער וואָס האָט געוואָגט אויפ'ן פּלאַטפּאָרמע צו ריידען געגען דעם דזשענעראַל סטרייק, איז גאַנץ איינפאַך פאַר די פּיס אַרונטערגעשלעפּט געוואָרען פון דער פּלאַטפּאָרמע.

באַראָנדעס איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט געקענט דעם סטרייק פערמיידען, נאָר ער האָט קיין שטעלונג ניט גע־נומען. ער האָט עס איבערגעלאָזען צו דער מאַסע צו ענטשיי־דען. ווי עס ווייזט אויס, איז ער ענטוועדער געווען פאַר'ן סטרייק, אָדער ער האָט ניט געוואָלט פערליערען זיין פּאָפּולאַ־ריטעט צווישען די גרויסע מאַסען.

דער סטרייק איז ביי דער מאַססען־פערזאַמלונג בעשלאָסען געוואָרען.

אַזוי שנעל, ווי די טויזענד־קעפּיגע מאַסע, וואָס האָט אין האָל ניט געקענט אריינקומען, האָבען דערהערט דעם רעזול־טאַט פון דער אָבשטימונג אין האָלל, האָבען זיי גלייך צווישען זיך ערוועהלט קאָמיטעס און זיינען אין מיטען נאַכט אוועק אָבסטאָפּען אַלע אויטסייד־שעפּער, וואו מען האָט געאַרבייט.

אין די אַמאָליגע צייטען איז געווען אַ מאָדע, אַז ערב יום־טוב פלעגען די ארבייטער ארבייטען אַ גאַנצע נאַכט, און אַזוי ווי דאַמאָלס איז געווען די נאַכט פון ערב יום־כפור, האָט מען אין פיעלע איסט סיידער שעפּער געאַרבייט. דיעזע שעפּער האָט מען גלייך אָבגעסטאָפּט.

עס איז גלייך געוואָרען אַ שרעקליכע אונאָרדנונג און איי־נער האָט ניט געוואוסט פון דעם צווייטען.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען דער פאָלגענדער פאַקט: דער אָפיס פון דער יוניאָן איז דאַמאָלסט געווען אין 98 פאָרסייט סטריט. אַ פלאָאָר ניעדעריגער פון אונזער אָפיס איז געווען אַ שוהל. פלעגען זיך אונזערע קלאָוקמאַכער אוועקשטעלען שבת מיט סיגאַרעטלעך אין מויל, ווען די אידען זיינען געגאַנגען דאַווענען. נאַטירליך האָבען עס די אידען ניט געגליכען, און זיי האָבען קאָמפּליינט צום לענדלאָרד. דער לענדלאָרד איז אַרויפּ־געקומען בעטען, מען זאָל שבת ניט שטעהן אויפ'ן סטופּ. נאָר,

אַנשטאַט איהם צו געבען אַן ענטפער, האָט מען איהם פון אונ־זער אַפּיס ארויסגעוואָרפען.

דער לענדלאָרד איז אוועק אין קאָורט און האָט געמאַכט די יוניאָן צו מופען. קיינער האָט זיך וועגען דעם ניט גע־קימערט, און מען האָט אין גאַנצען פערגעסען צו געהן דינגען אַן אַנדער אָפּיס. פּונקט דעם זעלבען טאָג, ווען אַלע האָבען זיך געגרייט צום מאַססמיטינג וועגען דזשענעראַל סטרייק, זיי־נען געקומען מאַרשאַלס און האָבען די גאַנצע אָפּיס פאַרניטשור ארונטערגעשטעלט אין סטריט.

עס איז געוואָרען אַ געוואַלד. מען לויפט ארום זוכען באַ־ראַנדעסען, אָבער ער איז ווי אין וואַסער אריין; מען האָט איהם אין ערגעץ ניט געקענט געפינען.

קיין פּלאַץ וואו צו מופען האָבען מיר ניט געהאַט. עס איז ביי אייניגע געבליבען אַ פּלאַן, מען זאָל דערווייל צונעהמען די זאַכען פון סטריט און זיי ערגעץ בעגראָבען.

מען האָט ענדליך געדונגען צוויי עקספּרעסען און אַלע זאַכען ארויפגעפּאַקט, און זיי געהייסען ארומפאָהרען איבער'ן שטאָדט אַזוי לאַנג ביז וואַנען מיר וועלען געפינען אַ פּלאַץ וואו דאָס אוועקצושטעלען. די עקספּרעסלייטע האָבען די זאַכען געהאַלטען ביז נאָך יום־כפור, ווען מיר האָבען געקריגען אַן אָפּיס אין 100 קלינטאָן סטריט.

דאָס אריינגעהמען מעמבערס און די אַנדערע אָרגאַניזאַ־ציאָנס־ארבייט איז דערווייל געטהאָן געוואָרען אין סטריט. אָנגעשטעלטע פון דער יוניאָן זיינען געשטאַנען אין די סטריטען מיט טשעק־ביכלעך אריינצונעהמען מעמבערס, און ווער עס איז נאָר צוגעקומען מיט 50 סענט, איז געוואָרען אַ יוניאָן־מאַן. מען האָט איהם אפילו ניט געפרעגט ווער ער איז.

ערב יום כפור אין דער פריה, דעם 8טען אָקטאָבער 1894, זיינען ארום צוואַנציג טויזענד קלאָוקמאַכער ארונטער אין אַ דזשענעראַל סטרייק.

מיט אַ נאַכט בעפאָר די קלאָוקמאַכער האָבען ביי זייער מאַססענפערזאַמלונג אין ניו אווירווינג האָלל בעשלאָסען דעם דזשענעראַל סטרייק, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צום מי־

טינג די מעמבערס פון דער עקזעקוטיוו באָארד, אום אויסצו־אַרבייטען פּלענער, ווי דעם סטרייק אָנצופיהרען, און דאָ האָט מען זיך ערשט אַרומגעזעהן ווי אומגעלומפּערט די גאַנצע זאַך איז געטהאָן געוואָרען.

עס איז קיין זאַך ניט פּאַרבערייטעט געווען. קיין האָלס, וואו די סטרייקערס זאָלען מיטען, זיינען ניט בעשטעלט גע־וואָרען, און אַזוי ווי עס איז געווען צווישען ימים־טובים, איז זעהר שווער געווען צו קריגען מיטינג־האָלס, און פאַר די האָלס, וואָס מען האָט יאָ געקריגען, האָט מען פּשוט געשונדען די הויט.

עס זיינען זאָגאַר ניט געווען אויסגעמאַכט קיין קרעדענ־שיאַלס, מיט וואָס מען זאָל קענען לאָזען וויסען אונזערע קלאָוק־מאַכער אין די שעפּער, אַז זיי זאָלען גלייך סטאָפּען פון דער אַרבייט.

איבער נאַכט האָט מען אויפגעשריעבען קרעדענשיאַלס און גאַנץ פריה פאַר־טאָג האָט מען צוזאַמענגעקליבען אַזוי פיעל אַרבייטער וויפיעל נאָר מעגליך און זיי אַפּאָינטעט אין קאָמי־טעס, וועלכע זאָלען אָנזאָגען אין אַלע שעפּער, אַז אַ דזשענעראַל סטרייק איז נעכטען ביינאַכט גערופען געוואָרען.

די קאָמיטעס האָבען זייער פליכט פּינקטליך דורכגעפיהרט, און גראַדע די שעפּער, אויף וועלכע מען האָט ניט גערעכענט אַז זיי זאָלען אַרונטערגעהן, זיינען געווען פון די ערשטע צו סטאָפּען פון דער אַרבייט.

ביז 12 אוהר מיטאָג זיינען אַלע שעפּער געווען אָבגע־סטאָפּט. מיר ווייסען ניט צו זיי האָבען פּינקטליך געסטאָפּט, ווייל זיי האָבען אויסגעפאָלגט דעם אָרדער פון דער יוניאָן, אָדער ווייל עס איז געווען ערב יום־כפור, נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אַלע זיינען געווען אונטען.

די קאַטערס האָבען זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט. אַ פּאָר טעג נאָכדעם, ווי דער סטרייק איז שוין אָנגעגאַנגען, האָ־בען זיי נאָך געאַרבייט. ערשט אין אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען די באָסעס האָבען שוין געסטאָפּט שניידען, ווייל עס איז דאָך ניט געווען ווער עס זאָל די געשניטענע באַנדלעך אויפנייהען, — ערשט דאַן זיינען די קאַטערס אויך אַרונטער.

פאר וואס מען סטרייקט און וואס מען זאל פאדערען אין פאל מאנכע מאנופעקטשורערס וועלען זיך ווענדען צום סעטלען, האט מען ניט געוואוסט, און קיינער האט זיך אויך ניט אינ־טערעסירט צו וויסען. — א דזשענעראל סטרייק, און דהאט'ס אלל!

ערשט א פאר טעג שפעטער האט זיך די עקזעקוטיוו באארד וועקגעזעצט אויסצואורבייטען פאדערונגען, און מען האט זיך ארומגעזעהן, אז מיר האבען גאר קיין פאדערונגען ניט צו שטע־לען... אנערקענונג פון דער יוניאן? — זיינען מיר דאך אנער־קענט געווען ביי אלע מאנופעקטשורערס, אויסער אין די פיער שעפער, וואו מען האט געסטרייקט. זאלען מיר פערלאנגען העכערע פרייזען אויף שטיק ארבייט? — האבען מיר אויסגע־רעכענט, אז ווען זיי וועלען דאס אונז זאגאר נאכגעבען, וועלען זיי נאכדעם ווידער קענען ענדערען די נומערען פון דער אר־בייט, און מיר וועלען אלץ דארפען ארבייטען פאר קליינע פרייזען. מיר האבען אויך ניט געקענט פאדערען די אבשאפונג פון די אויטסייד קאנטראקטארס, ווייל אלע אויטסייד־ארבייטער וועלען זיין געגען דעם סטרייק און מיר וועלען זיכער פערלירען.

הכלל, עס איז צרות! הייסען אלעמען געהן צוריק צו דער ארבייט קען מען ניט, און מען מוז דאך אויסגעפינען עפעס אן „אישיו“.

אין דער דאמאלסדיגער צייט האט זיך נאר וואס געענדיגט דער זיעגרייכער סטרייק פון די מענער־שניידער און זיי האבען אבגעשאפט דעם ציעל־סיסטעם און איינגעפיהרט וואך־ארבייט. דעריבער איז דאן די פראגע פון וואך־ארבייט זעהר פאפולער געווען, און מיר האבען בעשלאסען צו פאדערען וואך־ארבייט, אנשטאט שטיק־ארבייט.

האט מען אנגעפאנגען אויסצוארבייטען א סקייל. מען האט זיך אבער ווידער ארומגעזעהן, אז עס איז אונמעגליך, ווייל עס געפינען זיך אפרייטארס וואס קענען אויפנייהען צוועלף דזשעקעטס א טאג און קענען פערדיענען צווישען פערציג און פופציג דאלאר א וואך, און עס געפינען זיך אויך אפרייטארס, וואס קענען מעהר ניט מאכען ווי פיער דזשעקעטס א טאג פון

דעם זעלבען ליין און פערדיענען אין דער גרעסטער ביזי ניט מעהר ווי פופצעהן דאלאר א וואך. דעם זעלבען אונטערשיעד קענט איהר אויך געפינען צווישען שניידער און פינישער. אונ־טער אזעלכע אומשטענדען, איז דעריבער שווער געווען אויס־צוארבייטען א סקייל.

נאר ענדליך איז די קאמיטע איינינג געווארען אויף א פלאן, אז די אפרייטארס זאלען צוטהיילט ווערען אויף דריי קלאסען. ערשטע קלאסע אפרייטארס זאלען קריגען ניט וועניגער פון פיער און צוואנציג דאלאר א וואך. צווייטער קלאסע אפרייטארס — ניט וועניגער פון צוואנציג דאלאר, און דריטע קלאסע ניט וועניגער פון פופצעהן דאלאר. שטיק־שניידער צוואנציג דאללאר. פינישערס (מענער) פופצעהן דאלאר און פינישערינס (מיידלעך) ניט וועניגער פון ניין דאלאר א וואך.

דיעזע צוטהיילונג אין קלאסען האט שפעטער פיעל מיט־געהאלפען צו דער פערליערונג פון דעם סטרייק.

ווען דער אגרימענט מיט די פאדערונגען זיינען פארגעלעגט געווארען פאר אונזערע סטרייקערס, האבען זיך אויפגעהויבען פראטעסטען פון א גרויסע צאהל פון אונזערע אפרייטארס. זיי האבען ערקלעהרט, אז די סקייל איז פיעל צו ניעדריג, און עס האט גענומען א פאאר טעג ביז די סקייל איז פון די סטרייקערס אנגענומען געווארען.

עס האט געדויערט מעהר ווי א וואך ביז מען האט די מאנופעקטשורערס צוגעשיקט קאפיעס פון אונזערע פאדערונגען, און מען האט זיי געלאזען וויסען שריפטליך, אז די וואס ווילען סעטלען מיט דער יוניאן, זאלען זיך מעלדען אין די העדקווא־דערס פון דער סעטעלמענט־קאמיטע, וועלכע איז דאמאלס גע־ווען אין קאנעל סטריט, ניט ווייט פון האדסאן ריווער.

די סטרייקערס זיינען זיך דערווייל אנגעגאנגען מיט זייער ארבייט און א גאנץ גרויסע צאהל זיינען ווירקליך געווען איבער־געבען צום סטרייק מיט לייב און לעבען. די שעפער זיינען גע־פיקעט געווארען טאג און נאכט, אלע פערדים זיינען בעוואכט געווארען מען זאל קיינע מאשינען ניט ארויספיהרען ערגעץ־וואו אין די קאנטרי־שטעדטלעך.

די צרה איז נאָר געווען, וואָס באַראַנדעס מיט נאָך אַן אַנצאָהל פון די אַקטיווע מענשען האָבען זיך אוועקגעזעצט אין די סעטעלמענט־הערקוואָרטערס און האָבען געוואַרט, אַז די מאַנופעקטשורערס זאָלען קומען סעטלען, און וואָס די מאַסע טהוט האָט מען זיך ניט אינטערעסירט צו וויסען.

מיט די מאַסען זיינען זיי זיך זעהר ווייניג צוזאַמענגעקומען, און זיי האָבען גאָרניט געוואוסט ווי דער סטרייק שטעהט. אַלעס, וואָס זיי האָבען געטהאָן, איז געווען, דאָס ווען אימיצער איז געקומען צו דער סעטעלמענט־קאָמיטע און האָט געצייגט אַ געדרוקטע קאַרד, אַז ער איז אַ קלאָוק־מאַנופעקטשורער און אַז ער איז וויליג נאָכצוגעבען די פאָדערונגען פון דער יוניאָן, — האָט מען מיט איהם געסעטעלט. נאָכהער האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז פיעלע פון די געסעטעלטע מאַנופעקטשורערס זיינען בלויז געווען קאָנטראַקטאָרס, וואָס האָבען אַרויסגענומען אַרבייט פון די סטרייקענדע פירמעס.

די סטרייקערס האָט מען געהאַלטען אין אונוויסענהייט איבער דער לאַגע פון סטרייק. אַלע טאָג פלעגט די סעטעלמענט־קאָמיטע אַרויסגעבען סטייטמענטס, אַז עטליכע גרויסע „בערען" וועלען מאָרגען קומען סעטלען, נאָר פאָרלויפיג טאָר מען זייערע נעמען ניט פערעפענטליכען. אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווען די סטרייקערס זיינען געוואָרען אונגעדולדיג און האָבען פערלאַנגט צו וויסען ווער די בערען זיינען געווען, האָט מען זיי ערקלעהרט, אַז מען האַלט מיט זיי אין אונטערהאַנדלען.

אַזוי האָט מען די סטרייקערס געהאַלטען אין איין בלאָפען און דאַדורך האָבען זיי שוין אָנגעפאַנגען צו פערליערען דעם געדולד און דעם רעספּעקט צו דער יוניאָן. פיעלע סטרייקערס האָבען שוין גענומען טראַכטען וועגען געהן אַרבייטען, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען צו בעווייזען סקעבס, ווייל די פּרייזען פאַר שטיק־אַרבייט, וואָס די באָסעס האָבען געפאָדערט, זיינען געווען אַזעלכע הויכע, אַז אַ געוועהנליכער אַרבייטער האָט געקענט פערדיענען צעהן דאָלאַר אַ טאָג.

דערצו האָט אויך שטאַרק מיטגעווירקט די איינטהיילונג פון די אַפּרייטאָרס אין קלאַסען. יעדער אָפּרייטאָר, וואָס איז

אריינגעקומען אין אַ געסעטעלטען שאַפּ, האָט נאַטירליך פּער־לאַנגט דעם העכסטען פּרייז, ערקלעהרענדיג, אַז ער איז אַן ערשטע קלאַסע אַפּרייטאָר און אַז זיין פּרייז דאַרף זיין ווענינ־סטענס 24 דאָלאַר אַ וואָך. נאָר די באָסעס, וויסענדיג, אַז טויזענדער סטרייקען יעצט און ווע‍לען צופריעדען זיין צו אַר־בייטען פאַר עני פּרייז, האָבען ניט געוואָלט אַנערקענען אַלע אַפּרייטאָרס פאַר מעהר ווי דריטע קלאַסע און זיי געצאָהלט ניט מעהר ווי פופצעהן דאָלאַר אַ וואָך. פּיעלע אַרבייטער זיינען דאַדורך געקומען צום שלוס, אַז די יוניאָן מיט איהר וואָכען־סיסטעם וועט גאָר דעם אַרבייטער׳ס לאַגע פערערגערען און פּיע־לע יוניאָן־לייטע האָבען פערלאָזען זייערע געסעטעלטע שעפּער און זיינען אַוועק סקעבען ביי שטיק־אַרבייט.

אין אַלגעמיין איז צווישען די סטרייקערס קיין ברעקעל אָרדנונג ניט געווען. כמעט אַלע סטרייקערס האָבען געמיטעט אין איין גרויסען האָלל, און אַזוי ווי עס איז דאָך אונמעגליך גע־ווען פאַר אַלעמען אַריינצוקומען אין האָלל, זיינען גרויסע מאַ־סען סטרייקער געשטאַנען אין די גאַסען, און סקעב אַגענטען האָבען זיך צווישען זיי אַרומגעדרעהט און געקליבען סקעבס פאַר די סטרייקענדע שעפּער. אין פּיעלע פעלע זיינען די אַר־בייטער אַוועק סקעבען גאַנצע שעפּער־ווייז און די סטרייק־קאָ־מיטע האָט פון דעם זאָגאַר ניט געוואוסט.

עס האָט פּאַסירט, אַז סטרייקער זיינען אַרעסטירט גע־וואָרען ביי פּיקעטען שעפּער און וואָכען־לאַנג האָט מען זאָגאַר ניט געוואוסט, אַז זיי זיצען אין דזשייל.

באַראָנדעס, וועלכער האָט געזאָלט זיין דער ליעדער פון סטרייק, האָט פערלאָרען די גאַנצע קאָנטראָל איבער די קלאָוק־מאַכער. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ צודולטער. מען האָט צו איהם גאָר ניט געקענט ריידען. ער איז געווען ווי איינער וואָס חלומ׳ט. איבערהויפּט האָט מען איהם קיינמאָל ניט גע־קענט געפינען, ווען מען האָט איהם נויטיג געהאַט. דער איינ־ציגער פּלאַץ איהם צו געפינען, איז געווען ביינאַכט אין אַ קאָפע־סאַלון אין ברום סטריט, וועלכען אַ געוויסער אַקטיאָר בוים האָט געהאַלטען. דאָרטען פלעגט ער גאַנצע נעכט אָפּזיצען מיט

א גרויסע צאָהל פון זיינע אדיוטאַנטען, און נאָכדעם, ניט זייענ־דיג אויסגעשלאָפען, איז ער ניט פעהיג געווען צו טהאָן די מינ־דעסטע זאַך. ווען מען האָט איהם עפּעס געפרעגט, פלעגט ער אויסגלאָצען א פּאָר אויגען און א געשריי טהאָן, אז יענער פלעגט פאר שרעק אנטלויפען.

די סטרייק־קאָמיטע און די עקזעקוטיוו קאָמיטע האָט מען יעדען טאָג געטשענזשעט. די מאַסע האָט יעדען טאָג ערוואַר־טעט א נייע עקזעקוטיווע, און דורכדעם איז אויסגעקומען, אז ווען מען האָט אוועקגעשיקט פערשיעדענע וויכטיגע קאָמיטעס אָבצוסטאַפּען סקעב־ארבייט און די קאָמיטעס זיינען אויפ'ן צווייטען טאָג געקומען בעריכטען דעם רעזולטאַט, — האָבען זיי שוין ניט געהאַט פאר וועמען צו בעריכטען, ווייל די נייע עקזע־קוטיווע האָט ניט אָנגעהויבען צו וויסען וואָס נעכטען איז גע־שעהן.

די אורזאַכען, וואָרום די מאַסע האָט אַלע טאָג ערוועהלט נייע עקזעקוטיוו קאָמיטעס, זיינען געווען די פאָלגענדע: אזוי ווי די סטרייקערס זיינען געלעגען א גאַנצען טאָג אין האָל, ניט האָבענדיג מיט וואָס זיך צו בעשעפטיגען, און זייענדיג אונצו־פריעדען מיט'ן גאַנצען גאַנג פון סטרייק, האָט מען נאַטירליך גענומען ארויפוואַרפען די שולד אויף דער עקזעקוטיווע, און ווען מען פלעגט מאַכען א פאָרשלאַג, אז די עקזעקוטיווע זאָל ארונ־טערגעוואָרפען ווערען, פלעגט עס גלייך אָנגענומען ווערען. מען פלעגט גלייך ערוועהלען די גרעסטע שרייערס אַלס דעלעגאַטען, און זיי פלעגען אוועק וואו די עקזעקוטיווע האָט געמיטעט, זיי ארויסגעוואָרפען און זיך אַליין אוועקגעזעצט אויף די פּלעצער פון די פריהערדיגע.

אַזעלכע פּאַסירונגען זיינען פאָרגעקומען כמעט יעדען טאָג. און איהר קענט שוין האָבען א בעגריף ווי אזוי א סטרייק האָט געקענט ערפאָלגרייך אָנגעפיהרט ווערען.

אום אָנצופיהרען ווייטער דעם סטרייק האָט זיך גענויטיגט א סך געלד. און דאָס האָבען מיר געהאַט זעהר ווענינ. נאָך נאָכדעם, ווי פיעלע פון די קלענערע מאַנופעקטשורערס האָבען געסעטעלט און א פּאָאָר טויזענד סטרייקערס זיינען אוועק אר־

בייטען אין די געסעטעלטע שעפּער, האָט די יוניאָן זיי געטעקסט מיט צוואַנציג פּראָצענט פון זייערע וויידזשעס, און דאָס האָט יעדע וואָך אריינגעבראַכט אַ פּאָאַר טויזענד דאָללאַר, אויסער געלדער, וואָס מיר האָבען געקראָגען אַלס דאָנײשאָנס פון אַנדערע יוניאָנס. און מיט דיעזע געלדער האָט מען געשטיצט די וואָס זיינען געשטאַנען אין סטרייק.

נאָר ביי דער אויסטהיילונג פון סטרייק־בענעפיט האָט זיך אויך אַרויסגעוויעזען אַ גוואַלדיגע אונאָרדנונג.

גלייך אין אָנפאַנג פון סטרייק האָט מען יעדען איינעם אריינגענומען אין דער יוניאָן, וועלכער האָט נאָר בעצאָהלט 50 סענט, זאָגאַר ניט פרעגענדיג, אויב ער האָט אַמאָל געאַרבייט ביי קלאָוקס. אַ מאַסע פּושקאַרט־פּעדלערס, עקספּרעס־לייטע און די וואָס פּעדלען אין די שעפּער מיט שנאַפּס האָבען איינגעצאָהלט די 50 סענטיגע, אַרויסגענומען יוניאָן־ביכלעך און יעצט ביים סטרייק זיינען די חברה געקומען נאָך סטרייק־בענעפיט. דערביי זיינען פאָרגעקומען גרויסע סקאַנדאַלען. מאַנכע פון זיי האָבען גענומען צו צוויי און דריי מאָל אַ וואָך בענעפיט; קיין סיסטעם ווי זיי צו קאָנטראָלירען איז ניט געווען. מען האָט געצאָהלט די, וואָס זיינען געשטאַנען אין ליין. און דיעזע חברה זיינען יעדען טאָג געשטאַנען אין ליין.

די אמת'ע סטרייקער האָבען זיך קיינמאָל ניט געקענט דערשטופּען צום אויבען־אָן, און זיי האָבען טאַקע ניט געקראָגען, ווייל ביז וואַנען זיי האָבען זיך צוגעשטופּט צום ליין, איז שוין קיין געלד ניט געווען און, זייענדיג הונגעריג און ענטוישט, זיינען זיי מאַסענווייז צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבייט.

די איטאַליענישע קלאָוקמאַכער, וועלכע זיינען געווען אַרום און אַרום צוויי טויזענד אין צאָהל, זיינען אויך מיט אונז געשטאַנען אין סטרייק. זיי האָבען געהאַט זייערע סטרייק־העדקוואָדערס אין פּרינס סטריט, נאָר אַזוי ווי קיינער פון די סטרייק־פיהרערס האָט זיי ניט בעזוכט, האָט מען ניט געוואוסט וואָס זיי טהוען. זייער פּרעזידענט האָט אויסגענוצט די געלעגענהייט און האָט זיי אַלעמען פערקויפט צו די מאַנופעקטשו־

רערס פאַר פינף דאָלאַר אַ קאָפּ, און ער האָט זיי אַליין אַרויפ־געפיהרט אַרבייטען אין די פערשידענע שעפּער.

און אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען, ווען אונזערע אַ קאָמיטע איז געקומען געוואָהר ווערען, וואָס די איטאַליענער טהוען, האָט מען שוין קיינעם ניט געפונען אין האָלל. דער איינענטהימער פון האָלל האָט ערקלעהרט, אַז עס איז שוין אַ פּאָר טעג זייט זיי זיינען אַוועק אַרבייטען.

די איינציגע, וואָס האָבען קיין סקעבס ניט געהאַט, זיינען געוועזן די בראָנזווילער קלאָוקמאַכער. אַלע זייערע שעפּער זיינען געשלאָסען געוועזן און די גאַנצע שטעדטעל, וועלכע איז דאַמאָלס בלויז געוועזן אַ דאָרף, איז געשטאַנען אונטער בעלאַ־גערונגס־צושטאַנד; קיינער האָט פון שטעדטעל ניט געקענט אַרויסגעהן, אויסער ווען ער אָדער זי האָט געהאַט אַ פּעסס פון דער סטרייק־קאָמיטע.

די טראָלי־קאַרס, וואָס לויפען יעצט נאָך בראָנזוויל, זיינען נאָך דאַמאָלסט ניט געווען, און אַלע וואָס האָבען געוואָלט פאָה־רען נאָך ניו יאָרק האָבען געמוזט געהן צו די עלעווייטאָר־סטיי־שאָנס און דאָרטען זיינען אימער געשטאַנען פּיקעטס טאָג און נאַכט און האָבען אויפגעפּאַסט:

אייניגע בראָנזווילער, וועלכע זיינען אַוועק נאָך ניו יאָרק סקעבען, האָט מען אין מיטען נאַכט איינגעפּאַקט אין זעק און אַוועקגעפיהרט אויף אַ בוטשער־עקספּרעס.

אַ פּאָאָר סקעבס האָבען איינמאָל דורכ'ן סטרייק געוואַגט צו קומען נאָך בראָנזוויל צו בעזוכען זייערע פאַמיליען, האָט מען זיי געמאַכט אַזאַ לויה, אַז זיי וועלען עס אין זייער לעבען ניט פערגעסען. געבראַכט האָט מען זיי אין אַ פּאַטרול־וואָגען, און צו האַלבע דוצענד פּאָליסלייט אויף פערד זיינען געפאָהרען פון פאָרענט און פון הינטען. אַלע מענער, פרויען און קינדער פון גאַנץ בראָנזוויל זיינען זיי נאָכגעגאַנגען מיט שווארצע ליכט און האָבען געשריען „צדקה תציל ממות!“ און ווען זיי זיינען שוין לעבעדיגע אריין אין זייערע הייזער, האָבען זיי דעם גאַנצען זונטאָגדיגען טאָג ניט געוואַגט דעם נאָז אַרויסצושטעקען פון הויז.

פּאָליסלייט האָבען אַ גאַנצע נאַכט און אַ גאַנצען טאָג בע־וואַכט זייערע הייזער, און ווען מען האָט זיי מאָנטאָג פריה גע־דאַרפט צוריקפיהרען נאָך ניו יאָרק, האָט די זעלבע לויה ווידער שטאַטגעפונדען.

איינינע סקעבס האָבען דורכ'ן סטרייק געוואָלט ארויס־מופען נאָך ניו יאָרק, האָט זיי קיין עקספּרעסמאַן ניט געוואָלט מופען.

מיט איינעם וואָרט, בראַנזוויל איז געווען אַ געוואַלדיג־שטאַרקע פעסטונג. נאָר דאָס אַלעס האָט ניט געהאָלפען. די ניו יאָרקער סטרייקערס זיינען געווען דעמאָראַליזירט, ווייל עס איז קיין ליעדערשיפּ ניט געווען און אַלעס איז געגאַנגען מיט'ן קאָפּ אראָב.

די עטליכע טויזענד גוטע, איבערגעבענע סטרייקערס האָ־בען געטהאָן זייער בעסטעס און האָבען געקעמפּפט ווי העלדען, נאָר זיי האָבען גאָר ניט געקענט אויפטהאָן.

פון די גרויסע מאַנופעקטשורערס האָבען בלויז אַ פּאָאָר געסעטעלט. די איבעריגע, וואָס האָבען געסעטעלט, זיינען גע־ווען ענטוועדער פון די קלענערע מאַנופעקטשורערס אָדער אַזעלכע, וואָס האָבען דורכ'ן סטרייק געעפענט שעפּער. און דיעזע זיינען ניט געווען איינפלוסרייך גענוג צו האָבען אַ וויר־קונג אויף דעם גאַנג פון סטרייק.

צווישען די גרעסערע מאַנופעקטשורערס, וואָס האָבען גע־סעטעלט, איז געווען די פירמע פאַפקין און מארקס, וועלכע האָט בעשעפטיגט אַ פּאָאָר הונדערט ארבייטער. נאָר די מאַנו־פעקטשורערס אסאָסיאיישאָן האָט אָבגעמאַכט מיט אַלע וואו־לען־הייזער, מען זאָל פאַפקינען און מארקסען קיין וואארע ניט פערקויפען, און די פירמע איז ניט געווען אימשטאַנדע צו מאַ־כען אַלע אָרדערס, וואָס זי האָט געהאַט, ווייל די וואולען־הייזער האָבען מורא געהאַט זיך איינצורייסען מיט דער מאַנופעקטשו־רערס אסאָסיאיישאָן.

ווען דער סטרייק האָט זיך שוין געהאַט פערצויגען ביז ענדע נאָוועמבער, האָבען שוין פיעלע ארויסגעזעהן, אַז דער סטרייק וועט שוין ניט געוואונען ווערען. פיעלע גוטע יוניאָן־לייטע

האָבען שוין צווישען זיך אָנגעהויבען ריידען, אז עס וואָלט ראטה־זאם געווען, מען זאָל דעם סטרייק אויפגעבען. נאָר דאָ האָט זיך באַראָנדעס אריינגעמישט און ערקלעהרט, אז ווען מען זאָל דעם סטרייק קענען אָנהאַלטען ביז צום ספּרינג־סיזאָן, ווען די מאַנופעקטשורערס דארפען מאכען סעמפּעלס, וועלען זיי גע־צוואונגען זיין צו סעטלען. די מאַסע איז נאטירליך געווען מיט באַראָנדעסען איינפערשטאַנען און יעדער איינציגער, וואָס האָט געוואגט ניט צו זיין איינפערשטאַנדען מיט איהם, איז געבראַנד־מארקט געוואָרען אלס א סקעב. און איהר קענט שוין פער־שטעהן, דאָס טרוקען האָבען אַזעלכע לייטע ניט אָבגעשניטען. יעדער האָט מורא געהאַט א וואָרט צו ריידען און מען האָט גע־לאָזען געהן ווי עס געהט.

מען איז געווען אויף גרויסע צרות, ווייל מען האָט די סטרייקערס ניט געהאַט צו געבען אויף עסען. געלד האָט שוין אָנגעפאַנגען אריינקומען וועניגער; די יוניאָן־לייטע, וואָס האָ־בען געארבייט אין די געסעטעלטע שעפּער, האָבען אָנגעפאַנגען וועניגער פערדינען, ווייל דער סיזאָן איז שוין געווען אַזוי גוט ווי אריבער און זיי האָבען אָנגעפאַנגען קיקען געגען דעם 20־פּראָצענט־טעקס, וואָס מען האָט אויף זיי ארויפגעלעגט. די סטרייקערס, דאַגעגען, זיינען אָרימער געוואָרען און האָבען גע־דארפט מעהר שטיצע, ווי אין אָנפאַנג פון סטרייק.

דאָ האָט זיך אריינגעמישט די סענטראַל לייבאָר יוניאָן און האָט בעשלאָסען, אז אַנשטאַט צו געבען געלד צו די סטרייקערס, זאָל מען עפענען א סטאָר, וואו אלע סטרייקער פאַמיליען־לייטע זאָלען קריגען גראָסערי־זאכען, שיך, קליידער און פלייש. דיע־זער נייער מיטעל האָט אביסעל לייכטער געמאַכט צו שטילען דעם הונגער פון פיעלע פאַמיליען.

די סינגעל־לייט האָבען געקראָגען צו צוויי דינער־טיקעטס יעדען טאָג. א גרויסע צאָהל רעסטאָראַנט־קיפּערס האָבען ווע־בענטליך אריינגעשיקט צו הונדערטער דינער־טיקעטס. באַר־בערס האָבען די סטרייקערס געשייוועט אומזיסט. די בעלי־בתים פון די שוויץ־בעדער האָבען די סטרייקערס פריי אריינגעלאָזען

אין באַד. פּיעלע דאָקטוירים האָבען די סטרייקערס און זייערע פאַמיליען אַטענדעט אָהן געלד.

הכלל, יעדער איינער, וואָס האָט נאָר עטוואָס געקענט טהאָן פאַר די סטרייקערס, האָט עס געטהאָן. זאָגאַר אַ פּאָאַר לענדלאָרדס, וואָס האָבען געהאַט הייזער אויף טשערי סטריט, וואו קיין קבצן האָט שוין ניט געוואָלט וואוינען, האָבען אין זייערע הייזער אַריינגענומען סטרייקערס אָהן רענט. אַ געוויסער לענדלאָרד האָפמאַן האָט אוועקגעגעבען דריי טענעמענט־הייזער פאַר די סטרייקערס צו וואוינען אָהן רענט ביז דער סטרייק וועט זיך ענדיגען.

עס האָט זיך געגרינדעט אַ טשאַריטי־סאָסייעטי פון רייכע פילאַנטראָפּקעס, וועלכע האָבען געגעבען אַ פּאָאַר הונדערט סטרייקערס בעזימער צו קעהרען די גאַסען, און פאַר אַכט שטונדען אַרבייט האָט מען געקראָגען אַ דאָללאַר אַ טאָג. אַלע טאָג איז געווען פּיי.

הכלל, די סימפּאַטיע פון פּובליקום איז געווען זעהר גרויס, נאָר געהאָלפען האָט אַלעס זעהר ווייניג; דער סטרייק איז טעגליך אָבגעשטאָרבען.

אין דער זעלבער צייט האָבען די יונייטעד גאַרמענט־וואָרקערס אָבגעהאַלטען זייער יעהרליכע קאָנווענשאָן אין ניו יאָרק און די קלאָוקמאַכער, זייענדיג אַ לאָקאַל פון די גאַרמענט וואָירקערס, האָבען אויך געשיקט דעלעגאַטען, אינסטרואירענדיג זיי צו פערלאַנגען פינאַנציעלע שטיצע. גלייך ביים ערשטען טאָג פון דער קאָנווענשאָן איז אַ רעזאָלוציאָן אָנגענומען געוואָרען צו טעקסען יעדען מעמבער פון די גאַרמענט וואָירקערס מיט 50 סענט, וועלכע וואָלט וואהרשיינליך אַריינגעבראַכט אַרום 15 טויזענד דאָלאַר. אונזערע סטרייקער, הערענדיג פון דיעזען בעשלוס, האָבען אַ ביסעל אויפגעהויבען די קאָפּ, און אַראַנזשעמענטס זיינען געמאַכט געוואָרען אָנצוהאַלטען דעם סטרייק ביז אין מיטען ספּרינג סיזאָן.

נאָר אַ טאָג איידער די קאָנווענשאָן איז געשלאָסען געוואָרען האָט איינער פון אונזערע דעלעגאַטען, אַ געוויסער זוויריז, פערלאַנגט, אַז די קאָנווענשאָן זאָל אָבהאַלטען אַן עקזעקוטיוו

סעשיאָן, ווייל ער האָט זעהר וויכטיגעס צו בעריכטען וועגען דעם סטרייק. און ביי דיעזען סעשיאָן, וואו באראָנדעס, וועלכער איז אויך געווען א דעלעגאט, איז אבוועזענד געווען, האָט דע־לעגאַט זווירין זיי איבערגעגעבען, אז דער סטרייק איז א פער־לאָרענער, אז עס איז ארויסגעוואָרפען יעדער דאָלאר, וואָס זיי וועלען ספּענדען, אז דער סטרייק וועט נאָר פעראונגליקען מענ־שען, און וואָס לענגער דער סטרייק ווערט אָנגעהאלטען, אַלץ מעהר ארבייטער וועלען פעראונגליקט ווערען.

נאַטירליך, דער פּאָרינגער בעשלוס וועגען טעקס איז גלייך צוריקגעצויגען געוואָרען. און דאָס איז שוין געווען די לעצטע לאָפּעטע ערד ארויפגעשאָטען אויפ'ן מת.

די סטרייקער האָבען גלייך נאָכדעם אָנגעפאנגען זוכען פלע־צער צו געהן ארבייטען, און אזוי שנעל ווי איינער האָט געפונען א דזשאב, איז ער אוועק ארבייטען.

עס זיינען בלויז איבערגעבליבען א צוויי הונדערט פון די ריכטיגע באראָנדעסיסטען, וועלכע האָבען בעשלאָסען צו שטעהן אין סטרייק אזוי לאַנג, ווי באראָנדעס וועט זיי הייסען.

א געוויסע צאָהל פון די געוועזענע סטרייקערס שטעהען נאָך ביז היינטיגען טאָג אין סטרייק, און אַלע קלאָוקמאכער, וואָס האָבען געארבייט פון דאמאָלסט ביז יעצטיגען טאָג, זיינען, לויט זייער מיינונג, אַלע סקעבס, ווייל דער סטרייק איז אָפיציעל קיינמאָל ניט אויפגעגעבען געוואָרען; ער איז בלויז פאנאנדער־געשוואומען געוואָרען.

דערמיט האָט זיך געענדיגט די טראגדיע פון 1894.

XIII

נאָכ'ן סטרייק און די אויפלייזונג פון דער יוניאָן.

ווען די קלאָוקמאכער האָבען נאָכ'ן סטרייק אָנגעפאנגען צו זוכען ארבייט, האָבען זיי אויסגעפונען, אז זיי קענען אנדערש קיין ארבייט ניט קריגען, אויסער ווען זיי וועלען ווערען מעמ־בערס פון מאָררים קאָהן'ס יוניאָן.

דיעזער מאָררים קאָהן איז אַ מאָל געווען אַ וואָקינג דע־לעגאַט אין דער קלאָוק מייקערס יוניאָן און אין דער צייט פון די דזשאַמייקאַ טרייעלס איז אויסגעפונען געוואָרען, אַז ער איז געווען אַ פּראָסטער שווינדלער און אַ פעררעטהער, און דערפאַר האָט מען איהם פון דער יוניאָן ארויסגעוואָרפען. אין דיעזען סטרייק האָט ער זיך דערפאַר מיט דער יוניאָן אָבגערעבענט.

ער האָט צוזאַמענגענומען אַלע פּראָפעסיאָנעלע סטרייק־ברעכער און האָט זיי אָרגאַניזירט אין אַ יוניאָן, וועלכע האָט זיך גערופען „די קלאָוקמייקערס פּראָטעקטיוו אַסאָסיאַיישאָן“. צווישען די קלאָוקמאַכער איז דיעזע יוניאָן בעקאַנט געווען אַלס „מאָררים קאָהן'ס יוניאָן“.

ווען דער סטרייק איז שוין פּראַקטיש געווען פערלאָרען, האָט מאָררים קאָהן געמאַכט אַראַנדזשעמענטס מיט די מאַנו־פעקטשורערס, זיי זאָלען קיינעם פון די גוטע סטרייקערס ניט צוריקנעהמען צו דער אַרבייט, אויסער ווען זיי וועלען האָבען פון איהם, פון קאָהנ'ען הייסט עס, אַ צעטעל, אַז ער איז אַ וויג־שענסווערטהער בירגער. און דאָס האָט איהם געגעבען די מעג־ליכקייט צו נעהמען ביי יעדען קלאָוקמאַכער אַ דאָלאַר איינטריט־געלד און פינף סענט יעדע וואָך דיוס, וועלכע ער פלעגט קאָ־לעקטען אין די שעפּער פון די אַרבייטער.

די סקעב־יוניאָן, אָדער, בעסער געזאָגט, מאָררים קאָהן'ס יוניאָן האָט געעפענט העדקוואָדערס אין אַ סעלער אין 316 דע־לענסי סטריט. און אַזוי ווי סקעבס זיינען איבערהויפּט ניט קיין גוואַלדיג־זויבערע מענשען, איז די העדקוואָדערס פערוואַנ־דעלט געוואָרען אין אַ רעגעלע געמבלינג הויז; טאָג און נאַכט האָט מען דאָרטען געשפּיעלט אין קאָרטען. אין פיעלע פעלע האָבען אַרבייטער דאָרטען פערלאָרן זייער גאַנצע פּיי, וואָס זיי פלעגען אָבנעהמען אין שאַפּ.

פייטען געגען זיי איז געווען אונמעגליך, ווייל די מאַנו־פעקטשורערס האָבען זיי אונטערשטיצט.

עס האָט גענומען אַ שטיקעל צייט ביז וואַנען מיר האָבען דאָרטען אריינגעקראָגען אַלס מיטגליעדער אַ פּאָר פון אונזערע איבערגעבענסטע יוניאָן־לייט, זיי זאָלען אויך מיטגעמבלען מיט

די סקעבס, און אין א שעהנעם אבענד זיינען מיר די הויז בע־פאלען מיט פאלים און דארטען ארעסטירט א דרייסיג קלאוק־מאכער, וואס זיינען דארטען געכאפט געווארען געמבלענדיג, צוזאמען מיט מאררים קאהן, פאר האלטען אן אונארענטליכע הויז. מיר האבען אויך געטרייעט די פאסירונג צו פערשפריי־טען דורך אלע צייטונגען, און נאכדעם ווי די מאנופעקטשורערס האבען זיך דערשראקען פאר אזא עפענטליכען סקאנדאל, האבען זיי זיך פון קאהנע'ן אבגעשאקעלט און די סקעב־יוניאן איז צופאלען געווארען.

ווען אלע צרות זיינען שוין געווען מעהר אדער ווענינער פאראיבער, האט מען זיך גענומען נאכזעהן די פינאנסען פון דעם דאמאלסדיגען פינאנץ־סעקרעטער, א געוויסער מר. בארנ־שטיין. און אויך דא האט זיך ארויסגעצייגט א געוואלדיגע אונארדנונג. עס איז אונמעגליך געווען פאר דער קאמיטע צו וויסען וויפיעל געלד עס איז אריינגעקומען און פון וועלכע קווע־לען, און וויפיעל עס איז אויסגעצאהלט געווארען. ווען מען האט פון סעקרעטער פערלאנגט ביכער, האט ער ערקלעהרט. אז ער האט קיין ביכער גאר ניט געפיהרט, אז געשריבען האט ער בלויז מיט מעטשעס...

הכלל: זוך היינט, זוך מארגען, — עס זיינען ניטא קיין ביכער, און גענוג. און דא האט מען נאך נאטירליך דעם סקאנ־דאל ניט געקענט אין גאנצען פערעפענטליכען, ווייל דאס וואלט נאך די לעצטע ברעקעל יוניאן אויך צובראכען. דער סעקרע־טער בארנשטיין איז נאטירליך גלייך ענטלאסען געווארען פון זיין אמט, נאר זאגען אויף בעשטימט, אז ער האט פערנומען געלד האבען מיר ניט געקענט.

די יונייטעד גארמענט ווארקערס, פון וועלכע מיר זיינען דאמאלס געווען א לאקאל, האט פון אונז אויך פערלאנגט מיר זאלען זיי געבען אונזערע ביכער צום אונטערזוכען. נאר אזוי ווי ביי אונז האבען קיין ביכער גאר ניט עקזיסטירט, האבען מיר זיי מיט דעם גרעסטען רעספעקט געמוזט דיעזע ביטע ענט־זאגען, און דערפאר האבען אונז די יונייטעד גארמענט וואיר־קערס סוספענדירט און אונזער טשארטער איז אוועקגעגעבען

געוואָרען צו אַ פּאָר דאָזען קלאָוקמאַכער, וועלכע סטרייקען נאָך ביז היינטיגען טאָג.

באַראָנדעס איז נאָכ'ן סטרייק געבליעבען אַ פּאָר וואָכען און האָט פיגורירט אַלס רעדאַקטאָר פון אונזער וועכענטליכער „יוניאָן צייטונג“, נאָר אַז ער האָט ענדליך געזעהן, דאָס ער איז געבליבען אַ גענעראַל אָהן סאָלדאַטען און דאָס עס געהט שוין ניט ווייטער, איז ער אַוועק פון דער יוניאָן.

דערמיט האָט זיך ענדליך געענדיגט באַראָנדעס'עס אָפּי־ציעלע קאַריערע אין דער קלאָוקמייקערס יוניאָן, אָבוואָהל אונ־אָפּיציעל איז ער נאָך פאַר אַ גאַנץ לאַנגע צייט אַנערקענט גע־ווען אַלס דער פיהרער פון דער יוניאָן און קיין וויכטיגע זאַך איז ניט געטהאָן געוואָרען אין דער יוניאָן אָהנע זיך מיט איהם צו בעראַטהען.

אַ צייט שפּעטער, ווען די קלאָוקמאַכער זיינען ווידער שטאַרק געוואָרען, האָט די מאַסע ווידער פערלאַנגט באַראָנ־דעסען אַנצושטעלען אַלס זייער פיהרער. נאָר ער האָט מעהר ניט געוואָלט אַננעהמען.

די ערשטע צייט נאָך זיין רעזיגנאַציאָן האָט ער געליטען שרעקליכען הונגער און נויטה, ווייל קיין קלאָוקמאַכער איז ער קיינמאָל ניט געווען און צו ביזנעס האָט ער אויך קיין פעהיג־קייט ניט געהאַט. עס זיינען געווען צייטען ווען ער האָט גע־וואוינט אין בראָנזוויל און ער האָט ניט געקענט בעצאָהלען זיינע רענט, וועלכע האָט בעטראָפען גאַנצע פינף דאָלאַר אַ מאָנאַט, און ווען ניט זיינע צאָהלרייכע פריינד, וואָס ער האָט געהאַט, וואָלט מען איהם אַרויסגעוואָרפען אין יאַס. ערשט אַביסעל שפּעטער, ווען ער האָט זיך אַרויסגעשלאָגען פון קאָפּ די אַמביציע צו זיין אַ גענעראַל, האָט ער אָנגעפאַנגען צו מאַכען אַ לעבען.

* * *

דעם ספּרינג סיזאָן פון 1895 נאָכ'ן סטרייק האָט מען גאָר ניט געקענט טהאָן פאַר דער יוניאָן. די וואונד איז נאָך געווען פריש. מאַסען קלאָוקמאַכער זיינען נאָך אַרומגעגאַנגען אָהן אַרבייט, און די, וועלכע האָבען שוין יאָ ביסלעכווייז גע־אַרבייט, זיינען אויך געווען זעהר אויסגעהונגערט פון דעם

צוואנציג וואכעדיגען קאמפף, און די בעזימער, מיט וועלכע זיי האבען אין צייט פון סטרייק געקעהרט די גאסען, האבען זיך זיי אלע מאל פארגעשטעלט פאר די אויגען. ווען מען האט א קלאוקמאכער געפרעגט, ווארום ער קומט ניט צו קיין מיטינג, האט ער זיך אויסגעלאכט: „איהר ווילט שוין ווידער געהן סטרייקען? קנאפ האבען מיר נאך געהונגערט?“ אזעלכע טענות האט מען געהערט פון יעדען קלאוקמאכער, און דעריבער האבען די עטליכע איבערגעבליבענע אין דער יוניאן בעשלאסען צו ווארטען אויף בעסערע צייטען.

עס איז גלייך געגומען געווארען א קלענערער אפיס. א סעקרעטער איז אנגעשטעלט געווארען צו אטענדען בלויז אין אבענד, אום די עקספענסעס זאלען זיין אזוי קליין ווי מעגליך.

אין אויגוסט פון דעם זעלבען יאהר, ווען דער ווינטער־סיזאן האט זיך אנגעפאנגען, האבען א גרויסע צאהל קלאוק־מאכער איינגעזעהן, אז אהן א יוניאן וועט זיין גרויסע צרות. די מאנופעקטשורערס ווען יעצט טרייען אבצומאכען דאס געלד וואס זיי האבען פערלארען דורכ'ן דזשענעראל סטרייק, און זיי האבען אנגעפאנגען צאהלען גאנץ קלעגליכע פרייזען. גאנצע שעפערווייז זיינען די ארבייטער געקומען אין דער יוניאן און האבען זיך גוטשטעהענד געמאכט אין די ביכער. צוויי ביזנעס איידזשענטס זיינען גלייך אנגעשטעלט געווארען און מען האט זיך גענומען צו דער ארבייט. שאפ נאך שאפ זיינען די ארבייטער גערופען געווארען צו מיטינגען, וואו פרייז־ליס־טען מיט אנדערע יוניאן־פאדערונגען זיינען צו די מאנופעק־טשורערס געשטעלט געווארען. און איבעראל זיינען די פאדע־רונגען נאכגעגעבען געווארען, ווייל די מאנופעקטשורערס האבען קיין גרויסען חשק ניט געהאט צו האבען נאך א סטרייק.

אלעס וואלט שוין אוועקגעגאנגען גאר ניט שלעכט. נאר פיעלע מאנופעקטשורערס האבען יענעם סיזאן באנקראטירט, ווייל דער לעצטער דזשענעראל סטרייק האט זיי פאקטיש רו־אינירט. דורכדעם זיינען מאסען פון אונזערע מעמבערס גע־בליבען אהן בעשעפטיגונג; דאס האט אלע פלענער צושטערט.

דאן איז געווען נאך א צרה. דורך דער צייט פון סטרייק

האָט די סטרייק־קאָמיטע אַרויסגעגעבן וואָוטשערס צו אונזערע סטרייקערס פאַר סטרייק־בענעפיט, און ווען זיי זיינען מיט די וואָוטשערס געגאַנגען צום פינאַנס־סעקרעטער נאָך געלד, האָט ער זיי ניט געקענט אויסצאָהלען, ווייל ער האָט קיין געלד ניט געהאַט. אָבער די בוטשערס, די גראָסערי־לייט און זאָגאַר מאַנכע לענדלאָרדס האָבען דיזע וואָוטשערס אָנגענומען פאַר געלד. אַזוי לאַנג ווי די יוניאָן האָט קיין געלד ניט געהאַט, האָט קיינער ניט געמאָהנט, נאָר אַזוי שנעל ווי די יוניאָן האָט אָנגעפאַנגען ווידער אויפצולעבען, זיינען אַלע געקומען פערלאַנגען מען זאָל זיי אויסצאָהלען דאָס געלד פאַר די וואָוטשערס. און דאָס האָט נאַטירליך בעטראָפען אַ שעהנע פאָר טויזענד דאָלאַר.

עס איז אויך אויסגעפונען געוואָרען, אַז מיר זיינען שולדיג אַ פאָר טויזענד דאָלאַר צו לאָיער סיימאָן פּאָלאַק פאַר אַטענדען אונזערע קאָורט־קייסעס דורכ'ן סטרייק, און אַרום טויזענד דאָלאַר צו אַ האָל־קיפּער פון 412 גרענד סטריט פאַר רענט. אַזאַ גרויסע סומע אָבצוצאָהלען האָט אונז געדאַרפט נעהמען אַ פאָר יאָהר שווערע אַרבייט, און דערווייל וועט עס אונז אונמעגליך מאַכען צו טהאָן אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט. די עקזעקוטיוו באָארד האָט אָבגעהאַלטען אַ ספּעשעל מיטינג זיך צו בעראַטהען ווי אַרויסצוקריכען פון די אַלע שולדען און אַ פּלאַן איז אויסגעאַרבייט געוואָרען, וועלכער האָט פאָרלויפיג געדאַרפט בלייבען אין געהיים ביז ער וועט פאַקטיש דורכגעפיהרט ווערען.

דער פּלאַן איז געווען דער פאָלגענדער: די קלאָוקמאַכער, אַלס אַ מאַסע, זיינען דאָך ניט פעראינטערעסירט מיט וואָס פאַר אַ נאָמען די יוניאָן רופט זיך: אויב די יוניאָן וועט זיך רופען „אָפּערייטאָרס און קלאָוקמאַכערס יוניאָן נומער 1“ אָדער אַן אַנדער. אַלעס וואָס זיי זיינען פעראינטערעסירט איז בלויז, אַז ווען זיי צאָהלען איין אַ קוואָדער אין דער יוניאָן, זאָלען זיי קענען קריגען פון זייערע באָסעס אַ ניקעל מעהר אויף אַ גאַרמענט. אַ חוץ דעם איז דער נאָמען „אָפּערייטאָרס און קלאָוקמאַכערס יוניאָן נומער 1“ ניט געווען אַזוי שטאַרק געהויבען, ווייל אונטער דיזען נאָמען זיינען פיעלע סקאַנדאַלען פאָרגעקומען, און די קלאָוקמאַכערס וואָלטען ניט שטאַרק געוויינט,

ווען דער נאָמען זאָל געענדערט ווערען. אונזער פּלאַן איז גע־ווען, אַז מיר זאָלען ארויסנעהמען אַ סטייט־טשארטער, לויט וועלכען די יוניאָן זאָל הייסען „די יונייטעד בראָדערהוד אָוו קלאָוקמייקערס", און ווען אונזערע בעלי־חובות וועלען אונז מאָהנען געלד, וועלען מיר זיי נאָר דאַמאָלס בעצאָהלען ווען מיר וועלען האָבען, אָבער געזעצליך וועלען זיי אונז גאָר ניט קענען טהאָן, ווייל די פאָריגע יוניאָן עקזיסטירט שוין ניט מעהר.

די אַלטע גוואַרדיע נעבעך האָט אָבער ניט געקענט פער־טראָגען דעם געדאַנק, אַז די יוניאָן, אונטער וועלכער זיי האָבען צוזאַמען מיט באַראָנדעסען געעקמפּפט, זאָל אויפגעלייזט ווע־רען, און זיי זיינען אַוועק צום סאַלון־קיפּער, פון 412 גרענד סטריט, און האָבען איהם ערקלעהרט, אַז די יוניאָן געהט באַנק־ראָטירען און אויב ער וויל ראַטעווען זיינע פּאָר דאָלאַר, זאָל ער גלייך לייגען אַן אַטאַטשמענט אויפ'ן אָפּיס.

אויפ'ן צווייטען טאָג איז דער סאַלון־קיפּער געקומען מיט שעריפס אין אָפּיס פון דער יוניאָן, וועלכע האָבען אַלעס פער־שריבען, פערזיגעלט די דעסקס און אויפ'ן אָפּיס אויפגעהאַנגען אַ שלאָס מיט אַ זיגעל, און אַ פּאָר טעג שפּעטער איז אַלע אָפּיס־פּאָרניטשור פערקויפט געוואָרען פער אָקשען.

גליקליכערווייזע איז דער אָקשען סייל אַזוי אַראַנזשירט געוואָרען, אַז קיינע אויטסיידיגע מענשען, אויסער קלאָוקמאַכער, זיינען ביי דיעזען סייל ניט אַנוועזענד געווען, און די קלאָוק־מאַכער האָבען אַלע זאַכען אַליין אָבגעקויפט און עס צוריק גע־לאָזט אין אָפּיס.

נאָך דיעזען אינצידענט איז שוין קיינעם אין קאָפּ ניט געלעגען צו רעאָרגאַניזירען די יוניאָן. עס האָט שוין ביסלעכ־ווייז גענומען אָבשטאַרבען. און אָבוואָהל מיר האָבען גלייך איבערגעמופט אונזער אָפּיס אין אַ קליינעם פּלאַץ, וואו עס האָט געקאָסט אַ קלייניגקייט די רענט, און ברודער בראַף האָט אַטענ־דעט אַלס סעקרעטער אָהן געלד, דאָך האָט עס שוין ניט גע־האָלפען. בלויז אַ פּאָר דוצענד פון די גרעסטע פּאַטריאָטען זיינען איבערגעבליעבען מיט דער יוניאָן, און די פּאָר האָבען

זיך געמאַטערט ביז אין אַפּריל, 1896, ווען די יוניאָן האָט זיך אין גאַנצען אויפגעלייזט.

די פּאָרניטשור און אַלע איבעריגע זאַכען זיינען פּריוואַט פערקויפט געוואָרען, און עס איז בעשלאָסען געוואָרען דאָס געלד אוועקצוגעבען פאַר אַ רעוואָלוציאָנערען צוועק. אַזוי ווי אין קובאַ איז דאַן אָנגעגאַנגען די רעוואָלוציאָן געגען שפּאַניען, איז בעשלאָסען געוואָרען דאָס געלד אוועקצושיקען צו די קובאַנישע רעוואָלוציאָנערען.

דערמיט האָט זיך געענדיגט די שטורמישע קאַריערע פון אַ יוניאָן, וועלכע האָט עקזיסטירט 6 יאָהר, האָט געקעמפּפט, געוואונען און פערלאָרען סטרייקס, און האָט געמאַכט היסטאָריע אין דער אידישער אַרבייטער בעוועגונג.

XIV

די אָרגאַניזירונג פון די יונייטעד בראָדערהוד אָוו קלאָוקמייקערס.

גלייך נאָך דער אויפלעזונג פון „דער אָפּרייטאָרס און קלאָוקמייקערס יוניאָן נומער 1“, ווי די אַלטע יוניאָן האָט זיך גערופען, האָבען זיך צוזאַמענגענומען אַ פּאָר מנינים ס. ל. פּ.'ניקעס און האָבען געגרינדעט אַ יוניאָן, וועלכע האָט זיך גערופען „די פּראָגרעסיוו קלאָוקמייקערס יוניאָן“. נאָר טראָץ דעם וואָס זיי האָבען זיך גערופען די „פּראָגרעסיווע“, האָבען זיי אָבער קיין פּראָגרעס ניט געקענט מאַכען, ווייל אויף דער שפּיצע פון דיעזער יוניאָן איז געשטאַנען גענ. שלאָסבערג און נאָך איינינע, וואָס זיינען בעקאַנט געווען אַלס געוועזענע מעמ־בערס פון דער אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן אונטער דע־ליאָנ'ס פליעגעל. קיינער האָט אויף זיי קיין אויפמערקזאַמקייט ניט געשיינקט, און עס איז בלויז געבליבען אַ קלייזעל פון אַ פּאָר חסידים.

אין אָנפאַנג אויגוסט פון דעם זעלבען יאָהר, 1896, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אַ צאָהל אַרבייטער פון פריעדמאַן בראָס. פירמע אין אַ האָלל אויף אָרטשאָרד סטריט און, צוזאַמען מיט

א פּאָר געוועזענע אָנפיהרער פון דער אַלטער יוניאָן, האָט מען בעשפּראָכען דעם צושטאַנד פון טרייד, און ביי דיעזען מיטינג איז געגרינדעט געוואָרען א יוניאָן אונטער דעם נאָמען „דהי יונייטעד בראָדערהוד אָוו קלאָוקמייקערס“.

א סטייט־טשארטער איז גלייך ארויסגענומען געוואָרען, און מען האָט זיך גענומען צו דער ארבייט. מעמבערס האָבען אָנגעפאַנגען אריינצוקומען אין די הונדערטע. קליינע שאַפּ־סטרייקס זיינען פאָרגענומען געוואָרען און פּרייזען זיינען גע־סעטעלט געוואָרען. עס האָט אַזוי אָנגעהאַלטען ביז אין מיטען אָקטאָבער און פיעלע האָבען שוין געדענקט, אַז די יוניאָן וועט צוריק ווערען אַזוי שטארק ווי אַמאָל. נאָר אין מיטען אָק־טאָבער האָט זיך די ארבייט אָבגעשטעלט און די מעמבערס האָבען ווידער אָנגעפאַנגען אָבצופאַלען. ביים ענדע פון ווינ־טער־סעזאָן זיינען בלויז געבליבען אין דער יוניאָן 28 מיט־גליעדער.

די אורזאַכע פון דעם צוריקפאַלען פון די מעמבערס קען איבערהויפּט צוגעשריעבען ווערען צו דעם, וואָס די ארבייטער וואָס האָבען זיך אָרגאַניזירט זיינען בעשעפטיגט געוועזען ביי די קלענערע מאַנופעקטשורערס און זייערע פערשפּרעכונגען מיט זייערע אַגרימענטס זיינען ניט ווערטה געוועזען א שמעק טאַבאַק. ווען זיי האָבען איין טאָג געסיינט אַן אַגרימענט צו צאָהלען געוויסע פּרייזען, האָבען זיי אויף מאָרגען חרטה געהאַט. און אַזוי ווי די יוניאָן איז נאָך ניט געוועזען שטאַרק גענוג, אום אויף מאָרגען ווידער ארויסצורופען א סטרייק, — האָבען די ליע־דערס געזאָגט די ארבייטער דעם אמת, אַז זיי קענען פאַר זיי גאָר ניט טהאָן. די ארבייטער זיינען צוליעב דעם דיסאַפּאָינ־טעט געוואָרען און האָבען פערלאָזען די יוניאָן.

די איבערגעבליעבענע 28 האָבע אָבער אָבגעמאַכט זייער מיינונג אָנצוהאַלטען די יוניאָן אונטער אַלע אומשטענדען. יעדעס מאָל, ווען מען האָט געדאַרפט געלד אויף פערשיעדענע אויסגאַבען, איז יעדער איינער פון די 28 מעמבערס געגאַנגען צום פּאַקעט און האָט בייגעשטייערט וויפיעל עס איז נויטיג געוועזען.

די שטיקעל יוניאָן האָט זיך אַזוי צוזאַמענגעהאַלטען אַ שעהנע פּאָאָר וואָכען, ביז מיר האָבען ענדליך בעשלאָסען צו רייזען אַ גרויסען קאַפּיטאַל, וואָס זאָל אונז מעגליך מאַכען אָנ־צופיהרען אַ ברייטע אַגיטאַציאָן פאַר אַ יוניאָן.

די ערשטע זאַך האָבען מיר גענומען אַ טהעאַטער־בענע־פיט, און אַלע אונזערע 28 מיטגליעדער האָבען געאַרבייט ווי די ביענען צו מאַכען דיעזע אונטערנעהמונג אַ סוקסעס. דער רע־זולטאַט איז געווען, אַז דיעזע אונטערנעהמונג האָט אונז אַריינ־געבראַכט אַרום פינף הונדערט דאָללאַר פּראָפיט.

האָבענדיג אַזאַ סומע געלד אין האַנד, האָט עס אונז שוין געגעבען מוטה פאָרצונעהמען אַ צווייטע אונטערנעהמונג, פון וועלכע מיר האָבען וויעדער פּראָפיטירט אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר.

גלייך נאָכדעם איז אַ גרויסע מאַסענפערזאַמלונג צוזאַמענ־גערופען געוואָרען און מיר האָבען ערקלעהרט די קלאָוקמאַכערס פאָלגענדעס: מיר זיינען בלויז 28 מעמבערס אין דער יוניאָן און מיר האָבען אַכט הונדערט דאָלאַר. ווילט איהר זיין פּאַרט־נערס צום געלד, זאָלט איהר גלייך ווערען מעמבערס פון דער יוניאָן. נאָר אויב איהר וועט אונז ווייטער לאָזען שטעהן מיט די 28 מיטגליעדער, וועלען מיר געצוואונגען זיין די יוניאָן אויפצולעזען און מיר וועלען זיך צוטהיילען מיט'ן געלד.

ווי עס ווייזט אויס, האָט דיעזער מיטעל אויף די פער־זאַמעלטע שטאַרק געווירקט. גלייך נאָך אונזער ערקלעהרונג איז אין האָלל געוואָרען אַ גרויסער טומעל און פון אַלע זייטען האָט מען אָנגעפאַנגען שרייען: „אַהאַ! איהר ווילט שוין וויע־דער געלד? קריינק וועט איהר נעהמען! גיט די אַכט הונ־דערט דאָלאַר! דאָס געלד בעלאַנגט צו אַלע אַרבייטער, ניט צו אייך אַליין!" — „נו, — האָבען מיר זיי געענטפערט, — עס איז אמת, אַז דאָס געלד בעלאַנגט צו אַלעמען. נאָר אויב איהר ווילט זאָגען אַ דעה וואָס מען זאָל טהאָן מיט'ן געלד, מוזט איהר ווערען יוניאָן־לייטע; דאַן וועט איהר קענען טהאָן מיט'ן געלד וואָס איהר ווילט!"

אין אַ פּאָר טעג נאָך דיעזען מאַססמיטינג איז צו אונז געקומען אַ קאָמיטע פון מאיר דזשאָהנסאָנ'ס אַרבייטער און

האָט ערקלעהרט, אַז אַלע ארבייטער פון זייער שאָפּ ווילען זיך אַנשליסען אָן דער יוניאָן, נאָר זיי פערלאַנגען מען זאָל זיי אריינ־נעהמען פאַר 30 סענט אַ מאַן. די יוניאָן האָט גלייך נאָכדעם אַבגעהאַלטען אַ מיטינג און האָט בעשלאָסען זיי איבערצוגעבען, אַז מיר מיינען גיט זייער געלד, נאָר מיר ווילען טאַקע אָרגאַ־ניזירען די ארבייטער, און מען האָט פאַר מאיר דזשאהנסאָנ'ס ארבייטער רעדוצירט די איינטריטס־געלד פון אַ דאָלאַר אויף 30 סענט, און אַ פּאָר הונדערט ארבייטער האָבען זיך אָנגע־שלאָסען אָן דער יוניאָן.

די קלאָוקמאַכער פון אנדערע שעפּער, הערענדיג אַז דזשאהנסאָנ'ס ארבייטער האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער יונ־יאָן, האָבען אויך ביסלעכווייז אָנגעהויבען אריינצוקומען אין דער יוניאָן.

דערצו האָט אויך זעהר פיעל מיטגעהאָלפען דער ספּליט אין דער ס. ל. פּ. א טהייל פון די ס. ל. פּ.'ניקעס זיינען ניט איינפערשטאַנדען געווען מיט דער טאַקטיק פון צוברעכען די עקזיסטירענדע טרייד־יוניאָנס און אָרגאַניזירען סאָציאַליסטישע קלייזעל־יוניאָנס, און די סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען געגלויבט, אַז „בויערען פון אינעווענינ" איז אַ בעסערער מיטעל צו פער־שפּרייטען סאָציאַליזמוס צווישען די אָרגאַניזירטע ארבייטער, איידער זיי צו צוברעכען, — האָבען זיך פון דער ס. ל. פּ. אָב־געטהיילט און געגרינדעט די „סאָשעל דעמאָקראַסי אָוו אמע־ריקא" מיט דעבס'ען אָן דער שפּיצע. פון דיעזער „סאָשעל דעמאָקראַסי" איז עס ארויסגעקומען די יעצטיגע סאָשעליסט פּאַרטי. זיי האָבען שוין אָנגעפאַנגען קוקען פריינדליכער אויף די טרייד־יוניאָנס.

אין יענער צייט האָט זיך אויך געגרינדעט דער „פאָר־ווערטס", וועמעס אויפגאַבע עס איז געווען, אַזוי ווי יעצט, צו שטיצען און צו פערשטאַרקען די טרייד־יוניאָנס.

דאָס אַלעס צוזאַמען האָט פיעל לייכטער געמאַכט די אָר־גאַניזירונגס־ארבייט.

אין מאַי, 1897, האָט די יוניאָן שוין געעפענט אַן אָפּיס אין ריווינגטאָן סטריט, לעבען קלינטאָן סטריט, און עס האָט

זיך אָנגעפּאַנגען אַן אַגיטאַציע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב. די עקזעקוטיוו קאָמיטע פון דער יוניאָן איז געקומען צום שלוס, אַז אום צו האָבען אַן ערפאָלגרייכע יוניאָן, דאַרפען אָנגעווענדעט ווערען אַנדערע מעטהאָדען, ווי אַמאָל. פריהער פלעגט מען גאַנץ אָפט סטרייקען אין די גרויסע שעפּער, וואו די פּרייזען און אַנדערע ארבייטס־בעדינגונגען זיינען געווען בעדייטענד בעסער ווי אין די קליינע שעפּער, און די קליינע מאַנופעקטשורערס, וואָס האָבען געמאַכט ארבייט בחצי חנם, האָט מען צו־רוה געלאָזט. דערפאַר האָבען אונז די גרויסע מאַנופעקטשורערס אַזוי בעקעמפּפט און מיר זיינען אימער דורכגעפאַלען. דער יעצטיגער פּלאַן איז געווען צו קומען צו אַ געוויסע פערשטענדניס מיט די גרויסע פירמעס, זיי זאָלען אַנערקענען די יוניאָן און אונז קיין טראָבעל ניט מאַכען, און אין דער זעלבער צייט זאָלען מיר קענען אונזער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט שיינקען צו דער אָרגאַניזירונג פון די דיוויזשיאָן און גרין סטריטער ארבייטער.

אַ דרייער קאָמיטע איז ערוועהלט געוואָרען, פון וועלכע דער שרייבער איז אויך געווען איינער. די קאָמיטע האָט זיך געווענדעט צו מר. ריטשמאַנד, אַ פּאַרטנער פון א. פריעדלענדער, וועלכער איז געווען דער פּרעזידענט פון דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן. נאָר, נאָכדעם ווי מר. ריטשמאָנד האָט אונז ערקלעהרט, אַז די אַסאָסיאיישאָן עקזיסטירט שוין ניט מעהר, האָבען מיר בעשלאָסען צו בעזוכען די מאַנופעקטשורערס איינצעלווייז און זיי פאָרלייגען אונזער פּלאַן. און, ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויעזען, איז דאָס געווען אַ געלונגענער פּלאַן.

אין אָנפאַנג אויגוסט פון זעלבען יאָהר האָבען ארבייטער פון פיעלע שעפּער אָבגעהאַלטען שאַפּ־מיטינגען, אויסגעארבייט פּרייז־ליסטען פאַר'ן ווינטער־סעזאָן און האָבען פערלאַנגט, אַז די יוניאָן זאָל עס טרייען פאַר זיי קריגען. די יוניאָן האָט ערוועהלט אַ קאָמיטע פון צוויי, פון וועלכע דער שרייבער איז געווען איינער, און מען האָט דער קאָמיטע אינסטרואירט, זי זאָל בעזוכען די פאָלגענדע מאַנופעקטשורערס: מאיר דזשאָהנסאָן, יוליוס שטיין, א. פריעדלענדער און קאָ., ראָטהשילד בראָס.

און בלומענטהאל בראָס. דיעזע פינף מאַנופעקטשורערס זיינען דאָן געווען די גרעסטע אין טרייד, און דער רעכענונג איז געווען, אַז אויב דיעזע פינף וועלען סעטלען מיט דער יוניאָן, וועלען שוין די איבעריגע נאָכקומען.

די קאָמיטע האָט אויסגעקליבען צו געהן צום גרעסטען מאַנופעקטשורער צוערשט. מיר זיינען ארויפגעקומען צו מאיר דזשאהנסאָן און איהם ערקלעהרט אונזער שליחות. און, נאָך דעם ווי מיר האָבען מיט איהם ארגומענטירט ארום א שטונדע צייט, איז ער ענדליך מרוצה געוואָרען צו בעשעפטיגען יוניאָן־לייטע און רייזען צוואַנציג פּראָצענט אויף די פּרייזען.

דער צווייטער קאָמיטע־מאַן האָט מיר געפרעגט אויפ'ן אויער: און וואָס הערט זיך מכח אַן אַגרימענט אונטערשרייבען? מיר האָבען דאָך גאָר ניט דערמאָהנט וועגען סיינען אַן אַגרימענט? הכלל, מיר האָבען זיך צווישען זיך בעראַטהען און עס איז ביי אונז געבליבען מיר זאָלען קיין אַגרימענט ניט פערלאַנגען, ערשטענס ווייל מאיר דזשאהנסאָנ'ס וואָרט איז גראַדע אַזוי גוט ווי זיין אַגרימענט און, צווייטענס, האָבען מיר פּשוט מורא געהאַט טאָמער ענטזאָגט ער זיך צו סיינען אַן אַגרימענט, וועלען מיר דאָך מוזען סטרייקען. און דאָס האָבען מיר דאַמאָלסט ניט געקענט טהאָן, ווייל דאָס וואָלט צושטערט אַלע אונזערע פּלענער. מיר האָבען ביי זיך בעשלאָסען, אַז קיינער, זאָגאַר די עקזעקוטיוו באָארד, זאָל ניט וויסען, אַז מיר האָבען ניט קיין אַגרימענט מיט מאיר דזשאהנסאָן.

דעם נעקסטען פּלאַץ, וואו מיר זיינען געגאַנגען, איז געווען צו דזשוליוס שטיין. ווען מיר האָבען שטיינ'ען פּאָרגעלייגט וואָס מיר ווילען, האָט ער אונז געפרעגט: ווער האָט שוין מיט אייך געסעטעלט? און ווען מיר האָבען איהם געזאָגט, אַז דזשאהנסאָן האָט מיט אונז שוין געסעטעלט, האָט ער גלייך אָנגערופען דזשאהנסאָנען דורכ'ן טעלעפאָן און איהם געפרעגט אויב ער האָט געסיינט אַן אַגרימענט מיט דער יוניאָן. דערויף האָט איהם דזשאהנסאָן געענטפערט, אַז ער האָט געסעטעלט מיט דער יוניאָן. גלייך נאָכדעם האָט יוליוס שטיין נאָכגעגעבען אַלע פאָדערונגען און אונטערגעשריעבען אַ יוניאָן־אַגרימענט.

מיט די איבעריגע איז עס שוין צוגעגאנגען פיעל לייכטער.

די נייעס האָט זיך גלייך פערשפרייט איבער'ן שטאָדט, ווי א בליץ, און פון אלע זייטען האָבען אָנגעפאנגען צו שטראָמען די קלאָוקמאכער אין דער יוניאָן מאסענווייז.

ביז ענדע סעפּטעמבער האָבען מיר געסיינט 85 אגרימענטס מיט די גרעסטע מאנופעקטשורערס פון טרייד, אויסער עטליכע הונדערט קלענערע און אויטסייד־קאָנטראקטאָרס, וועלכע האָבען צוזאמען אויסגעמאכט דריי־פערטעל פון דעם גאנצען טרייד.

דעם צווייטען טאָג ראש השנה פון דעם זעלבען סעזאָן האָט די עקזעקוטיוו קאָמיטע אָבגעהאַלטען א ספּעשעל מיטינג אין א האָלל אויף עוועניו „סי", לעבען 10טער סטריט. די בעאַמטע זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרען מיטצוברענגען אלע אונטערגעשריעבענע אגרימענטס מיט די מאנופעקטשורערס, און ביי דיעזען מיטינג האָבען מיר זיי צום ערשטען מאָל אויס־געזאָגט דעם סוד וועגען מאיר דזשאָהנסאָנ'ס סעטעלמענט און אויך אָנגעגעבען די ריכטיגע אורזאכע פאר וואָס מיר האָבען דאָס געהאַלטען בסוד און פאר וואָס מיר האָבען ניט דוקא פער־לאַנגט, אז ער זאָל סיינען אן אגרימענט.

די עקזעקוטיוו באָארד איז פאָלשטענדיג צופריעדען געוועזן מיט אונזער ערקלעהרונג.

XV

די אינערליכע צאנקערייען אין דער יוניאָן.

ווען די יוניאָן איז שטארק געוואָרען, האָבען זיך אָנגעפאנ־גען יאָווען קאנדידאטען פאר וואָקינג דעלעגאטען. יעדער קלאָוקמאכער האָט געדענקט, אז אום צו זיין א וואָקינג דעלע־גאט איז בלויז נויטיג צו ווערען ערוועהלט, און עס האָבען זיך געפונען פערשיעדענע קריינקס און סתם ארומליגער אין אָפּיס, וועלכע זיינען געלאָפען פאר וואָקינג דעלעגאט און ביי איין עלעקשאָן, וואו מען האָט געדארפט ערוועהלען בלויז פינף דע־לעגאטען, זיינען געלאָפען 75 קאנדידאטען אויפ'ן באלאָט, און

די וואָס זיינען ניט ערוועהלט געוואָרען, האָבען אָנגעפאַנגען צו מאַכען גרויסע סקאַנדאַלען אין אָפּיס.

דער יוניאָן אָפּיס איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ רעגעלע קאַזאַרמע. שנאַפּס און פיינטלאַך ביער איז דאָרטען געטרונקען געוואָרען אַזוי ווי אין אַ קרעטשמע. ווען יעמאַנד איז אין אָפּיס אַריינגעקומען, האָט ער געמוזט גוט אויפּפּאַסען אויף זיין זייגער און די פּאָר סענט, וואָס ער האָט געהאַט אין פּאַקעט, זאָנסט האָט ער זיך דערמיט שוין מעהר ניט געזעהן. ווען יעמאַנד האָט געדאַרפט סקעבס, איז דער בעסטער פּלאַץ זיי צו געפינען געווען אין אָפּיס פון דער יוניאָן...

דערצו האָט גאָט נאָך אונז געבענשט מיט אַ פינאַנס־סעקרעטער, אַ געוויסען קאָפּעלאָוויטש, וועלכער איז געווען אַן אויסגעצייכענטער סעקרעטער, נאָר צו די צרות איז ער געווען אַ פּוירסט קלעם שיכור. כמעט קיינמאָל איז ער אין אָפּיס ניט געווען. דער בעסטער פּלאַץ איהם צו געפינען איז געווען אין סאַלון אַנטקעגען־איבער דעם אָפּיס פון דער יוניאָן, און פאָלגליך האָבען די ערב־רב געטהאָן אין אָפּיס וואָס זיי האָבען געוואָלט. פיעלע מאָל פלעגט מען אין אָפּיס טרעפען גאַנצע באַנדעס ניוס־באָיעס שפּיעלענדיג קרעפּס אויפ'ן פלאָאָר.

עס האָט פּאַסירט אַ פּאַל, דאָס ווען אַ פּאָר קלאָוקמאַכער זיינען אַריינגעקומען אין אָפּיס און זיי האָבען קיינעם ניט געטראָפען דאָרט, האָבען זיי אַרויסגעמופט דעם גאַנצען אָפּיס, די פּאַרניטשור צוזאַמען מיט'ן סייף, און האָבען עס אַריינגעשטעלט אין אַ קעלער, און ווען דער סעקרעטער איז צוריקגעקומען פון סאַלון, האָט ער געטראָפען פּיער ליידיגע ווענד.

דיעזע פּאַסירונגען האָבען געמאַכט, אַז אַלע אַנשטענדיגע יוניאָן־לייט האָבען דעם אָפּיס אויסגעמיידט, אַזוי ווי אַ פּעסט, און דאָס האָט זעהר פיעל געשעדיגט דעם מאָראַלען איינפלוס פון דער יוניאָן.

און אַבוואָהל די יוניאָן איז געווען שטאַרק, דאָך האָבען אַלע פערשטענדיגע מענשען געפיהלט, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועט די יוניאָן מוזען צובראָכען ווערען.

פטור ווערען פון דעם סעקרעטער דעם שכור איז אונ־מעגליך געווען, ווייל זיינע אנהענגער, די וועלכע ער האט גע־האלטען אין איין טריטען ביי דער באר, זיינען פאר איהם געווען שטאל און אייזען. עס האט פיעלע מאל פאסירט, אז מען האט געשלאגען די יעניגע, וואס האבען געוואגט צו זאגען א שלעכ־טען ווארט געגען דעם סעקערטער, און מיר האבען זיך געמוזט האלטען מיט דער צרה.

XVI

די וועלוועט דעלעגאטען.

עס איז געווען ענדע 1898. צווישען די קלאוקמאכערס האט זיך דאמאלסט ארייגעכאפט א מין וואקינג דעלעגאטען־קראנקהייט. יעדער איינער וואס האט נאר געהאט א יוניאן־ביכעל אין פאקעט, האט גערעכענט, אז ער איז בערעכטיגט און פעהיג צו זיין א וואקינג־דעלעגאט. נאטירליך, אזוי ווי אלע לויפענדע קאנדידאטען האבען דאך ניט געקענט ערוועהלט ווע־רען, ווייל מען האט בלויז געדארפט פיער אדער פינף, — איז געווארען א גרויסע אונצופריעדענהייט צווישען די איבעריגע.

אויף יעדען שריט און טריט האט מען די ערוועהלטע וואקינג דעלעגאטען געקיבעצט האט א וואקינג דעלעגאט אנ־געטהאן א נייעם סוט, האט מען איהם געשאלטען מיט טויטע קללות און גע׳טענה׳ט, אז דער סוט, וואס דער דעלעגאט טראגט, איז פאר זייער בלוט; האט מען א וואקינג דעלעגאט געזעהן ארייגעהן אין א רעסטאראנט עסען, האט מען איהם געוואונ־שען, אז ער זאל דאס עסען אויסקריינקען, ווייל ער עסט אר־בייטערס בלוט. און אזוי ווי ליידיג־געהערס און סתם קריינקס ליגען שטענדיג ארום אין די יוניאן אפיסעס, האבען זיי איינ־פאך פער׳מיאוס׳ט דאס לעבען פון די אנגעשטעלטע אפיסערס.

אין די ביזי־סיזאנס, ווען די וואקינג דעלעגאטען זיינען זעהר ווייניג געזעסען אין אפיס, איז נאך געווען צו דערליידען. נאר אזוי שנעל, ווי עס פלעגט ווערען סלעק, און די וואקינג־

דעלעגאטען האבען אין די שעפער ניט געהאט וואס צו טהאן, פלעגען זיך אנחויבען די צרות. יעדער לײדיג־געהער האט כפדר געהאלטען אין איין זידלען די דעלעגאטען, ווארום זיי נעהמען וויידזשעס.

צו יענער צייט זיינען געווען אנגעשטעלט 5 וואקינג־דע־לעגאטען, וועלכע האבען ניט געוואלט דולדען די בעליידיגונגען פון „פאלק“, און זיי האבען צווישען זיך בעשלאסען, אז ווען זיי וועלען אין די שעפער ניט האבען קיין ארבייט, זאלען זיי ניט זיצען אין אפיס און זאלען זיך צונויפקלייבען אין קאפעע סאמעט, אויף הויסטאן סטריט. צווישען זיך האבען זיי אב־געמאכט א פאסיר־ווארט, אז ווען זיי וועלען איינער דעם צוויי־טען ניט געפינען אין אפיס, זאל זיי דער דזשעניטאר פון אפיס זאגען „וועלוועט“, און זיי וועלען שוין וויסען וואס דאס מיינט.

א פאר וואכען איז אזוי אנגעגאנגען, ביז מען האט דעם סעקרעט אויסגעפונען, און מען האט די גאנצע באנדע „וועלוועט דעלעגאטען“ געטראפען שפּיעלענדיג אין קארטען אין סאמט קאפעע. זייט דאמאלסט זיינען זיי בעוואוסט געווארען אלס די „וועלוועט דעלעגאטען“.

די עקזעקוטיוו באארד פון דער יוניאן האט די אנגעלע־גענהייט אויפגענומען און ביי די מיטינגען האט זיך אבגעטהאן חושך. די „וועלוועט דעלעגאטען“ מיט דער עקזעקוטיוו האבען זיך גענומען ארומרייסען און קיין זאך האט ניט געקענט פער־האנדעלט ווערען. די עקזעקוטיוו באארד האט בעשלאסען, אז קיינער פון די וואקינג דעלעגאטען טאר ניט אנוועזענד זיין ביי די עקזעקוטיוו מיטינגען, אויסער זייער מענעדזשער אדער קאנ־טראקטאר, ווי ער האט זיך דאמאלסט גערופען. און ער זאל אויך נאר קומען צו דעם עקזעקוטיוו־מיטינג, אום איבערצוגעבען זיין רעפּארט פון דער וואך און גלייך פערלאזען דעם מיטינג.

זעהענדיג ווי מען בעהאנדעלט זיי, האבען זיך די „וועלוועט דעלעגאטען“ ארגאניזירט אין א באארד און דעלעגייטס און האבען בעשלאסען, אז קיינער פון זיי זאל ניט געהן צום מיטינג פון דער עקזעקוטיווע אבגעבען א רעפּארט. נאר אויב די עק־

זעקוטיווע ווײל האָבען אַ רעפּאָרט, זאָל זי קומען צו זיי, ווײל זיי זיינען אויך אַ קערפּערשאַפט.

ווען די עקזעקוטיוו באָארד האָט געקראָגען דיזען צושריפט פון די „וועלוועט דעלעגאַטען“, האָט זי בעשלאָסען אַלע וואָקינג־דעלעגאַטען צו סוספּענדירען פון זייער אַמט און גלייך אויף מאָרגען אין דער פריה זאָל מען קיינעם פון זיי ניט אריינלאָזען אין אָפּיס. דער דאַמאָלסדיגער סעקרעטער, דער שכור קאַפּע־לאָוויטש, איז אינסטרואירט געוואָרען גלייך אויף מאָרגען זיך אָבצורעכענען מיט די דעלעגאַטען, צונעהמענדיג ביי זיי די יוניאָן־געלדער און דאָס איבעריגע יוניאָן־אייגענטהום, וואָס זיי האָבען ביי זיך געהאַט.

אויף מאָרגען אין דער־פריה, ווען זיי זיינען געקומען אין אָפּיס און מען האָט זיי ערקלעהרט דעם בעשלוס פון דער עקזע־קוטיוו באָארד, האָבען זיי זיך גאַנץ איינפאַך אויסגעלאַכט און האָבען ערקלעהרט, אז זיי זיינען ערוועהלט געוואָרען אויף גאַנצע 6 מאָנאַטען און זיי וועלען די גאַנצע צייט שטעהן אין אָפּיס. אויך האָבען זיי זיך ענטזאָגט איבערצוגעבען די יוניאָן־געלדער ביז וואַנען זייערע וויידזשעס פאַר דעם גאַנצען טערמין וועט זיי ניט בעצאָהלט ווערען.

שטונדען־לאַנג האָט מען געהאַלטען אין ארגומענטירען מיט זיי און זיי האָבען זיך געהאַלטען ביי דאָס זייעריגע. זיי האָבען געסטראַשעט יעדען איינציגען ארויסצוּוואַרפען מיט פאָלים, ווײל זיי זיינען די בעלי־בתים אין אָפּיס.

ענדליך איז דער טשערמאַן פון דער עקזעקוטיוו באָארד אַוועק אין פּאָלים סטיישאַן, האָט געבראַכט אַ דעטעקטיוו און האָט געלאָזען ארעסטירען דעם טשערמאַן פון דער באָארד אָוו דעלעגייטס, אַ געוויסען סעם קאָהן, פאַר צונעהמען געלדער וואָס האָבען ניט בעלאַנגט צו איהם.

אין דער צייט, ווען סעם קאָהן איז ארעסטירט געוואָרען, זיינען דערווייל די אַנדערע דעלעגאַטען אַוועק מיט קאַפּעלאָ־וויטש דעם סעקרעטער אין אַ סאַלון און, מאַכענדיג אַ פּאָר שנעפּסלאַך, האָט ער זיך מיט זיי אָבגערעכענט און צוגענומען

ביי זיי אלע יוניאן־נעלדער וואס זיי האבען געהאט, און ער האט זיי געסיינט רעסיטס, דאטירט מיט צוויי טעג פריהער. האב־בענדיג די רעסיטס ביי זיך, זיינען זיי אוועק און האבען ארויס־גענומען א וואראנט און ארעסטירט דעם טשערמאן פון דער עקזעקוטיוו באארד פאר „פאלס אימפריזאנמענט“. אויך האט סעם קאהן אנגעקלאגט די יוניאן אויף צעהן טויזענד דאלאר שאדען־ערזאץ.

הקיצור, עס האט גענומען איינינע וואכען, ביז די אנגע־לעגענהייט איז געסעטעלט געווארען דערמיט, וואס די יוניאן האט זיי בעצאהלט זייערע ווידזשעס ביז צום ענדע פון זייער טערמין און זיי האבען געלאזען פאלען די קלאגע פאר שאדען־ערזאץ.

די „וועלוועט דעלעגאטען“ ווערען סקעבס.

נאכדעם ווי די יוניאן האט זיי בעצאהלט פאר דער גאנ־צער צייט ווידזשעס, האט צווישען די קלאוקמאכער געהערשט א שטארקע פערביטערונג געגען די וועלוועט־דעלעגאטען, און וועגען ארויפגעהן אין א שאפ ארבייטען איז קיין ריידע ניט געווען, ווייל קלאוקמאכער, יוניאן מאן אדער ניט קיין יוניאן־מאן, וואלט מיט זיי ניט געארבייט צוזאמען. און דער איינ־ציגער וועג וואס איז פאר זיי פערבליבען אום צו מאכען א לע־בען, איז געווען צו ווערען אויטסייד־קאנטראקטארס.

אלע פיער „וועלוועט דעלעגאטען: זילבערמאן, בילאפסקי, ראזענטהאל און סעם קאהן האבען געעפענט אן אויטסייד־שאפ, און טראץ דעם וואס זיי האבען געסעטעלט מיט דער יוניאן און ארויסגענומען ארבייט נאר פון יוניאן־שעפער, איז דאך אנגע־גאנגען געגען זיי א שטילער באיקאט; קיין ארבייטער האט צו זיי ניט געוואלט געהן ארבייטען און, ווי עס ווייזט אויס, האבען זיי אלס קאנטראקטארס ניט געקענט מאכען קיין לעבען.

אין אנפאנג פון 1899 האבען אויסגעבראכען סטרייקס ביי די עמפייר קלאוק קאמפאניע און ביי איינדיג און בערג (די

יעצטיגע מאקס שווארץ פירמע). דיעזע צוויי מאנופעקטשור־רערס האבען זיך פארגענומען צו צוברעכען די יוניאן, און פלוצ־לונג דערוויסען מיר זיך, אז די פיער „וועלוועט דעלעגאטען" זיינען ארויף סקעבען צו אינדינג און בערג, און אויסער צו זיין סקעבס אליין, זיינען זיי אויך ארומגעגאנגען אין די איטאליע־נישע הייזער און האבען ערקלעהרט, אז דער סטרייק איז שוין פאראיבער, ווייל זיי, אלס געוועזענע וואקינג דעלעגאטען, אר־בייטען דאך אויך, און די איטאליענישע סטרייקערס האבען זיך געלאזט פערפיהרען און זיינען ארויף סקעבען.

טראץ אלע אנשטרענגונגען פון די סטרייקערס און פון דער יוניאן, האט דער סטרייק אנגעהאלטען דעם גאנצען ספרינג־סיזאן, ביז ער איז ענדליך פערלארען געגאנגען.

XVII

די ערשטע אינדזשאנקשאנס

נאך דעם ווי די סטרייקס ביי די עמפייער און הינדיג און בערג זיינען פערלארען געגאנגען דורך דער הילפע פון די „וועל־וועט דעלעגאטען", האט די יוניאן אנגעפאנגען זינקען. אלע אנשטרענגונגען פון די יוניאן־פיהרער דעם טרייד צוריק צו ארגאניזירען זיינען געוועזען כמעט ווי ארוסגעווארפען. עס פלעגט זאגאר געלינגען פון צייט צו צייט צו ארגאניזירען א פאר שעפער, נאר די אלגעמיינע גרויסע מאסע איז ענטוישט גע־ווארען און האט ניט געוואלט קומען אין דער יוניאן, ווייל אין אפיס ארייננצוקומען איז געוועזען ערגער ווי אין א קרעטשמע. אלע קלאוקמאכער־טרעמפס, וועלכע ארבייטען קיינמאל ניט, אויסער ווען עס מאכט זיך א שטיקעל סטרייקעל, זיינען ארומ־געלעגען אין אפיס און קיין אנשטענדיגער מענש האט מיט זיי קיין פערבינדונג ניט געוואלט האבען.

גראדע אין דער זעלבער צייט האט פאסירט נאך א פאל, וואס האט דער יוניאן קיין גרויס כבוד ניט פערשאפט. די געשיכטע איז געוועזען די פאלגענדע: דעו שניידער־לאקאל, וועל־

כער איז דאמאלסט געווען ברענטש 2 פון די „יונייטעד בראָ־דערהוד אוו קלאוקמייקערס", האט געהאט א פינאנס־סעקרעטער א געוויסען דאמבראָוו. ער איז טאקע געווען א שעהנער שריי־בער און דערפאר האבען די שניידערס איהם געגליכען, נאָר פיעלע פון אונזערע לייטע האבען איהם חושד געווען אין אונ־עהרליכקייט. זיין האנדלונג און בענעהמונג איז ניט געווען ווי פון אן עהרליכען מענשען. און וואס ווייטער מיר זיינען מיט איהם געקומען אין פערבינדונג, אלץ שטארקער איז געוואָרען אונזער פערדאכט.

מיר האבען אלע געוואוסט, אז ער ארבייט אין א שאפ אלס א פינישער און זיינע פערדיענסטען זיינען ניט קיין גרויסע. ווי ערשטוינט זיינען מיר דעריבער געוואָרען, ווען מיר האבען זיך דערוואוסט, אז ער האט זיך פערגונען דעם לוקסוס צו האָ־בען אין הויז א סייף! אום צו האבען א סייף מוז מען דאך וואהרשיינליך האבען געלד אדער דזשועלרי אהין ארייצולעגען, און עס פערשטעהט זיך, אז א פינישער קען ניט האבען אזוי פיעל געלד אדער דזשועלרי ער זאל זיך נויטיגען אין א סייף ביי זיך אין הויז.

צווייטענס האט דער שניידער־לאָקאל אימער ערוועהלט איינע און די זעלבע קאָמיטעס צו אונטערזוכען די פינאנסען פון סעקרעטער, און די גרעסטע צאָהל פון די קאָמיטע־לייט האבען ניט געקענט שרייבען און לעזען, און ביי אזעלכע קאָ־מיטעס האבען נאטירליך די פינאנסען געשטימט צום סענט.

דיעזע און נאָך אנדערע פעלע האט דער דזשאָינט באָארד געמאכט צום דענקען, אז מיט די פינאנסען איז ביי סעקרעטער דאמבראָוו עפעס ניט זעהר פרעהליך. די דזשאָינט באָארד האט ערוועהלט א קאָמיטע אונטערצוזוכען די פינאנסען פון אלע ברענטשעס, און דער רעזולטאט איז געווען אז ביי די אפריי־טאָרס און פרעסערס האבען די פינאנסען געשטימט, נאָר ווען מען האט זיך גענומען צו די שניידערשע ביכער, האט מען גע־פונען גרויסע צרות. די קאָמיטע האט אויסגעפונען, אז דער סעקרעטער דאמבראָוו האט הונדערטע דאלארס איינגאהמע ניט

אריינגעטראָגען אין די קעש־ביכער און פּאַלגליך איז די געלד געבליבען ביי איהם. אויך איז אויסגעפונען געוואָרען, אז אַ פּאָר נייע מיטגליעדער, וואָס זיינען אריינגעקומען אין דער יוני־יאָן דורך דער צייט פון הינדיג און בערגס סטרייק און וועלכע האָבען איינגעצאָהלט צו פינף דאָלארדיגע, זיינען פערשריעבען געווען אלס דובליקייטס, פאר וועלכע דער סעקרעטער האָט אין די ביכער פערשריעבען בלויז צעהן סענטיגע.

ווען אונזער קאָמיטע האָט דעם סעקרעטער אָנגעצייגט די פאַקטען, האָט ער געענטפּערט ווי יענער קאָזאַק, ווען מען האָט איהם געכאַפּט מיט דער גנבה: „טוואָיאַ, טאַק בערי סעביע“ (איז עס דיינע, טאָ נעהם זיך עס). „איהר האָט דאָך מיינע סעקיוריטי פון הונדערט דאָלאַר, טאָ נעהמט זיך עס“, — איז געווען זיין ענטפער.

נאָכדעם ווי מיר זיינען געקומען צום שניידער־לאָקאַל און פאָרגעלייגט וואָס מיר האָבען אויסגעפונען, האָט זיך אוועקגע־שטעלט אַ מיטגליעד פון זייער יוניאָן, אַ געוויסער ווייס, און האָט דער קאָמיטע בעשימפּפט און בעליידיגט. „מיר קענען אייך ווער איהר זייט“, האָט ער געזאָגט, „איהר זייט עפּעס שניידער? איהר זייט דאָך קאָלומבוסעס שניידער, און מיינט ניט, אז איהר וועט אונז פערדרעהען אַ קאָפּ; מיר ווייסען, אז איהר זיינט אונז מקנה וואָס מיר האָבען אַ גוטען סעקרעטער, דערפאר ווילט איהר פון איהם פּטור ווערען. מיר זיינען שניי־דערס בני שניידערס און אונז וועט איהר קיין קאָפּ דאָ ניט פערדרעהען!...“

אַלע איבעריגע שניידערס זיינען מיט איהם געווען איינ־פערשטאַנדען, אז זייער סעקרעטער איז אַ פיינער מאַן.

די דזשאָינט באָארד האָט דאַמאָלסט גענומען אַן עקספּערט בוק־קיפּער און די ביכער פון שניידער־לאָקאַל זיינען נאָך אַ מאָל אונטערזוכט געוואָרען און די זעלבע רעזולטאַטען האָבען זיך ארויסגעצייגט.

דער סעקרעטער דאָמבראָוו, וויסענדיג אז זאָגאר נאָך יעצט האָט ער אַ גרויסען טשאַנס ווייטער צו פערבלייבען סעקרעטער,

האט זיך פאר דעם מיטינג פון דער דזשאינט באארד געזעהן מיט איינינע דעלעגאטען פון דער דזשאינט באארד און האט זיי פערשפראכען צו 25 דאלאר, אויב זיי וועלען איהם רייני־וואשען, ער זאל ווייטער קענען פערבלייבען סעקרעטער, און אלס א דעפאזיט האט ער זיי געגעבען צו פינף דאלאר יעדען.

ווען דער רעפארט פון דער קאמיטע איבער די פינאנסען האט געדארפט פערהאנדעלט ווערען ביי דער דזשאינט באארד, האבען צום מיטינג אריינגעמארשירט דריי דעלעגאטען מיט די נעמען איזראעל סאלאמאן, א פרעסער; פיליפ לייזער, א פרע־סער, און א געוויסער פריץ גאלדשטיין, א שניידער, און אין זייערע העטס האבען געשטעקט פינף דאלאר בילס. נאכדעם ווי מען האט זיי אויסגעפרעגט די אורזאכע פון די פינף דאלאר בילס אין זייערע העטס, האבען זיי ערקלעהרט אין געגענווארט פון דאמבראוו'ען, אז ער האט עס זיי געגעבען אלס דעפאזיט זיי זאלען איהם ריינוואשען פון דער קלאגע.

דער סעקרעטער איז נאטירליך געפונען געווארען שולדיג און מען האט איהם ארויסגעווארפען.

אין דער זעלבער צייט, ווען דאמבראוו איז געווען סעק־רעטער, איז אויך געווען אין שניידער־לאקאל א טרעזשורער, וואס האט בלויז געקענט איבערלעזען א ציפער, און ווי עס ווייזט אוים האט דער סעקרעטער איהם אויך בעשווינדעלט. ווען דער טרעזשורער פלעגט ביים סעקרעטער נעהמען געלד, פלעגט ער איהם סיינען א רעסיט, וואו די סומע געלד איז בלויז אויפגעשריבען געווען אין ציפערען און נאכהער האט דער סעקרעטער צוגעשריבען א גרעסערע סומע אין ווערטער און צו די ציפערען צוגעשטעלט נאך א ציפער און די סומע איז שוין געווען א סך גרעסער, און די איבעריגע געלד האט דער סעק־רעטער ארונטערגעלאזען צו זיך אין פאקעט. דאדורך איז אויס־געקומען, אז דער טרעזשורער איז דער יוניאן שולדיג געווען א סך מעהר געלד, וויפיעל ער האט געהאט. די יוניאן האט די אנגעלעגענהייט איבערגעגעבען צו לאיער הורוויץ, ער זאל די זאך אויספארשען און נעהמען שריטע. הורוויץ האט דעם טרע־

זשורער ארעסטירט און איהם געשטעלט אונטער צוויי טויזענד דאָלאַר בייל.

א לאַנגע צייט האָט געדויערט און די קאָורט האָט דעסיי־דעט, אז די קלאַגע געגען טרעזשורער קען נאָר זיין א סיווילע, ניט קיין קרימינעלע. די יוניאָן האָט דאַן דעם טרעזשורער פערקלאַגט סיוויל פאַר דער סומע, וואָס האָט געפעהלט. א צייט שפּעטער, ווען דער טרייעל האָט שוין געדאַרפט פאָרקו־מען, האָבען מיר זיך דערוואוסט, אז א שניידער, א געוויסער ארזעכאָוויטש, וועלכער פלעגט אָפט זיין אין די קאָמיטעס צו אונטערזוכען די פינאַנסען פון שניידער־לאָקאַל, האָט דעם טרע־זשורער פערקויפט פאַר פופציג דאָלאַר א באַנדעל אויסגעצאָהל־טע רעסיטס שוין פון א צייט פריהער, נאָר וועלכע זיינען פון דער פינאַנס־קאָמיטע ניט געקענסעלט געוואָרען. דער טרע־זשורער האָט אַלזאָ יעצט געקענט קליימען, אז ער האָט אויסגע־צאָהלט אויף דיעזע רעסיטס מיט די געלד, וואָס פעהלט איהם.

איידער ארויינצוקריכען אין אזא מיש־מאַש האָט די דזשאָינט באָארד בעשלאָסען די קייסעס צו לאָזען פאַלען, און מיר האָבען נאָך דערצו בעצאָהלט 7 דאָלאַר קאָורט־עקספּענסעס, אבי פטור צו ווערען פון די קאָורטס.

אַזעלכע פּאַסירונגען זיינען קיינמאָל ניט שטאַרק געזונד פאַר א יוניאָן, בפרט נאָך ווען די יוניאָן איז שוואַך געווען דורך די פערלאָרענע סטרייקס און עס איז געגאַנגען פון שלעכט צו ערגער.

די דזשאָינט באָארד דעלעגאַטען צוזאַמען מיט די איבער־געבענע מיטגליעדער זיינען געקומען צום שלום, אז די ערשטע זאַך, וואָס עס מוז געטהאָן ווערען די יוניאָן צו רעטען, איז אָב־צושאַפען די ארומליעגער אין אָפיס, כדי די מיטגליעדער זאָלען זיך פיהלען מעהר רעספּעקטירט, ווען זיי קומען אריין אין א יוניאָן־אָפיס, און צו דיעזען צוועק האָט מען דעם יוניאָן־אָפיס געמופט פון ריווינגטאָן סטריט נאָך דער 8טער סטריט, ערשטע עוועניו, און די פאַרשיאַנס זיינען אזוי איינגעפיקסט געוואָ־רען, אז עס זאָל ניט זיין קיין פיעל פּלאַץ פאַר די ליידיג־געהער

ארומצוליגען. עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען, אז וואו דאָס „פאָלק" דאַרף אַריינקומען, זאָל ניט זיין קיין בענק אָדער טשערס אום די יוניאָן־טרעמפּס זאָלען אין אָפיס ניט קענען שלאָפען. מען האָט אָנגעשטעלט ברודער גייער אַלס דזשענעראַל סעק־רעטער, מיט אינסטרוקציאָנען, אז ער זאָל זעהן, אז דער אָפיס זאָל זיין אַנשטענדיג.

די ערשטע צייט פון גייער'ס אַדמיניסטריישאָן איז געווען גרויסע צרות. פיעלע געוועזענע יוניאָן לייטע, וואָס זיינען גע־וואָרען שכורים און גלאַט שלעגערס, האָבען ניט געוואָלט ליידען, וואָס דער אָפיס איז פאַר זיי פערשלאָסען, און א פּאָר מאָל זיינען געמאַכט געוואָרען פערזוכען גייער'ען צו שלאָגען און מיר האָבען איהם געמוזט א פּאָר וואָכען נאָכאַנאַנד אָבפיהרען אהיים מיט א שטאַרקער קאָמיטע. נאָר עס האָט זיך לאַנגזאַם איינגעשטילט און מיר זיינען פּטור געוואָרען פון די טרעמפּס.

אונטער גייער'ס אַדמיניסטריישאָן האָט די יוניאָן אָנגע־פאַנגען א ביסעל צו וואַקסען, נאָר ניט זעהר שטאַרק. מען האָט געטרייעט ווידער צו רעאָרגאַניזירען די אַרבייטער פון הינדיג און בערג, נאָר דאָרטען האָט גלייך ווידער אויסגעבראָכען א סטרייק און טראָץ דעם, וואָס די „וועלוועט דעלעגאַטען" האָ־בען אונז פערשפּראָכען ניט צו סקעבען, זיינען זיי דאָך גע־בליבען סקעבען.

צו דער זעלבער צייט האָט אויך אויסגעבראָכען א סטרייק ביי דער פירמע באַנוויט און ליוויי, און דיביידע פירמעס האָ־בען זיך פעראייניגט און אַרויסגענומען אַן אינדזשאָנקשאָן געגען די סטרייקערס, פערבאָטענדיג זיי צו פּיקעטען די שעפּער, און טראָץ דעם וואָס געגאָסע מאיר לאָנדאָן האָט מיט צוויי וואָכען שפּעטער אין קאָורט אויסגעפיית, אז דער אינדזשאַנקשאָן זאָל אַרונטערגענומען ווערען, האָט עס דאָך דורך די צוויי וואָכען דעמאָראַליזירט די סטרייקערס און די סטרייקס זיינען פערלאָ־רען געגאַנגען.

דיעזער אינדזשאָנקשאָן איז געווען דער ערשטער, וואָס איז אָנגעווענדעט געוואָרען אין סטרייקס צו בעקעמפּפען אידישע

ארבייטער, און יעדער סטרייקער האָט געדענקט, אַז אַזוי שנעל ווי ער געהט אַרוים פּיקעטען אָדער ריידען צו סקעבס, וועט ער אויפגעהאַנגען ווערען. ביי אַלעמען זיינען די הענד אַראָפּגעפאַלען עטוואָס צו טהאָן און די דעמאָראַליזאַציאָן איז דורכדעם געוואָרען נאָך שטאַרקער.

XVIII

די אָרגאַניזירונג פון דער אינטערנייישאָנאַל לײדיעס גאַרמענט וואָירקערס.

זייט די קלאָוקמאַכער יוניאָן איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון די יונייטעד גאַרמענט וואָירקערס אין אָנפאַנג פון 1895, נאָכ'ן גרויסען פערלאָרענעם דזשענעראַל סטרייק, איז זי די גאַנצע צייט געשטאַנען אינדעפּענדענט. מיר האָבען זעלבסטשטענדיג אָנגעפיהרט אונזערע סטרייקס, ערהונגען זיעגע, ערליטען ניעדערלאַגען, אַלעס אָהן דער אריינמישונג פון אַנדערע אָרגאַניזירטע ארבייטער.

מיר זיינען געשטאַנען אין פריינדליכע בעציהונגען צו דער אַלגעמיינער ארבייטער בעוועגונג, נאָר מיר האָבען פּשוט ניט געפיהלט די נויטווענדיגקייט צו זיין פערבונדען מיט יוניאָנס פון אַנדערע שטעדט. אָבער ווען די מאַנופעקטשורערס האָבען שוין אָנגעפאַנגען צו בענוצען זיך מיט אינדזשאָנקשאָנס, אַלס א מיטעל צו ברעכען אונזערע סטרייקס, ווי די קאַפּיטאַליסטען טהוען עס מיט אַנדערע אַמעריקאַנישע יוניאָנס, דאַן האָבען מיר אָנגעפאַנגען פיהלען, אַז אונזער פּלאַץ איז צווישען אַלע אַנדערע אָרגאַניזירטע אַרבייטער. אויך האָט זיך דאַן שטאַרק געפיהלט די נויטווענדיגקייט צו האָבען א העכערע קערפּערשאַפט איבער אונז, וועלכע זאָל קענען אויפּפּאַסען אויף אונזערע פיהרונגען און זאָגען מאַנכעס מאָל א דעה איבער אונזערע פינאַנציעלע פערוואַלטונגען, און ביי אונז איז געבליבען צו פעראייניגען אַלע אינדעפּענדענט קלאָוקמאַכער יוניאָנס, וואָס

האבען זיך געפונען אין פערשיעדענע שטעדט, אין איין גרויסען קלאָוקמאַכער פערבאַנד איבער'ן לאַנד.

מיר האָבען אָנגעפאַנגען זיך צו קאָרעספּאָנדירען מיט איינינע קלאָוקמאַכער יוניאָנס איבער'ן לאַנד, ביז עס איז ענד־ליך איינגערופען געוואָרען די ערשטע קאָנווענשאָן דעם 3טען דזשון, 1900 אין ניו יאָרק. דער צוועק פון דער קאָנווענשאָן איז געווען צו גרינדען א פערבאַנד פון קלאָוקמאַכער יוניאָנס איבער'ן גאַנצען לאַנד.

די ערשטע קאָנווענשאָן איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין דעם אַלטען לייבאָר לייסעאום, 64 איסט 4טע סטריט. עס זיינען געקומען פערטרעטער פון זיעבען יוניאָנס פון ניו יאָרק, פילאַדעלפיא, באַלטימאָר, נוארק און בראָנזוויל.

יאָזעף באַראָנדעס און הערמאַן ראָבינסאָן, אָרגאַנייזער פון דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר, האָבען די קאָנ־ווענשאָן ערעפענט און ערקלעהרט די נויטווענדיגקייט און אויך די נוצען פון זיין פעראייניגט מיט אַלע אָרגאַניזירטע ארביי־טער פון לאַנד און ספּעציעל צו האָבען א פעראייניגונג פון אַלע יוניאָנס אין קלאָוק־טרייד איבער'ן לאַנד.

אַלע אַנוועזענדע דעלעגאַטען האָבען זיך אויסגעשפּראָכען, אַז זייערע יוניאָנס האָבען זיי אינסטראָקטעט צו שטימען פאַר די אָרגאַניזירונג פון אַן אינטערנאַציאָנאַלע יוניאָן. ביי דיע־זער קאָנווענשאָן איז אויך בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען א פערבאַנד, וועלכער זאָל אריינגעהמען אַלע ארבייטער פון ליי־דיעס גאַרמענט טרייד, ניט בלויז די קלאָוקמאַכער יוניאָנס.

עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען זיך אָנצושליסען אָן דער אַמעריקען פעדערײשאָן אָוו לייבאָר אַלס אַן אינטערנאַ־ציאָנאַלע קערפּערשאַפט.

ביי דער קאָנווענשאָן איז בעשטימט געוואָרען, אַז די אינ־טערנײשאָנאַל יוניאָן זאָל דרוקען דיוס־סטעמפּס און עס פער־קויפען צו די לאָקאַל־יוניאָנס פאַר 1 סענט א סטעמפּ, און דיעזע סטעמפּס זאָלען די לאָקאַלס נוצען אַלס צייכענס פאַר די ווע־כענטליכע אָבצאָהלונגען. עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען,

אז יעדע פערטראַטענע יוניאָן זאָל גלייך איינצאָהלען צו צעהן דאָלאר אין פאָראוים, אום צו מאכען מעגליך אָנצופאנגען די ארבייט.

ברודער הערמאַן גראָסמאַן איז ערוועהלט געוואָרען אַלס דער ערשטער פרעזידענט און ברודער בערנארד בריעף אַלס ערשטער סעקרעטער.

די ניו יאָרקער קלאָוקמאכער יוניאָן האָט ערלויבט דער ניי-געגרינדעטער אינטערנעיישאָנאל יוניאָן צו געברויכען איהר אָפיס אויף אָנצופיהרען איהרע געשעפטען און ברודער בריעף, דער ערוועהלטער סעקרעטער, האָט אויסער דעם וואָס ער האָט אָנגענומען צו טענדען זיין אמט אונענטגעלטליך, אויך געשאָנקען דער נייער אינטערנעיישאָנאל א סעט ביכער, וועלכע זיינען געווען נויטיג אויף אָנצופיהרען די ארבייט.

נאָכדעם ווי די ניו יאָרקער קלאָוקמאכער האָבען פעראַנשטאַלטעט א באַנקעט לכבוד די דעלעגאַטען, האָט די קאָנווענשאָן זיך געשלאָסען אונטער גרויס ענטהוזיאַזמוס.

דעם ערשטען דזשולי פון דעם זעלבען יאָהר האָט די ניי-געגרינדעטע „אינטערנעיישאָנאל לידיעס גארמענט וואירקערס יוניאָן" אָבגעהאַלטען איהר ערשטען עקזעקוטיוו מיטינג אין פילאַדעלפיא, וואו הערמאַן ראָבינסאָן, דער דזשענעראל אָרגאַנייזער פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, האָט אונזער אינטערנעיישאָנאל יוניאָן איבערגעגעבען דעם טשארטער און אינסטאָלירט די אָפיסערס.

די ערשטע דזשענעראל עקזעקוטיוו קאָמיטע איז בעשטאַנען פון די פאָלגענדע מיטגליעדער: הערמאַן גראָסמאַן, פרעזידענט, ניו יאָרק; ב. בריעף, סעקרעטערי-טרעזשורער, ניו יאָרק; סאלאט, שווייגער און שווארץ, פון פילאַדעלפיא; זילבערמאַן, פון באַלטימאָר, און לייבאָוויטש, פון נוארק, נ. דזש.

ביי דיעזען מיטינג איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצונעהמען א לייבעל און אויך ארויסצוגעבען א טרייד דזשורנאל. עס איז אויך בעריכטעט געוואָרען, אז אין די הענד פון טרעזשורער געפינט זיך שוין די סומע פון $26.50. ביי דיעזען עקזע-

קוטיוו מיטינג איז געלעגט געוואָרען דער ערשטער גרונד־שטיין פאַר דער יעצטיגער מעכטיגער אינטערנײשאַנאַל לײדיעס גאַר־מענט וואָירקערס יוניאָן.

א קורצע צייט נאָך אונזער אינסטאָליישאָן אין דער אַמע־ריקען פעדערײשאָן אָוו לײבאָר האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן אונזער אינטערנײשאָנאַל יוניאָן די קלאָוקמייקער יוניאָן פון שיקאַגאָ, אַלס לאָקאַל 6, די פילאַדעלפיער סקוירט מייקערס, אַלס לאָקאַל 7, און די סט. פראַנציסקאָ'ר קלאָוקמייקערס, אַלס לאָקאַל 8.

* * *

ביז דער צווייטער קאָנווענשאָן, וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין פילאַדעלפיא דעם ערשטען מאָנטאַג אין דזשון 1901, האָט שוין אונזער אינטערנײשאַנאַל געצעהלט 18 לאָ־קאַל יוניאָנס, פון וועלכע די יעצטיגע לײדיעס וויסט מייקערס יוניאָן לאָקאַל 25 איז דאַמאָלסט געווען לאָקאַל 12.

ביי דעם דזשענעראַל עקזעקוטיוו מיטינג, וואָס איז אָב־געהאַלטען געוואָרען אין ניו יאָרק דעם 6טען אָקטאָבער, איז בעריכטעט געוואָרען פון עקזעקוטיוו מעמבער ראָזענבערג, אז לאָקאַל 1, וועלכער איז דאַמאָלסט געווען צוזאַמענגעשטעלט פון די קלאָוק־אָפּערייטאָרס, שניידערס און סקוירט־מייקערס, האָט אין די לעצטע 4 מאָנאַטען געהאַט 83 סטרייקס, פון וועלכע 66 זיינען געוואונען געוואָרען און 17 זיינען פערלאָרען געגאַנ־גען. אויך האָבען זיי בעריכטעט, אז זיי האָבען ארויפגעלעגט א באָיקאָט אויף צוויי קלאָוק־פירמעס, — בלאונער בראָס. און לאירד און באָמוויט, — און דער לאָקאַל האָט פערלאַנגט דעם אינדאָרסמענט פון דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, וועל־כעס איז אויך געגעבען געוואָרען.

אין אַלגעמיין איז נאָך די אינטערנײשאָנאַל ניט געװען שטאַרק גענוג צו האָבען וועלכע עס איז ווירקונג איבער איהרע לאָקאַלס און אָנצופיהרען סטרייקס. יעדער לאָקאַל האָט גע־טהאָן פאַר זיך וואָס ער האָט פערשטאַנען, אז עס וועט ברענגען נוצען. די איינציגע זאַך, וואָס די אינטערנײשאָנאַל האָט אין

איהר קורצער עקזיסטענץ דורכגעפיהרט, איז געווען אויפצו־פאסען אויף די ריכטיגע פיהרונג פון די פינאנסען אין די לאָ־קאלס, און דאדורך האָבען די מאסען געקראגען מעהר צוטרויען צו זייערע יוניאָנס ווי פריהער און די קלאָוקמאכער יוניאָן האָט אָנגעפאנגען לאנגזאם אָבער זיכער צו ווערען א דויערהאפטע יוניאָן.

אין דזשון 1902 איז די דריטע קאָנווענשאָן פון דער אינ־טערנייִשאָנאל לײדיעס גארמענט וואָירקערס יוניאָן אָבגעהאל־טען געוואָרען אין יוניווערסיטי סעטעלמענט בילדינג, ניו יאָרק. ברודער שלעזינגער איז צום ערשטען מאל געווען א דעלעגאט פון זיין יוניאָן אין שיקאגא, און ברודער מאָריס ליעדער האָט פערטראָטען זיין יוניאָן פון סט. פראנציסקא. קליוולענד, סינ־סינאטי און נאָך אייניגע וועסטערן שטעדט זיינען פערטראָטע געווען דורך דעלעגאטען צו דיעזער קאָנווענשאָן.

ביי דיעזער קאָנווענשאָן האָט זיך ארויסגעצייגט דער האס פון די קינדער געגען זייער פאָטער. די אַלע יוניאָנס אויסער־האלב ניו יאָרק, וועלכע זיינען צוזאַמענגעבראכט געוואָרען אין איין נאציאָנאלען פערבאנד דורך דער ענערגיע און די פינאנ־ציעלע מיטלען פון דער ניו יאָרקער קלאָוקמאכער יוניאָן, האָבען ביי יעדער געלעגענהייט קריטיקירט און געקיבעצט די ניו יאָר־קער קלאָוקמאכער. זיי האָבען געהאלטען אין איין טענה'ן, אז האדורך וואָס ניו יאָרק איז ניט אָרגאניזירט פערפלייצען זיי אַלע שטעדט, וואו קלאָוקמאכער סטרייקען נאָר, מיט סקעבס, און דארום דאַרף מען טאדלען די ניו יאָרקער חברה. טראָץ דעם, וואָס די ניו יאָרקער יוניאָן לייטע האָבען געארבייט מיט אַלע כחות אויפצובויען א יוניאָן און האָבען ביי זיך בעשלאָסען צו אָרגאניזירען די ניו יאָרקער ארבייטער אונטער אַלע אומ־שטענדען, מעג עס זיין ווי שווער; טראָץ דעם, וואָס מיט דער הילפע פון ברודער גייער און נאָך אייניגע אקטיווע מיטגליע־דער פון ניו יאָרק און מיט דער מאָראלער שטיצע פון דער אינ־טערנייִשאָנאל איז געלונגען מעהר אָדער וועניגער צו אָרגא־

ניזירען די ארבייטער, — זיינען דאָך געווען שטאַרקע קיקס אויף די ניו יאָרקער.

אין דער אמת'ען האָבען די פיהרערס פון די ניו יאָרקער יוניאָנס געהאַלטען אין איין אָרגאַניזירען נייע שעפּער, נאָר אַזוי שנעל ווי מען האָט אָנגעפאַנגען אָרגאַניזירען נייע שעפּער, זיי־נען די אַלטע אָרגאַניזירטע שעפּער ארויסגעפאַלען פון דער יוניאָן. אין פיעלע פעלע האָבען די באָסעס ארויסגעוואָרפען די ארבייטער גלייך ווי זיי האָבען נאָר אָנגעפאַנגען זיך צו אָר־גאַניזירען. איין סטרייק נאָך דעם אנדערען האָט אויסגעבראָ־כען און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז כמעט אַלע סטרייקס זיינען פערלאָרען געגאַנגען.

דער איינציגער מיטעל, וואָס אונז איז געבליבען, איז געווען אויפצובויען אַ דויערהאַפטע יוניאָן און צו אַגיטירען פאר'ן יוניאָן־לייבעל. אונזערע ביזנעס אייזשענטס זיינען אינסטרו־אירט געוואָרען צו בעאיינפלוסען די קלאָוק און סקוירט מאַ־נופעקטשורערס אָנצונעהמען דעם יוניאָן־לייבעל. דער רעזול־טאַט איז געווען, אַז אייניגע מאַנופעקטשורערס פון קלאָוק־טרייד האָבען דעם לייבעל אָנגענומען, נאָר דורכדעם וואָס עס איז קיין פערלאַנג ניט געווען פאר לייבעל־געמאַכטע וואַרע, האָט עס קיין גרויסע ווירקונג ניט געקענט האָבען. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט אונזערע יוניאָן־לייטע, וואָס האָבען גע־ארבייט אין די לייבעל־שעפּער, ניט פערשטעהענדיג די אויפ־גאַבע פון דער יוניאָן. מען האָט דאָרטען געהאַלטען אין איין סטרייקען; פאר יעדער קלייניגקייט האָט מען גערופען אַ סטרייק. ווייטער האָבען זיך די שניידערס ענטזאָגט אָנצונעהמען די לייבעלס אויסער ווען די באָסעס וועלען זיי בעצאָהלען פינף סענט פאר יעדען לייבעל אָננעהען, אַ זאַך, וואָס די באָסעס האָבען זיך נאַטירליך ענטזאָגט צו טהאָן, און דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די יוניאָן האָט די לייבעלס צוריקגעצויגען.

אַ צווייטער פערזוך איז אויך געמאַכט געוואָרען צו בעשאַפען אַ פערלאַנג פאר קלאָוקס מיט'ן יוניאָן־לייבעל. אַ פּאָר דוצענד קלאָוקמאַכער האָבען צוזאַמענגעלעגט אַ פּאָר הונדערט

דאָלאַר און געגרינדעט אַ קאָאָפּעראַטיווע סטאָר, וואו קלאָוקס און סוטס זיינען געמאַכט געוואָרען צו אָרדער אונטער ריכטיגע יוניאָן־קאָנדיציאָנען און מיט׳ן יוניאָן־לייבעל. נאָר דער רע־זולטאַט איז געווען, אַז נאָך 6 מאָנאַטען עקזיסטענץ איז די קאָאָפּערעישאָן צו־גרונדע געגאַנגען און די קאָאָפּערייטאָרס האָ־בען פערלאָרען אַרום טויזענד דאָלאַר.

האָבענדיג אָויספּראָבירט אַלע וויכטיגע שאָפּטליכע מיטלען צו אָרגאַניזירען אַ שטאַרקע יוניאָן אין קלאָוק־טרייד, און אַלץ אָהן ערפאָלג, האָבען מיר גענומען אונטערזוכען די אורזאַכען, וואָס מאַכען אונמעגליך אָדער זעהר שווער צו זיין ערפאָלגרייך, און עס האָט זיך אַרויסגעוויעזען, אַז די אורזאַכע איז די סיס־טעם פון אונזער יוניאָן.

אַלע ברענטשעס פון קלאָוק טרייד: אָפּערייטאָרס, פיני־שערס, שניידערס און פרעסערס זיינען צוזאַמען געווען אין 1 יוניאָן, און ווען די אָפּערייטאָרס אין אַ שאָפּ האָבען זיך אָרגאַ־ניזירט און האָבען זייער באַס געשטעלט פאָדערונגען, האָבען זיי עס ניט געקענט טהאָן, אויסער אַז די פינישערס און פרע־סערס זאָלען אויך זיין אָרגאַניזירט. און דאָס איז אין געוויסע פעלע געווען אונמעגליך. די אָפּערייטאָרס זיינען אימער געווען מעהר אָדער ווענינער אָרגאַניזירט אָדער אָרגאַניזאַציאָנס־פעהיג. די פינישערס אָבער האָבען זיך קיינמאָל ניט געוואָלט אָרגאַ־ניזירען, אויסער ווען זיי זיינען געצוואונגען געוואָרען פון די אָפּערייטאָרס דאָס צו טהאָן. און דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט די פּרעסערס.

מיט איינעם וואָרט, די אָפּערייטאָרס, ווען זיי האָבען זיך אָרגאַניזירט, האָבען געפיהלט, אַז זיי נעהמען אויף זיך אַ גאַנצע לאַסט, צו צווינגען די פינישערס און פרעסערס זיך צו אָרגאַ־ניזירען, און דערפאַר זיינען פיעלע אָפּערייטאָרס אָפּגעשטאַנען פון דער יוניאָן, וייל זיין אַ יוניאָן־מאַן האָט איינפאַך געמיינט אַ האַלבען סיזאָן סטרייקען.

דערפאַר זיינען די אָפּערייטאָרס געקומען צום שלוס, אַז עס וואָלט ווינשענסווערטה געווען, אַז די אָפּערייטאָרס און פי־

נישערס זאָלען זיין צוטהיילט אין צוויי בעזונדערע לאָקאַל־יוניאָנס און יעדער לאָקאַל זאָל פאַר זיך טהאָן זיין אָרגאַניזי־רונגס־ארבייט, און ווען אין א שאָפּ וועלען די אָפּערייטאָרס זיין אָרגאַניזירט און די פינישערס אָדער פּרעסערס וועלען זיך ניט וועלען אָרגאַניזירען, זאָלען די אָפּערייטאָרס דאָך ארויס־שטעלען פאָדערונגען פאַר זיך אליין.

דיעזער סיסטעם האָט א ביסעל לייכטער געמאַכט די אָר־גאַניזאַציאָנס־ארבייט און ביז צו א געוויסען גראַד האָט עס גע־האַט א גוטע ווירקונג אויף די אָרגאַניזירונג פון די אַנדערע ברענטשעס אין קלאָוק־טרייד.

XIX

די אָפּטהיילונג פון דער אָפּערייטאָרס יוניאָן אַלס בעזונדער לאָקאַל ביי דער 3טער קאָנווענשאָן אין 1903

ווי מיר האָבען שוין אין די פאָריגע ארטיקלען געשריעבען, איז אָנגעגאַנגען א געוואַלדיגע אונצופריעדענהייט ביי די אָפּ־פּערייטאָרס געגען דער אָרגאַניזאַציאָנס־סיסטעם, וואָס האָט עק־זיסטירט אין דער יונייטעד בראָדערהוד אָוו קלאָוקמייקערס אָוו ניו יאָרק. די אָפּערייטאָרס האָבען גע'טענה'ט, אז צוליעב דעם, וואָס זיי זיינען צוזאַמען מיט די שניידערס אין איין לאָקאַל, פערלאָזען זיך די שניידערס אויף די אָפּערייטאָרס, אז זיי, ד. ה. די אָפּערייטאָרס, זאָלען אויפהאַלטען די יוניאָן; זיי זאָלען אויס־קעמפּפען העכערע ווייזשעס און בעסערע קאָנדישאָנס. און נאָכדעם ווי די אָפּערייטאָרס וועלען עס האָבען אויסגעקעמפּפט, וועלען זיי, די שניידערס, אויך קומען און פערלאַנגען א טהייל פון די פרוכטען.

די אָפּערייטאָרס האָט ניט פערדראָסען וואָרום די שניידער וועלען אויך פּראָפיטירען דורך דער יוניאָן. עס האָט זיי אָבער געערגערט, וואָס ביי נעהמען העכערע פּרייזען זיינען זיי פאָראַן, אָבער אָנשליסען זיך אָן דער יוניאָן האָבען זיי ניט געוואָלט. לויט די יוניאָן־רולס האָבען די אָפּערייטאָרס געמוזט סטריי־

קען צו צווינגען די שניידער און פרעסער צו בעלאנגען צו דער יוניאָן. און דאָס האָט די אַפּרייטאָרס זעהר שווער געמאַכט צו זיין יוניאָן־לייטע. נאָר געה שריי: חי וקים! אַזוי לאַנג ווי מיר זיינען איין לאָקאַל קען מען זיך ניט העלפען. דער איינציגער וועג ווי צו קריגען אַ בעזונדערען טשאַרטער, איז געווען צו פאָדערען דאָס ביי אַ קאָנווענשאָן.

אַלס דעלעגאַטען צו דער דריטער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנייִשאָנאַל ליידיעס גארמענט וואָירקערס יוניאָן, וואָס איז אָבגעהאַלטען געוואָרען אין קליוולענד אין יאָהר 1903, האָבען די אַפּרייטאָרס אויסגעקליבען זייערע בעסטע מיטגליע־דער, צווישען וועלכע עס איז אויך געווען יאָזעף באַראָנדעס, וועלכער איז געווען אַן עהרען־מיטגליעד פון דער אַפּרייטאָרס־יוניאָן. די דעלעגאַטען האָבען געהאַט די אויפגאַבע דורכצו־פיהרען, אַז די אַפּרייטאָרס זאָלען קריגען אַ בעזונדער טשאַרטער אויף אַ בעזונדער לאָקאַל פאַר זיך, וועלכער זאָל זיין בערעכ־טיגט צו טהאָן די אָרגאַניזירונגס־אַרבייט אויף זיין אייגענעם שטייגער; אָנפיהרען סטרייקס און מאַכען סעטעלמענטס פאַר זיינע מיטגליעדער א. ז. וו., ווען די שניידערס אָדער פרעסערס וועלען זיך ניט וועלען אָרגאַניזירען.

ווען אַלע דעלעגאַטען צו דיעזער קאָנווענשאָן וואָלטען ניט בעטראַכט די ניו יאָרקער ליעדערס אַלס די אונפעהיגסטע און אונעהרליכסטע מענשען אין קלאָוק־טרייד, וואָלט דער גאַנצער פערלאַנג פון די אַפּרייטאָרס אָנגענומען געוואָרען. ליידער האָבען די קאָנטרי־דעלעגאַטען די ניו יאָרקער ניט פערשטאַנען און האָבען אונז פערדעכטיגט, אַז מיר מיינען צו שעדיגען די אַרבייטער־בעוועגונג. דערפאַר האָבען זיי בעשלאָסען צו בע־וויליגען בלויז איין העלפט פון אונזער פערלאַנג, נעמליך: צו האָבען אַ בעזונדער טשאַרטער. די צווייטע העלפט פון דעם פערלאַנג, אַז זיי זאָלען האָבען דאָס רעכט אַליין אָנצופיהרען סטרייקס און סעטעלמענטס איז ניט אָנגענומען געוואָרען. די אַפּרייטאָר־דעלעגאַטען זיינען אפילו געווען שטאַרק אונצופריע־דען, נאָר וואָס האָבען זיי זיך געקענט העלפען? זיי זיינען פון

אלע איבעריגע דעלעגאטען בעטראכט געווארען אלס פעררע־מהער.

ביי דיזער קאנווענשאן האבען די קאנטרי־דעלעגאטען בעקעמפפט די ניו יארקער אויף אלע ווענען. הערמאן גראס־מאן, א מעמבער פון דער קלאוק־אפרייטארס יוניאן פון ניו יארק, איז דורכגעפאלען אלס פרעזידענט און ברודער שלעזינ־גער, א מעמבער פון לאקאל 6 פון שיקאגא, איז ערוועהלט געווארען אויף זיין פלאץ.

קומענדיג צוריק פון דער קאנווענשאן האט זיך יעצט פאר אונז אנגעפאנגען די ריכטיגע ארבייט. ניט בענוגענדיג זיך בלויז מיט א בעזונדער טשארטער, נאר ווענדיג באמת אר־גאניזירען דעם טרייד, האבען מיר ניט געקוקט אויף די בע־שליסע פון דער קאנווענשאן און מיר האבען גלייך געפאדערט פון דער שניידער־יוניאן, וועלכע איז געטשארטערט געווארען אלס לאקאל 9 פון דער אינטערניישאנאל, אז רענט פאר'ן אפיס און אנדערע נויטהיגע אויסגאבען זאל געדעקט ווערען פון די אפרייטארס און שניידער־לאקאלס צו גלייכען טהיילען, און די וואס האבען קיין געלד ניט צו צאהלען, זאלען ענטוועדער ערגעץ קריגען געבארגט אדער מאכען זייערע מיטגליעדער צו צאהלען דיוס, און אויב א לאקאל וויל ניט אדער קען ניט צאהלען, זאל ער קיין פארטנער ניט זיין אין אפיס.

די אפרייטארס האבען ניט גערעכענט די שניידער ארוים־צושטויסען פון אפיס, נאר זיי האבען זיי גאנץ איינפאך גע־וואלט לאזען פיהלען, אז זיי מוזען טראגען די לאסט צו דעקען די אייגענע אויסגאבען. פריהער האבען די אפרייטארס גע־צאהלט די גאנצע אפיס אויסגאבען און די שניידער האבען געזאגט דעות.

די אפרייטארס האבען אויך פערלאנגט, אז יעדער לאקאל זאל זיך ערוועהלען זיינע אייגענע ביזנעס־איידזשענטס און דער לאקאל וואס האט קיין געלד ניט צו צאהלען פאר א ביזנעס־איידזשענט, זאל אליין טהאן די ארבייט.

די שניידערס האבען זעלבסטפערשטענדליך דעם פלאן ניט

געגליכען און צווישען די אפרייטארס מיט די שניידערס האט זיך אנגעפאנגען א ברודער־קריעג. עס איז אזוי וויים געקומען, אז די אפרייטארס האבען אינסטרואירט זייער פינאנס־סעק־רעטער, ברודער פריעד, ער זאל אויסצאהלען ניט מעהר ווי א העלפט פון די אפיס־רענט און אנדערע קליינע אויסגאבען, ווי פרינטינג, סטיישאנערי א. ז. וו. ווייטער זאל ער פאר קיין פאל ניט צאהלען דעם ביזנעס־איידזשענט און דעם דזשענעראל סעקרעטער. דער רעזולטאט איז געווען, אז אין א געוויסען שבת האט ברודער קירשענבוים, וועלכער איז דאמאלסט געווען דער ביזנעס־איידזשענט פון דער יוניאן, ארויסגעווארפען די אפרייטארס פון אפיס און טראצדעם וואס די אפיס פארניטשור האט געהערט צו די אפרייטארס גראדע ווי צו די שניידערס, האט מען זיי דאך קיין זאך ניט געגעבען.

די אפרייטארס האבען נאר אויף דעם געווארט. זיי זיי־נען זיך גלייך צוזאמענגעקומען און האבען געדונגען אן אפיס אין קלינטאן סטריט, לעבען ברום סטריט. אין א פאר טעג האבען זיי איינגעשאפט די נויטיגע פארניטשור, ערוועהלט א פראוויזארישען ביזנעס איידזשענט און אנגעפאנגען צו טהאן ארבייט. דער רעזולטאט איז געווען, אז אין א קורצער צייט האבען זיי ארגאניזירט איניגע הונדערט קלאוק־אפרייטארס און האבען געסעטעלט מיט א פאר דוצענד מאנופעקטשורערס.

אין פיעלע שעפער, וואו די שניידער האבען זיך געוואלט ארגאניזירען, האבען מיר זיי געשיקט צו דער שניידער־יוניאן, זיי זאלען פריהער ווערען מעמבערס און נאכהער האבען מיר זיי געהאלפען קריגען גרעסערע וויידזשעס און בעסערע שאפ־קאנדיציאנען.

מיט איינעם ווארט, עס האט געארבייט אויסגעצייכענט, און די אפרייטארס זיינען בעגייסטערט געווען פאר דיעזען ארגאניזאציאנס־פלאן. דער לאקאל האט שוין אין איניגע מאנאטען צייט פערמאגט א פאר הונדערט דאלאר אין די בייק און ארום א טויזענד מעמבערס.

אבער די שניידערס, פון זייער זייט, האבען אויך ניט

געשווינגען. זיי האָבען די אָפּרייטאָרס אָנגעקלאָגט צו דער אינ־טערנייישאָנאַל, און דער אינטערנייישאָנאַל סעקרעטער, ברודער בראָף, ניט קענענדיג אַליין שליכטען די פראַגע, האָט צו זיך גערופען דעם דזשענעראַל אָרגאַנייזער, אַ געוויסען דייוויד, וועלכער האָט זיך געפונען אין באָסטאָן. זיי ביידע האָבען קיין פריעדען ניט געקענט ברענגען. די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען האָט אויך ערוועהלט אַ קאָמיטע צו ברענגען פריעדען. נאָר ווער האָט זיך דאַמאָלסט געקענט רעכענען מיט דער קאָמיטע פון די געווערקשאַפטען? מען האָט זיי גאַנץ איינפאַך געזאָגט, אַז מען הערט זיי ווי דעם פאַר אַ יאָהריגען שנעע און זיי זאָלען זיך בעסער מישען אין זייערע אייגענע אַנגעלעגענהייטען. הכלל, עס איז געווען חושך!

די שניידער האָבען זיך ענדליך געווענדעט צום פּרעזידענט פון דער אינטערנייישאָנאַל, צו ברודער שלעזינגער, און דורכ'ן טעלעפאָן האָבען זיי איהם אַרויסגערופען פון שיקאַגאָ, ער זאָל גלייך קומען סטאָפּען דעם פייט, ווייל ער איז שוין געוואָרען צו ערנסט.

ווען שלעזינגער איז געקומען נאָך ניו יאָרק און האָט בע־זוכט ביידע לאָקאַלס, זיינען ביידע צדדים איינגעגאַנגען, אַז די פאָלגענדע דריי טרייד יוניאָניסטען זאָלען זיין די אַרביטריי־טאָרס: הערמאַן ראָבינסאָן, דער אָרגאַנייזער פון דער אַמע־ריקען פעדערריישאָן אָוו לייבאָר; מאָריס בראַון, פון דער סיגאַר־מאַכער יוניאָן און טיפּאָגראַף, פון דער קעפּ־מייקערס יוניאָן.

דיעזע דרייער קאָמיטע האָט אין אַ פּאָר טעג שפּעטער אַרויסגעגעבען אַן ענטשיידונג, וועלכע ביידע לאָקאַלס האָבען אָנגענומען. די אָפּרייטאָרס האָבען גלייך אויפגעגעבען זייער אָפּיס אין קלינטאָן סטריט און צוריקגעצוגען אין דעם געמיינ־שאַפטליכען אָפיס פון אַלע לאָקאַלס, און פריעדען האָט אָנ־געפאַנגען צו הערשען אין דענמאַרק!

טראָטצדעם וואָס פיעלע האָבען בעטראַכט דעם קאַמפּף צווישען די צוויי לאָקאַלס אַלס אַ פערברעכען, האָט ער דאָך זעהר פיעל נוצען געבראַכט. די שניידערס, פונקט ווי די אָפּ־

רייטאָרס און פּרעסערס, האָבען אָנגעפאַנגען צו פערשטעהן, אַז ווען מען וויל האָבען אַ יוניאָן, טאָר מען זיך ניט פערלאָזען אויף אַ צווייטען לאָקאַל, אַז דורכדעם וואָס דער צווייטער לאָקאַל איז שטאַרק, וועלען שוין די איבעריגע געצוואונגען זיין צו בעלאַנגען צו דער יוניאָן, נאָר מען מוז אַליין אַרבייטען און אָרגאַניזירען אַלעמען בעפאָר מען קען ערוואַרטען וועלכע־ניט־איז רעזולטאַטען. און אויב די אָפּרייטאָרס האָבען בלויז דאָס אַליין דורכגעפיהרט, איז ווערטה געווען דער קאַמפּף, וואָס זיי האָבען געמאַכט פאַר אָבטהיילען זיך!

נאָך דער ווידער־פעראייניגונג פון די לאָקאַלס האָט אַ נייער גייסט אָנגעפאַנגען צו הערשען. איינזעהענדיג, אַז די קלאָוקמאַכער האָבען שטאַרקע יוניאָנס אין שיקאַגאָ, און אין קליוולענד און אַז איינינע קליוולענדער קלאָוק־מאַנופעקטשורערס האָבען אויך אָנגענומען אונזער יוניאָן־לייבעל, האָבען מיר, ניו יאָרקער, אויך ערנסט אָנגעפאַנגען טראַכטען וועגען פּאָלשטענדיג אָרגאַניזירען דעם טרייד.

פיעלע טהעטיגע מיטגליעדער פון דער יוניאָן זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צו אַ קאָנפערענץ צו בעטראַכטען די אורזאַכען, וואָס האָבען ביז יעצט אונמעגליך געמאַכט אויפצוהאַלטען אַ שטאַרקע יוניאָן. אויך האָט זיך געפיהלט, אַז נאָך דעם סיסטעם ווי די פערשיעדענע קלאָוק־מאַכער לאָקאַלס אין ניו יאָרק זיינען צוזאַמענגעשטעלט, איז נויטיג אַ פעראַן, וואָס זאָל קענען אַלע לאָקאַלס צוזאַמענבינדען, אום די אַרבייט זאָל קענען סיסטעמאַטיש אָנגעפיהרט ווערען.

פון אונזערע אייגענע מיטגליעדער האָט מען דאַמאַלסט אַזאַ מאַן ניט געקענט אויסקלייבען, ווייל איין לאָקאַל האָט פערדעכטיגט דעם צווייטען. דעריבער איז ביי דיעזען קאָנפערענץ בעשלאָסען געוואָרען צו קריגען אַ טרייד־יוניאָן מאַן פון אַן אַנדער שטאָדט, צו וועמען אַלע זאָלען האָבען צוטרויען, און איהם אָנשטעלען אַלס מענעדזשער אין דער קלאָוקמאַכער יוניאָן.

די פראַגע איז נאָר געווען: וואו קריגט מען דעם פאַ־

סענדען מאן? די דזשענעראל עקזעקוטיוו באָרד פון דער אינ־טערנייש אָנאל לײדיעס גארמענט װאָירקערס האָט ביי איהר זיצונג אין ניו יאָרק אין דעצעמבער 1903 די פראגע געגוי בעשפראָכען און האָט געפאָדערט, אז פרעזידענט שלעזינגער זאָל אָננעהמען דעם אמט אלס אָרגאַנייזער אָדער מענעדזשער אין ניו יאָרק. די דזשענעראל עקזעקוטיוו באָארד האָט בע־שלאָסען בייצושטייערען א פערטעל פון די סאלארי, וואָס דער מענעדזשער דאַרף קריגען.

ברודער שלעזינגער האָט זיך אָבער ענטזאגט דעם אמט אָנצונעהמען, ערקלעהרענדיג אז ער איז אָנגעשטעלט אלס מע־נעדזשער אין דער שיקאַגאָ׳ר יוניאָן און אז זיין טערמין וועט זיך ענדיגען ערשט אין צעהן מאָנאטען שפּעטער. פון דעם גאנצען פּלאן אָנצושטעלען א מענעדזשער פאר די ניו יאָרקער קלאָוקמאכער יוניאָנס איז דעריבער דאמאלסט גאר ניט גע־וואָרען.

ביי דער קאָנווענשאָן פון דער אינטערנייש אָנאל אין באָס־טאָן אין יוני 1904 איז די פראגע וועגען אָרגאַניזירען ניו יאָרק ווידער פאָרגעקומען און די קאָנווענשאָן האָט אויפגעפאָדערט ברודער שלעזינגער ער זאָל אָננעהמען די שטעלע אלס אָרגאַ־נייזער אין ניו יאָרק. ער האָט פערשפּראָכען וועגען דעם נאָכ־צודענקען. און אזוי ווי ביי דיזער קאָנווענשאָן האָבען די איסטערן דעלעגאַטען בעזיעגט די וועסטערן דעלעגאַטען און דזשיימס מעקקאָילי, פון לאָקאל 10, איז ערוועהלט געוואָרען אלס אינטערנייש אָנאל פּרעזידענט, ווי אויך האָט זיך אין יענער צייט געענדיגט שלעזינגער׳ס טערמין אלס אָרגאַ־נייזער פון דער שיקאַגאָר קלאָוקמאכער יוניאָן, — האָבען מיר איהם איבערגערעדט. דאָך האָט אויך מיטגעהאָלפען דאָס, וואָס ברודער שלעזינגער האָט איינגעזעהן, אז פאר איהם איז אין ניו יאָרק דאָ א גרעסערע פעלד אויסצונוצען זיינע אָרגאַ־ניזאַציאָנס־פעהיגקייטען, און ער האָט אָנגענומען דעם אמט אלס דזשענעראל אָרגאַנייזער פון די קלאָוק און סקוירט־מאכער יוניאָנס אין ניו יאָרק.

די אַקטיווע לאָקאַלע מיטגליעדער האָבען איהם פערשפּראָכען זייער פולע מיטווירקונג און אין יאַנואַר 1905 איז ער ענדליך אריינגעטראָטען אין אמט אַלס דער דזשענעראַל אָרגאַנייזער פון דער קלאָוק און סקוירט מאַכער יוניאָן אין ניו יאָרק.

XX

די סטרייקס אין 1905

נאָך איידער ברודער שלעזינגער האָט זיין אמט איבערגענומען, האָבען די לאָקאַלע ליעדערס דורכגעפיהרט זייערע פערשפּרעכונגען און האָבען זיך גענומען פעסט צו דער ארבייט. עס איז אָנגעפיהרט געוואָרען אַ מינדליכע און שריפטליכע פּראָפּאַגאַנדאַ אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. פערשפּרעכענדיג די קלאָוקמאַכער, אַז אַ נייער מענעדזשער וועט איבערנעהמען די אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט, האָבען זיי צוריקגעקראָגען דעם פולען צוטרויען צו דער יוניאָן; דער עולם האָט זיך גענומען אָנשליסען אָן דער יוניאָן.

טראָץ אַלע מיטלען, וואָס די יוניאָן האָט אָנגענומען ניט צו רופען קיין סטרייקס ביז אַ שטאַרקע יוניאָן וועט אויפגעבויט ווערען, האָט זיך די יוניאָן דאָך פערפּלאָנטערט אין אַ סטרייק ביי דער פירמע דזש. און מ. ברײדי, פון וועלכער די יוניאָן האָט קיין האַניג ניט געלעקט. אין אַ געוויסען טאָג האָט די פירמע אָוועקגעשיקט זעקס און צוואַנציג אַפּרייטאָרס פון דער ארבייט. די פירמע האָט זיי זאָגאַר ניט ארויסגעלאָזען אין שאָפּ צו נעהמען זייערע שערען און די אַנדערע געצייג, ווייל ארויפגעהענדיג אין שאָפּ קענען זיי נאָך פיעלייכט ארונטערנעהמען די איבעריגע ארבייטער אין סטרייק.

נאַטירליכערווייזע איז דער יוניאָן קיין אַנדער מיטעל ניט געבליבען ווי נאָר צו רופען אַ סטרייק. נאָך פיעלע אָנשטרענגונגען איז דער יוניאָן געלונגען ארונטערצונעהמען אין סטרייק די איבעריגע פיער הונדערט ארבייטער, וועלכע זיינען זאָגאַר קיין מעמבערס אין דער יוניאָן ניט געווען. די איינצעלנע, וואָס זיינען דאָרטען געבליבען ארבייטען, זיינען געווען די פּרע־

סערס. די עלטערע פרעסערס האבען גע'טענה'ט, אז זיי זיינען קאנטראקטארס און האבען מיט דער יוניאן גאר ניט צו טהאן, און די שקלאפען, וואס האבען געארבייט ביי די קאנטראק־טארס, זיינען ניט ארונטער סטרייקען, ווייל זיי זיינען געווען צי דום צו פערשטעהן, אז זיי זיינען אויך א טהייל פון קלאוק־טרייד.

ווען שלעזינגער איז געקומען נאך ניו יארק אין מיטען יאנואר 1905 האט ער שוין ברייךי'ס סטרייק געטראפען. נאך פיעלע אנשטרענגונגען איז איהם געלונגען צו בעוועגען די קאטערס יוניאן לאקאל 10 ארויסצורופען ברייךי'ס קאטערס אין סטרייק. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל אין דער גע־שיכטע, אז די קאטערס יוניאן זאל ארויסרופען איהרע מעמ־בערס אין א סימפאטיע־סטרייק צו העלפען די שניידערס.

די קאטערס האבען געצאהלט זייערע סטרייקענדע מעמ־בערס 24 דאלאר א וואך סטרייק־בענעפיט, און דער סטרייק האט זיי אבגעקאסט אייניגע טויזענד דאלאר. אבער טראץ די אנשטרענגונגען פון די קאטערס און די שווערע מיה פון אונ־זערע סטרייקערס צוזאמען מיט ברודער. שלעזינגער, וועלכע הא־בען געארבייט טאג און נאכט, איז דאך ניט געלונגען דעם סטרייק צו געווינען. אבסטרייקענדיג צעהן וואכען און אויס־צאהלענדיג ארום צעהן טויזענד דאלאר סטרייק־בענעפיט, האט מען דעם סטרייק געמוזט אויפגעבען.

עס איז ווערטה צו בעמערקען, אז מיר האבען דורך יענעם סטרייק פערלארען איינעם פון אונזערע אקטיווסטע מיטגליע־דער, א געוויסען פריץ גאלדשטיין. ארומגעהענדיג גאנצע נעכט פיקעטען די שעפער, האט ער זיך פערקיהלט און איז אין מיטען סטרייק געשטארבען פון א לונגען־ענטצינדונג.

אין יענער צייט האבען מיר דורכגעמאכט נאך אייניגע סטרייקס, וועלכע זיינען ווערטה דערמאהנט צו ווערען. די סטרייקס זיינען געווען ביי בלאונער בראס. און ביי די סינ־דיקייט קלאוק קא.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די סטרייקס זיינען ניט

געוואונען געווארען, האבען זיי אונז ניט ענטמוטהיגט. אין געגענטהייל, מיר האבען פון דעם פיעל געלערענט. מיר האבען זיך דערוואוסט מיט וואס פאר א יוניאן־לייט מיר האבען צו האנדלען.

כאראקטעריסטיש איז געווען דער סטרייק ביי בלאונער בראדערס. דורך דער צייט פון סטרייק פלעגען ארום פיער אדער פינף ארבייטער פון דער פירמע אליין שטעהן לעבען שאפ און טהאן די ארבייט, וואס אין מאנכע שעפער טהוען געדונגענע שטארקע. אבער איין מאל האט פאסירט, אז מיר האבען געשיקט א סטרייקער פיקעטען און ווען איינער פון דער פירמע האט איהם דערזעהן, האט ער איהם גוט אנגעפאטשט און איהם ארויפגעפיהרט אין שאפ און אוועקגעזעצט סקעבען, און ער איז שוין דארט פערבליבען.

וועגען דעם סינדיקייט סטרייק איז זיך ווערטה א ביסעל אבצושטעלען פון אן אנדער שטאנדפונקט, ווייל ער וועט אונז געבען א בעגריעף וועגען די אונפעהיגקייט פון מאנכע פון די דאמאלסדיגע ליעדערס.

דיעזער שאפ איז געווען א יוניאן־שאפ פאר עטליכע יאהר צייט. ארבייטער האבען דארטען געמאכט צווישען פופציג און זעבציג דאלאר א וואך, נאר ווי געוועהנליך מאכט זיך א מאל אין מיטען סיזאן צו סעטלען פרייזען אויף נייע גארמענטס. די פרייז־קאמיטע האט זיך מיט דער פירמע ניט געקענט אייניגען. די יוניאן האט אהין געשיקט איינעם פון איהרע ביזנעס־איידזשענטס אויסצוגלייכען די פרייזען, אבער אנשטאט דער ביזנעס איידזשענט זאל זיך בעפאר בעראטהען מיט דער גאנצער פרייז־קאמיטע וועגען דער ווערדע פון דער ארבייט, האט ער בלויז גערעדט מיט איינעם פון דער קאמיטע און האט די פרייזען געסעטעלט מיט א האלבען דאלאר וועניגער, ווי די גאנצע פרייז־קאמיטע האט פערלאנגט. די שניידער האבען זיך ענטזאגט צו מאכען די ארבייט און זיינען ארונטער אין סטרייק.

די יוניאן, האבענדיג געסיינט אן אגרימענט מיט דער

סינדיקייט קאָ., האָט פּראָבירט בעוועגען די אַרבייטער צוריק־צוגעהן צו דער אַרבייט און די פראַגע וועגען די פּרייזען וועט שפּעטער פערהאַנדעלט ווערען. אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. אַ פּאָר היץ־קעפּ, דאַרונטער אַ געוויסער האָפּמאַן, וועלכער האָט אין יאָהר 1890 פּעראורזאַכט דעם גרויסען לאָק־אוט, האָבען פון קיין זאַך ניט געוואָלט הערען. עס האָט אַפילו ניט גע־האָלפען דער סטראַשען זיי, אַז די יוניאָן וועט אויף זייערע פּלעצער אַרויפשיקען אַנדערע יוניאָן־לייט.

צוויי טעג האָט מען געזוכט פערשיעדענע מיטלען. מען האָט פּראָבירט אי מיט גוטען אי מיט בייזען צו בעוועגען די אַרבייטער צוריקצוגעהן אַרבייטען. ערשט אויפ'ן דריטען טאָג, ווען אַלע האָבען זיך אָבגעקיהלט און זיי זיינען צוריקגעגאַנגען אַרבייטען, איז ביי דער טהיר פון שאַפּ געשטאַנען דער סופּער־אינטענדענט מיט אַ לאַנגער ליסטע און אַלע וועמעס נעמען עס זיינען געווען אויף דער ליסטע, האָט ער אין שאַפּ ניט אַריינ־געלאָזען. אַרום דרייסיג אַרבייטער זיינען אויסגעשלאָסען גע־וואָרען. דער מאַנופּעקטשורער האָט ערקלעהרט, אַז דער ביז־נעס אייגדזשענט האָט איהם געגעבען די נעמען פון די שניי־דער, וואָס האָבען ניט געוואָלט אויספאָלגען דעם אָרדער פון דער יוניאָן צוריקצוגעהן אַרבייטען, און אַזוי ווי ביי איהם איז אַ סטריקטלי יוניאָן־שאַפּ וויל ער אַזעלכע לייטע ניט בעשעפ־טיגען.

די יוניאָן האָט פּערשטאַנען, אַז טהעאָרעטיש האָט דער מאַנופעקטשורער רעכט. אויך וואָלט די האַנדלונג פון דעם ביזנעס אייגדזשענט, ווען עס זאָל אַרויס אין דער עפענטליכקייט, נאָך מעהר דעמאָראַליזירט די יוניאָן, און מען האָט געמוזט מאַ־כען אַ שווייג און די געסעקטע אַרבייטער זיינען געבליבען אין דרויסען. דער ביזנעס אייגדזשענט איז, נאָכדעם ווי ער איז אַרונטער פון זיין אַמט, בעלוינט געוואָרען פון דער סינדיקייט קאָמפּאַניע מיט אַ וואָכען־דזשאָב ביי סעמפּעלס...

צום צווייטען סיזאָן, ווען די איבערגעבליבענע אַרבייטער פון דער סינדיקייט קאָ. זיינען געגאַנגען מאַכען פּרייזען און האָ־

בען אזוי שנעל זיך ניט געקענט אויסגלייכען, זיינען די 30 אלטע ארויסגעוואָרפענע ארבייטער ארויף צו דער פירמע און ערקלעהרט, אז זיי ווילען געהן ארבייטען פאר קלענערע פרייזען ווי די איבעריגע ארבייטער פערלאנגען, און אזוי שנעל ווי די ארבייטער זיינען ארונטער סטרייקען פאר העכערע פרייזען, זיינען גלייך אלע 30 ארויסגעוואָרפענע ארבייטער ארויפגע־קומען און האָבען פערנומען די פלעצער פון די סטרייקער.

עס איז קיין ספק ניט געווען ביי קיינעם, אז אזא סטרייק האָט מען ניט געקענט געווינען.

* * *

פון דיעזען פערלאָרענע סטרייקס האָבען מיר ענדליך גע־לערענט, אז מיר מוזען אָנווענדען א גאנץ אנדער וועג צו פראָ־פאגאנדירען יוניאָניזמוס, אָנשטאָט צו אגיטירען די קלאָוקמאַ־כער זיי זאָלען אריינקומען אין דער יוניאָן. מען האָט צור אלער ערשט געמוזט בעשאפען צווישען די קלאָוקמאכער א סענ־טימענט פאר יוניאָניזמוס, אָנצייגען זיי וואָס אנדערע ארביי־טער האָבען אויפגעטהאָן פאר זייערע טריידס דורך זייערע יוניאָנס, אָבער צו ווערען יוניאָן־מעמבערס זאָל מען זיי ניט רופען, ביז וואנען זיי וועלען ניט פערשטעהן די אויפגאבען פון א יוניאָן.

אזא סאָרט אגיטאציע האָט געמוזט אָנגעפיהרט ווערען שריפטליך דורך ליפלעטס און דורך צייטונגען. ברודער שלע־זינגער האָט פון דער דזשאָינט באָארד געקראָגען די פאָלמאכט צו ספענדען וויפיעל געלד עס וועט נויטיג זיין, אום אָנצופיהרען דיעזע ברייטע שריפטליכע אגיטאציע, ניט אָבשטעלענדיג זיך דערפאר וואָס די טרעזשורי פון דער יוניאָן איז געווען ליידיג. מען האָט געבאָרגט געלד ביי יוניאָן־מעמבערס און אויך ביי פריוואט־פערזאָנען און די ארבייט איז אָנגעגאנגען. אין א משך פון זעקס מאָנאטען זיינען פערטהיילט געוואָרען כמעט א מיליאָן ליפלעטס צווישען די קלאָוק און סקוירט מאכער. אויסער דעם האָט דער „פאָרווערטס" פון צייט צו צייט געשריעבען לאנגע

ארטיקלען און אויפרופען צו די קלאָוקמאַכער אויפצובויען אַ דויערהאַפטע יוניאָן.

דער רעזולטאַט פון דיעזער אַגיטאַציע איז געווען, אַז אויף דער פינפטער עווניו און אין אַנדערע סטריטען, וואו קלאָוק־מאַכער קומען זיך מיטאָג־צייט צוזאַמען, האָט מען אימער גע־טראָפען קופקעס ארבייטער, דעבאַטירענדיג וועגען יוניאָן־פראַ־גען, און דאָס איז אייגענטליך געווען וואָס מיר האָבען געוואָלט. עס האָט זיך געפיהלט יוניאָניזמוס אין דער לופט, אָבוואָהל די גרעסטע צאָהל דעבאַטאַנטען זיינען געווען געגנער פון דער יוניאָן, וועלכע האָבען געהאַלטען אין איין טענה'ן, אַז מיר זיי־נען אַלע בודלערס און פייקערס. דאָך האָבען מיר געפיהלט, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועלען זיי דאָך קומען אין דער יוניאָן. און דיעזער סענטימענט האָט געבראַכט זיינע פרוכטען אין דער אָרגאַניזירונג פון די ריפּער מייקערס.

XXI

טריקס ווי אָבצונאַרען די יוניאָן.

פאַר דער צייט, וואָס די יוניאָן האָט אָנגעפיהרט אַ שטאַר־קע פּראָפּאַגאַנדאַ, האָבען די קלאָוק און סקווירט מאַכער אויס־געפונען אַ סקים ווי צו קריגען גרעסערע פרייזען פון זייערע באָסעס און אין דער זעלבער צייט ניט צו בעלאַנגען צו דער יוניאָן. דער סקים איז געווען דער פאָלגענדער. וויסענדיג, אַז די באָסעס האָבען פאַר דער יוניאָן מורא ווי פאַר פייער, פלע־גען אַ פּאָר ארבייטער פון אַ שאָפּ קומען אין דער יוניאָן און פערלאַנגען מען זאָל זיי רופען צו אַ שאָפּ־מיטינג, ווייל זיי ווילען זיך אָרגאַניזירען. די יוניאָן האָט גלייך אין דעם בע־טרעפענדען שאָפּ ארויסגעשיקט הענדבילס פאַר אַ מיטינג. אַזוי שנעל ווי דער באָס האָט דערזעהן די הענד־בילס, האָט ער גלייך אריינגערופען די ארבייטער אין שאָו־רום און מיט זיי געסעטעלט פרייזען פאַר'ן סעזאָן. מעהר האָט די יוניאָן דיעזע ארבייטער ניט אָנגעזעהן. מאַנכעס מאָל פלעגען די ארבייטער שטילער־

הייד אַנפּינען הענדבּילס אויף די פּיגורס און אויף די ווענד אין שאַפּ, כּדי דער באָס זאָל עס זעהן און איהם צו מאַכען זיי צו געבען גרעסערע פּרייזען אויף דער יוניאָנ׳ס רעכנונג.

די יוניאָן האָט נאַטירליך דעם שווינדעל אויסגעפונען און האָט בעשלאָסען קיינע הענד־בּילס מעהר אין די שעפּער ניט צו שיקען אין אָנפאַנג פון סיזאָן. אַן אויסנאַהם איז געמאַכט געוואָרען מיט אַזעלכע שעפּער, וואו די מאַיאָריטעט ארבייטער האָבען בעלאַנגט צו דער יוניאָן. אָבער דאַן זיינען אונזערע קלאָוקמאַכער געפאַלען אויף אַן אַנדער שכל. אַנשטאָט צו פערלאַנגען פון דער יוניאָן, אַז זי זאָל ארויפשיקען הענד־בּילס, פלעגען זיי אַליין אָבדרוקען הענדבּילס אין דער יוניאָנ׳ס נאָמען, און די זעלבע קונץ איז געמאַכט געוואָרען מיט נאָך וועניגער טראָבעל ווי בעפאָר.

טאָמער האָט אַ באָס זיך ניט געלאָזט אָבנארען, און זיי זיינען ארונטער אין סטרייק, איז דאָס פאַר זיי אויך ניט געווען קיין שווערע זאַך. מיט די יוניאָן־לייטע זיינען זיי געווען זי־כער, אַז זיי וועלען ניט געהן סקעבען און פערנעהמען זייערע פּלעצער, און אויפ׳ן ערגסטען פאַל, אַז דער סטרייק האָט זיך אַ ביסעל פערצויגען, זיינען די חברה־לייט געקומען אין דער יוניאָן און מיט אַ רחמנות׳דיגען פּנים דערצעהלט וואָס פאַר אַ פיינע מענשען זיי זיינען און אַז ביז יעצט האָבען זיי גאָר ניט גע־וואוסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אַ יוניאָן אין קלאָוק און סקוירט־טרייד. פון יעצט אָן אָבער פערשפּרעכען זיי צו זיין די טרייסטע און איבערגעבענסטע יוניאָן לייט.

די הערצער פון די יוניאָן־לייט פלעגען גלייך צושמאָלצען ייערען ווי פּוטער אויפ׳ן זון, וואָרים טאַקע ווי קען מען דאָס ענטזאַגען עהרליכע ארבייטער צו העלפען אָנפיהרען אַ קאַמפּף? אויסער דעם האָט מען דאָ געזעהן אַ געלעגענהייט אריינצוכאַ־פּען מיט איינמאָל אַ פּאָר הונדערט מיטגליעדער און אויך אַ ביסעל געלד פון זייער איינטריטס־געלד. מען האָט זיי אויס־געשטרעקט די ברייטע וואַרימע ארבייטער־האַנד און מען האָט זיי אריינגענומען אַלס מיטגליעדער אין דער יוניאָן. דער רע־

זולטאט איז געווען, אז גלייך ווי זייער סטרייק האט זיך גע־ענדיגט האט מען מעהר די „עהרליכע קעמפפער” אין די אויגען ניט אנגעזעהן.

אינטערעסאנט איז דער פאל, וואס האט פאסירט מיט דזשאו דזשאהנסאן'ס ארבייטער. מיר זיצען א מאל אין אפיס, קומען אריין א פאר מעמבערס פון אונזער יוניאן, פערסאפעטע, פערמאטערטע פון לויפען און דערצעהלען אונז, אז אלע זעקס הונדערט איטאליענישע און אידישע שניידער זיינען ארונטער אין סטרייק און מיר האבען דא א געלעגענהייט אויפצובויען א יוניאן. אין א צעהן מינוטען שפעטער איז ערשיענען א קאמיטע פון איטאליענישע ארבייטער און האט פערלאנגט מיר זאלען זיי געהן ארגאניזירען, ווייל זיי זיינען יעצט ארונטער פון דזשאהנסאן'ס שאפ. מיר האבען זיך בערעכענט, אז מיר קענען דא גאר ניט פערלירען און דריי פון אונזערע בעאמטע זיינען אוועק צום מיטינג מיט טשעק־ביכלעך און מען האט אנגעפאנגען צו ארגאניזירען די איטאליענער.

אבארבייטענדיג ארום זיי כמעט א גאנצען טאג, האבען מיר אריינגענומען ארום 350 מיטגליעדער און ארום $700 געלד. עס האט אבער ניט גענומען קיין צוויי שטונדען, נאכ־דעם ווי זיי האבען איינגעצאהלט זייער געלד אין דער יוניאן, ווי אלע איטאליענער זיינען אוועק צוריק ארבייטען און די אידישע ארבייטער, וועלכע זיינען געווען ווייניג, האט מען אי־בערגעלאזען אין דרויסען.

אזעלכע פעלע האבען געטראפען אין די צעהנדליגע. די יוניאן האט אנגעפאנגען צו זוכען מיטלען, ווי פטור צו ווערען פון אזעלכע יוניאן־לייט און אזעלכע סטרייקס און עס איז בע־שלאסען געווארען, דאס אין פערלויף פון א יאהר צייט זאל די יוניאן קיינע סטרייקס ניט ארויסרופען און קיין סעטעלמענטס ניט מאכען, און דיעזער בעשלוס זאל דורך בריעף בעקאנט גע־מאכט ווערען צו אלע קלאוק און סקוירט־מאנופעקטשורערס.

גלייך ווי די מאנופעקטשורערס האבען אזעלכע בריעף ער־האלטען האט מען אונזערע לייטע אנגעפאנגען צו שינדען די

הויט. די, וואָס האָבען זיך געווענדעט צו דער יוניאָן, האָט מען פראָסט ארויסגעוואָרפען. עס איז אמת, אז אונזערע יוניאָן לייט האָבען אויך געליטען, נאָר מיר האָבען זיך וועניגסטענס געטרייסט, אז מיר ליידען פאר אַן אידעאַל און אז דער ערב־רב ליעגט דורך אונז אין דער־ערד.

עס איז אַזוי אריבערגעגאַנגען דער גאַנצער יאָהר. די קלאָוקמאַכער האָבען געקרעכצט אונטער'ן יאָך, ווי די אידען אַ מאָל אין מצרים. פיעלע אַרבייטער זיינען אַליין ארונטער סטרייקען, נאָר די באָסעס, וויסענדיג אז די יוניאָן וועט זיי ניט העלפען, האָבען זיך וועגען דיזע סטרייקס ניט געקימערט און אַלע סטרייקס זיינען פערלאָרען געגאַנגען.

דער רעזולטאַט איז געווען, אז ביין ענדע יאָהר זיינען די קלאָוקמאַכער געלאָפען אין דער יוניאָן, ווי פרומע אידען אין שוהל אריין. אַ פּאָאָר טויזענד מעמבער האָבען זיך ווידער אָנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן. אָבער די רעזולטאַטען זיינען געווען די זעלבע ווי פריהער; די גרויסע מאַסע נייע אימיגראַנטען האָבען איבערגעשריען די ליעדערס; מען האָט זיך צוסטרייקט אויף אַלע זייטען און ביסלעכווייז זיינען די מעמבערס ווידער אויסגעטריקענט געוואָרען.

XXII

די אָרגאַניזירונג פון דער ריפער מייקערס יוניאָן.

אין יוני, 1905, זיינען ארום צוויי הונדערט ארבייטער ארונטערגעגאַנגען סטרייקען פון דער פירמע וויינשטיין בראָס., וועלכע האָט דאַמאָלסט מאַנופעקטשורט טשילדרענס קלאָוקס און ריפערס. קיינער פון די סטרייקערס האָט צו קיין יוניאָן ניט בעלאַנגט און זיי האָבען אַליין אָנגעפיהרט דעם סטרייק.

דער צושטאַנד פון דעם טרייד איז געווען אַ שרעקליכער. די ארבייטס־שטונדען האָבען זיך אָנגעפאַנגען ארום 5 אוהר מאָרגענס און האָבען זיך געענדיגט ניט פריהער ווי 9 אוהר אבענדס. די יעניגע אַפּרייטאָרס, וואָס זיינען אריינגעקומען אין שאַפּ אַ פּאָר שטונדען פאר־טאָג, זיינען ביי די באָסעס פער־

רעכענט געווען אַלס די בעסערע קלאַס אַפּרייטאָרס און זיי האָבען געקראָגען אַ שאָו ביים באָס. און טראָץ די לאַנגע שטונדען, וואָס מען האָט געאַרבייט, זיינען די פערדיענסטען געווען ניט מעהר ווי אַרום צוועלף דאָלאַר אַ וואָך. דיעזער סטרייק האָט דאַרום שטאַרק אַפּעליערט צו די געפיהלען פון די סטרייקער.

אָבסטרייקענדיג אַרום צעהן טעג און ניט קריגענדיג קיין סקעבס, ווייל קיינעם האָט זיך ניט געלוינט צו געהן סקעבען פאַר אַזעלכע קלעגליכע פּרייזען, איז מיסטער וויינשטיין איינפערשטאַנען געוואָרען צו סעטלען דעם סטרייק, נאָר מיט דער בעדינגונג, אַז אַנדערע שעפּער פון דעם זעלבען ליין אַרבייט זאָלען אויך אַרונטערגענומען ווערען אין סטרייק.

די אַרבייטער האָבען דעם פּלאַן אָנגענומען, און גלייך האָבען וויינשטיין בראָדערס' אַרבייטער זיך צוטהיילט אין קאָמיטעס און, אונטער דער פיהרערשאַפט פון אַ געוויסען ריפּערמאַכער, וועלכען מען האָט גערופען „קאָלאָמבוס", זיינען זיי געגאַנגען פון שאַפּ צו שאַפּ אין ליספּענאַרד, וואָקער, קאַנעל און גרין סטריטס ווי אויך אין אַ טהייל פון איסט בראָדווייער שעפּער, וואו טשילדרען קלאָוקס און ריפּערס זיינען געמאַכט געוואָרען און די קאָמיטעס האָבען אַלע אַרבייטער אַרונטערגענומען אין סטרייק. דער נאָמען „קאָלאָמבוס" איז געוואָרען אַ שרעקענס־וואָרט ביי די אַרבייטער און ביי די באָסעס. ווען מ'האָט בלויז אַ זאָג געטהאָן, אַז קאָלאָמבוס געהט, האָט גלייך דער באָס אַליין אַרונטערגעשיקט די אַרבייטער, זיי זאָלען געהן אין דער יוניאָן. און אַזוי זיינען אַרום 60 ריפּער שעפּער אָרגאַניזירט געוואָרען און די באָסעס האָבען אונטערגעשריעבען אַגרימענטס.

האָבענדיג צו פיהרען סטרייקס מיט אַזוי פיעל מאַנופעקטשורערס אין איין צייט, האָבען שוין די ריפּער מייקערס אַליין ניט געקענט טהאָן די אַרבייט און זיי האָבען זיך געווענדעט צו דער קלאָוקמייקערס יוניאָן, מען זאָל זיי אַרייננעהמען אַלס מעמבערס און זיי העלפען פיהרען די סטרייקס. נאָך לאַנגען איבערלעגען זיך, איז די דזשאָינט באָאַרד געקומען צום שלום,

אז די אינטערנעישאַנאַל זאָל גרינדען א בעזונדער לאָקאַל פון די ריפער מייקערס. דער ריפער טרייד איז דאַמאָלסט ניט געווען אַזוי נאָהענט צום קלאָוק־טרייד, ווי ער איז יעצט. אויך זיינען כמעט אַלע ריפער מייקערס געווען גאַנץ גרינע און ווען מען וואָלט זיי אריינגענומען אַלס איינצעלנע מיטגליעדער אין לאָקאַל 1 וואָלטען זיי פערלאָרען געגאַנגען און פון זייערע סע־טעלמענטס וואָלט זיך גאָר ניט אויסגעלאָזען. עס איז געבליבען, אז די אינטערנעישאַנאַל זאָל זיי אָרגאַניזירען אַלס א בעזונדער לאָקאַל אונטער דער אויפזיכט פון דער דזשאָינט באָארד, און די אינטערנעישאַנאַל האָט זיי אָרגאַניזירט אַלס לאָקאַל 17.

נאָך דעם ווי לאָקאַל 17 איז געטשאַרטערט געוואָרען און זיי האָבען געסעטעלט אַלע זייערע סטרייקס, האָט די דזשאָינט באָארד איינגעזעהן, אז זי האָט דאָ פאַר זיך א גרויסע מאַסע גרינע יונגע לייט, וועלכע זיינען פול מיט ענערגיע און קאַמפּפּס־לוסט, אָבער אָהן א ברעקעל פעהיגקייט אָנצופיהרען א יוניאָן, און פון דעם גאַנצען טאַראַראַם וועט זיך אויסלאָזען א בוידים. דאַרום איז געבליבען, אז די דזשאָינט באָארד זאָל זיי אריינ־שיקען א טשערמאַן, א סעקרעטער און א טרעזשורער, וועלכער זאָל אויפפּאַסען אויף זייערע געלדער. נאָך זעקס מאָנאַטען, ווען די דזשאָינט באָארד וועט איינזעהן, אז זיי זיינען אימ־שטאַנדע זייערע געשעפטען אַליין צו פערוואַלטען, זאָל מען זיי זייער טרעזשוריע איבערגעבען.

די ערשטע צייט פון זייער עקזיסטענץ פלעגען קומען צו די מיטינגען טויזענד מעמבערס און א מאָל נאָך מעהר. די גרעסטע האַלס, וואָס מען האָט געדונגען פאַר מיטינגס, זיינען אימער געווען צו קליין און הונדערטע זיינען געשטאַנען אין גאַס. עס האָט איינינגע מאָל פּאַסירט, אז די פּאָליציי האָט מיט קלאָבס געמוזט צוטרייבען די גרויסע מאַסען ארום די האָלס. איין טשערמאַן האָט קיינמאָל ניט געקענט פינישען א מיטינג; מען האָט געמוזט האָבען וועניגסטענס א דריי טשערלייטע, און די דריי פלעגען אויך אוועקגעהן פון די מיטינגען הייזעריגע און פערמאַטערטע. אַזאַ רויהע מאַסע איז קיין קליינינקייט

ניט געווען צו האַלטען אין אָרדנונג. נאָר ווי גרין און רויה זיי זיינען ניט געווען, האָבען זיי אָבער דאָך געהאַט פּאָלשטענדיגען צוטרויען איינער צום צווייטען. כמעט אַלע ריפּער מייקערס זיינען געווען פון אַ שטעדטעל פּוראַוויץ און אומגעגענד און האָבען איינער דעם צווייטען גוט געקענט. זיי האָבען אויך פּינקטליך אויסגעפיהרט אַלע אָרדערס פון דער יוניאָן און טאָמער האָבען זיך אין אַ שאַפּ געפונען אַ פּאָר קיקערס, האָט מען זיי בלויז געדאַרפט זאָגען, אַז „קאָלאָמבוס“ וועט זיין אין שאַפּ, און אַלעס איז שוין שטיל געוואָרען. ביסלעכווייז האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו פערשטעהן ווי זיך אויפצופיהרען ביי די מיטינגען און אין די שעפּער און זיי האָבען אויפגעבויט אַ גוטע יוניאָן.

די ריפּער מאַנופעקטשורערס זיינען מעהרסטענס געווען קליינע קאַפּיטאַליסטלעך און אַלעס וואָס זיי האָבען געגען דער יוניאָן געקענט טהאָן, איז צו קריצען מיט די צייהן. ניט ווילענדיג האָבען זיי געמוזט אַלעס אונטערשלינגען און טהאָן וואָס די יוניאָן האָט זיי געהייסען צום ענדע פון ווינטער־סיזאָן זיינען זיך די ריפּער־מאַנופעקטשורערס צוזאַמענגעקומען צו בעראַטהען זיך ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון דער יוניאָן. זיי האָבען בעשלאָסען זיך צו אָרגאַניזירען אין אַן אַסאָסיאיישאָן און מיסטער וויינשטיין, פון דער פירמע וויינשטיין בראָס., איז געוואָרען זייער פּרעזידענט. עס איז ביי זיי בעשלאָסען געוואָרען צו געבען דער יוניאָן אַ קלאַפּ און זי צוברעכען ביי דער ערשטער געלעגענהייט. מאַנכע באַסעס האָבען זיך שוין בעריהמט, אַז באַלד, באַלד וועלען זיי פון דער יוניאָן פּטור ווערען.

נאָר די דזשאָינט באָארד איז אויך ניט געשלאָפען און האָט געוואַטשט יעדע בעוועגונג זייערע. אין אַ געוויסען אָבענד האָט זיך די דזשאָינט באָארד דערוואוסט, אַז וויינשטיין האָט געמאַכט אין אַ האָלל אויף מאַנראָו סטריט אַ סאַפּער פאַר זיינע אַרבייטער. אַ קאָמיטע פון דער דזשאָינט באָארד איז גלייך אַריבערגעגאַנגען אַהין און האָט געוואַרט אויטסייד.

דער עולם האָט זיך אַנשטענדיג אָנגעגעסען און געמאַכט

עטליכע „לחיים׳ס“. נאכהער האט מר. וויינשטיין זיינע אר־בייטער בעעהרט מיט א ספיטש, דערצעהלענדיג זיי ווי גוט ער וועט זיי אין דער צוקונפט בעהאנדלען און אז זיי וועלען יעצט זיין בעסער אפּ אהן דער יוניאן ווי פריהער. א באטאן־האלל מייקער פון דיעזען שאפּ האט זיך גלייך נאכ׳ן ספּיטש אויפגע־שטעלט און געמאכט א פארשלאג, אז מען זאל דער יוניאן מיט די פיהרער האבען אין דער ערד און אז אנשטאט דער יוניאן זאל מען גרינדען א וויינשטיין בראדערס אונטערשטיצונגס פער־איין, וואו יעדער ארבייטער זאל צאהלען די 15 סענטיגע א וואך, וואס זיי פלעגען צאהלען צו דער יוניאן. יעדער מיטגליעד זאל בערעכטיגט זיין צו פינף דאלאר א וואך אין צייט פון קראנק־הייט און צו הונדערט דאלאר טויטען־בענעפיט.

דער פלאן איז נאטירליך אלעמען שטארק געפעלען געווא־ען און מר. וויינשטיין האט אויסגעדריקט זיין צופריעדענהייט מיט דיעזער סאסייעטי און האט פרעזענטירט א טשעק פאר דריי הונדערט דאלאר אלס א „סטארט“ פאר דיעזער סאסייעטי. אלעס וואלט אבגעגאנגען גלאט. אבער אזוי שנעל ווי די אר־בייטער אינסייד האבען זיך דערוואוסט, אז אויטסייד געפינען זיך א פּאר יוניאן־בעאמטע, איז דארטען געווארען חושך און זיי האבען זיך ביסלעכווייז גענומען ארויסרוקען פון סאפער און די באסעס זיינען געבליבען מיט די לעדיגע טשערס. די באסעס האבען זיך אזוי דערשראקען, אז זיי האבען טעלעפאנירט אין פּאליס סטיישאן און א פאאר בלויע רעק האבען אהיים געפיהרט דיביידע וויינשטיינס.

פון דער סאסייעטי איז שוין נאטירליך גאר ניט געווארען, אין יעדער איינציגער פון די ארבייטער האט ארויפגעלעגט די שולד אויפ׳ן צווייטען.

די דזשאינט באארד האט גלייך נאכדעם בעשלאסען, אז אום צו ברעכען די אסאסיאיישאן, זאל מען גלייך רופען א סטרייק ביי זייער פּרעזידענט, מר. וויינשטיין. אין א פּאר טעג שפּעטער, ווען א שאפּ מיטינג איז גערופען געווארען פון די ארבייטער פון וויינשטיין בראס. און מר. וויינשטיין האט

גלייך פערשטאנען, אז דאָס איז אַ זיכערער סטרייק, האָט ער געשיקט צום מיטינג אלס „פריעדענס־מלאך" דעם זעלבען באַטענהאַל מייקער, וועלכער האָט ערקלעהרט, אז מר. וויינשטיין מיינט ניט קיין שלעכטעס און אז ער איז יעצט אויך בערייט צו סעטלען מיט דער יוניאָן, ווען מען וועט איהם געבען בעסערע קאָנדיציאָנען ווי די אנדערע מאנופעקטשורערס. נאָך אייניגע טעג אונטערהאנדלען, איז ענדליך אונטערגעשריעבען געוואָרען אַן אגרימענט מיט וויינשטיין בראָס אויף נאָך אַ יאָהר.

די איבעריגע מאנופעקטשורערס, זעהענדיג ווי זייער פרעזידענט האָט זיי פּאסקודנע פערראטהען, האָבען אויפגעגעבען זייער אסאָסיאיישאָן און האָבען איינציגווייז געסעטעלט מיט דער יוניאָן, וואָס האָט די ריפער מייקערס יוניאָן לאָקאל 17 נאָך שטארקער געמאכט.

די אויפבליהונג פון דער ריפער מייקערס יוניאָן האָט אויך געהאט אַ ווירקונג אויף די קלאָוק־מייקערס. זיי האָבען געהאט גענוג אורזאכען צו איבערצייגען זיך, וואָס אַ ריכטיגע גוטע יוניאָן קען אויפטהאָן פאר איהרע מיטגליעדער, ווען זיי זיינען דיסציפּלינירט גענוג אויסצופאָלגען אלעס וואָס די פיהרערס הייסען זיי, און ווען אלע דריי ביזנעס איידזשענטס, וואָס די דזשאָינט באָארד האָט אָנגעשטעלט, צוזאמען מיט דער גאנצער דזשאָינט באָארד, וואָלטען ניט געוועז שטענדיג פערנומען מיט די ריפער מייקערס אנגעלעגענהייטען, וואָלט מען פיעלייכט דאמאָלסט אָרגאניזירט אַ שטארקע יוניאָן אין קלאָוק־טרייד. נאָר אַזוי ווי ברודער שלעזינגער, אונזער מענעדזשער, האָט געהאלטען אין איין טענה'ן, אז די ריפער מייקערס יוניאָן איז אַ לעבעדיגע אָרגאניזאציאָן און מען מוז די גאנצע ענערגיע אָנווענדען פאר זיי, איז די ארבייט צווישען קלאָוקמייקערס פערנאכלעסיגט געוואָרען.

יעדענפאלס האָט זיך ביי די קלאָוק און סקוירט מייקערס אויך אַ ביסעל גערודערט און אין אָנפאנג פון דעם ווינטערסיזאָן פון דעם זעלבען יאָהר האָבען זיך פיעלע שעפּער גענומען אָרגאניזירען.

XXIII

דער סקווירט־מאַכער סטרייק ביי דזשאָהן באַנוויט.

זייט די סקווירט מייקערס יוניאָן איז אָרגאַניזירט געוואָרען אַלס אַ יוניאָן האָט זי קיינמאָל ניט געהאַט קיין בעדייטענדע צאָהל מיטגליעדער, וועלכע זאָלען קענען האָבען וועלכע ניט איז ווירקונג אויפ'ן טרייד. עס זיינען זאָגאַר געוועזען צייטען, ווען די גאַנצע יוניאָן איז בלויז בעשטאַנען פון 4—5 מעמבערס, די ברידער פריינק און נאָך אַ פּאָר אַנדערע. דיעזע 4—5 לייטע פלעגען זיך אַלע וואָך צוזאַמענקומען אין אַ האָל, אָבשפּיעלען אַ פּאָר פינאַקלעך און ביים פינאַקעל בעשליעסען וואָס'ער רעפּאָרט אריינצוגעבען אין די צייטונגען פון זייער מיטינג.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז אונטער דיעזע אומשטענדען פלעגט אָפטמאָל אויסקומען, אַז ווען אַ צאָהל ארבייטער פון אַ געוויסען שאָפּ פלעגען זיך אַנשליסען אָן דער יוניאָן, פלעגט די גאַנצע יוניאָן בעשטעהן פון די ארבייטער פון דיעזען איין שאָפּ. מען פלעגט גלייך געהן סטרייקען, פערלירען דעם סטרייק און דאַן אוועקגעהן פון דער יוניאָן. און אין דער יוניאָן זיינען ווייטער פערבליבען די דריי אָדער פיער אַלטע יוניאָןלייטע.

אַזעלכע סטרייקס האָבען די סקווירט מאַכערס געהאַט מיט צעהן יאָהר צוריק ביי מאַקס סאַלאָמאָן, וואו מען האָט אָבגעסטרייקט אַכט וואָכען און פערלאָרען. שפּעטער האָבען אַזעלכע פעלע פּאַסירט אין נאָך פיעלע סקווירט־הייזער און זיי האָבען געהאַט דעם זעלבען רעזולטאַט.

אום אָבער די יוניאָן זאָל קענען מעהר אָדער ווענינגער עקזיסטירען, איז נויטיג געווען אַזעלכע לייטע אריינצונעהמען אין דער יוניאָן, טראָץ דעם, וואָס מען האָט געוואוסט, אַז עס יועט גלייך זיין אַ סטרייק. אין דער צייט, ווען די ריפּער מייקער יוניאָן האָט געהאַט דעם ערפאָלג, זיינען אויך אַ פּאָר צעהנדליג סקווירט מאַכער אריינגעקומען אין דער יוניאָן, נאָר

אום זיך אויסצוהיטען פון סטרייקס האָט מען בעשלאָסען גאַנצע שעפּער־ווייז זיי ניט אריינצונעהמען אין דער יוניאָן, ווייל דאָס מיינט איינפאַך גלייך ארויסרופען א סטרייק. אָבער טראָץ די אַלע פּאָרזיכטיגע מיטלען איז דאָך די סקוירט מאַכערס יוניאָן אריינגעקראָכען אין א סטרייק, פון וועלכען די דזשאָינט באָארד האָט געהאַט צו זינגען און צו זאָגען.

איינמאָל אין א שבת נאָכמיטאָג איז אין אָפיס פון דער יוניאָן ערשיענען א קאָמיטע פון דזשאַהן באָנוויט'ס סקוירט־מאַכער. די קאָמיטע האָט ערקלעהרט, אז דער גאַנצער שאָפּ, דריי הונדערט אין צאָהל, וועט זיך אָנשליסען אָן דער יוניאָן. די זאַך איז אונז פאָרגעקומען זעהר פערדעכטיג. סטייטש, עפּעס סתם פלוצלונג זאָלען דריי הונדערט סקוירט־מאַכערס ווערען פיינע, גוטע מענשען? מיר האָבען אונזערע אייגענע אויגען ניט געוואָלט גלויבען. ווען מיר האָבען זיי געפרעגט, אויב זיי סטרייקען שוין, האָבען זיי אונז פערזיכערט, אז ניט.

הכלל, מיר האָבען אריבערגעשיקט א דעלעגאַט צו זייער שאָפּ־מיטינג און ער האָט אויסגעפונען, אז זיי האָבען אָנגע־פאַנגען צו מאַכען פּרייזען מיט דזשאַהן באָנוויט און אזוי ווי זיי האָבען זיך ניט געקענט פערגלייכען מיט די פּרייזען, זיינען זיי ארונטער צו א שאָפּ־מיטינג.

נאָך א לאַנגען ארגומענטירען, זיינען די בעאַמטע איינ־פערשטאַנדען געוואָרען זיי אריינצונעהמען אין דער יוניאָן מיט ־עם בעדינג, אז מאָנטאג זאָלען אַלע געהן צוריק ארבייטען און פּרייזען זאָל מען דאַן פערלאַנגען, ווען די דזשאָינט באָארד וועט זיי הייסען. דעם זעלבען טאָג האָבען אַלע דריי הונדערט אר־בייטער איינגעצאָהלט צו פופציג סענט פאָרשלאַגס־געלד.

דעם קומענדען מאָנטאג אין דער פריה, ווען די ארבייטער זיינען געקומען צום שאָפּ, האָבען זיי ביים טהיר געטראָפען דזשאַהן באָנוויט. ער האָט קיינעם ניט געוואָלט ארויפלאָזען אין שאָפּ, אויב זיי וועלען איהם ניט אָבגעבען די רעסיטס, וואָס זיי האָבען געקראָגען פון דער יוניאָן פאַר זייערע איינגעצאָהלטע

פּאַרשלאַגס־געלד. די ארבייטער האָבען זיך ענטזאגט דאָס צו טהאָן און די גאַנצע מחנה איז געקומען אין דער יוניאָן.

די ארבייטער האָבען געסטרייקט איינינע טעג און די דזשאָינט באָאַרד האָט זיך אַלץ ענטזאגט דעם סטרייק אָנצוערקענען, ווייל זי האָט געוואוסט די צרות, וואָס זי וועט האָבען. יוען די סטרייקער האָבען אָבער דער דזשאָינט באָאַרד פערזיכערט, אַז זיי וועלען קיין סטרייק־בענעפיט ניט פערלאַנגען און אַז אַלץ וואָס זיי פערלאַנגען, איז בלויז מאָראַלע שטיצע, האָט ענדליך די דזשאָינט באָאַרד דעם סטרייק אַנערקענט, ניט אַכטענדיג אויף דעם פּראָטעסט פון פּיעלע דעלעגאַטען.

גלייך נאָכדעם ווי דער סטרייק איז אָפּיציעל אַנערקענט געוואָרען און מען האָט זיך גענומען צו דער ארבייט דעם סטרייק צו געווינען, האָט זיך גלייך ארויסגעצייגט, אַז די סטרייקער האָבען די יוניאָן אריינגעשלעפּט אין אַ בלאָטע. גלייך די ערשטע וואָך האָבען זיך געמאָלדען קאָמיטעס פון די סטרייקערס און האָבען ערקלעהרט, אַז זיי מוזען האָבען שטיצע בלויז פאַר עטליכע סטרייקערס, זאָנסט וועלען זיי געצוואונגען זיין צו געהן ארבייטען.

קיין יוניאָן וועט זיך דאָך ניט ענטזאגען צו ספּענדען אַ פופציג דאָלאר צו אונטערשטיצען עטליכע גאַנץ אָרימע סטרייקערס, ווען זי וויל געווינען דעם סטרייק. אָבער אַזוי שנעל ווי מען האָט נאָר אונטערשטיצט די עטליכע, האָבען ביסלעכווייז זיך גענומען מעלדען די איבעריגע סטרייקער און יעדער פון זיי האָט געהאַט צו דערצעהלען אַן אַנדער טראַגישע געשיכטע, און אונזערע אידען זיינען דאָך גוט־הערציג און מען האָט געגעבען געלד. דער סוף איז געווען, אַז די דזשאָינט באָאַרד איז געצוואונגען געווען צו צאָהלען רעגעלמעסיגע סטרייק־בענעפיט, וואָס האָט אָבגעקאָסט אַ סומע פון אַכט טויזענד דאָלאר אין צעהן וואָכען צייט.

וואָס אַנבעלאַנגט דעם סטרייק, איז ער אָנגעפיהרט געוואָרען מיט דער גרעסטער האַרטנעקיגקייט פוןביידע זייטען. אַלע אַקטיווע מיטגליעדער פון דער קלאָוק און סקוירט מייקערס

יוניאָן, צוזאַמען מיט'ן מענעדזשער שלעזינגער, האָבען געאַר־בייט טאָג און נאַכט פאַר דיזען סטרייק. מיר האָבען אויך אָנגעשטעלט ב. וויינשטיין, דעם דעמאָלדיגען סעקרעטער פון די פעראייניגטע אידישע געווערקשאַפטען, ער זאָל כסדר זיצען מיט די סטרייקערס אַ גאַנצען טאָג און אויף זיי אויפפאַסען.

אַ גרויסע צאָהל פון די סטרייקערס האָבען כמעט זייער לעבען אין סכנה געשטעלט דעם סטרייק צו געווינען, און מיר יואָלטען דעם סטרייק ווירקליך פאַלשטענדיג געוואונען, ווען אונזערע אייגענע סטרייקערס וואָלטען אונז ניט פעררעטהען. איינער אַ טשעפּטשיק, אַן אָפּרייטאָר, צוליעב וועמען דער סטרייק האָט זיך אָנגעפאַנגען, איז דער ערשטער ארויף סקעבען מיט זיין גאַנצען סעט. אַ צווייטער סקוירט־אָפּרייטאָר, אַ גע־וויסער הירש, איז געווען איינער פון דער סטרייק־קאָמיטע. און נאַכהער האָט זיך ארויסגעצייגט, אַז ער האָט גענומען פון דער פירמע צוויי הונדערט דאָלאַר פאַר איבערגעבען אַלע טאָג דעם צושטאַנד פון די סטרייקערס.

אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז אונמעגליך געווען דעם סטרייק צו געווינען. יעדענפאַלס איז דער סטרייק ניט פער־לאָרען געגאַנגען. דאָס איינציגע, וואָס מען האָט פערלאָרען, איז געווען די אָפּיציעלע אַנערקענונג פון דער יוניאָן. זאָנסט האָבען די סטרייקערס געוואונען, אַז די פירמע מוז זיי געבען איהרע מאַשינען. אין דער צייט פון סטרייק האָט ברודער דייטש דורך אַן אָרדער פון קאָורט ארונטערגענומען אַלע מאַ־שינען פון שאָפּ, וואָס האָבען געהערט צו די אָפּרייטאָרס, כדי די סקעבס זאָלען ניט ארבייטען אויף די סטרייקערס מאַשינען, נאָכ'ן סטרייק האָט די פירמע אָלעמען געגעבען איהרע אייגענע מאַשינען.

די פירמע האָט אויך אַנערקענט אַ פּרייז־קאָמיטע מיט אַ שאָפּ־טשערמאַן און אַז קיינער זאָל ניט געסעקט ווערען דער־פאַר, וואָס ער בעלאַנגט צו דער יוניאָן.

איידער די סטרייקערס זיינען צוריקגעגאַנגען ארבייטען, האָבען זיי אָבגעהאַלטען אַ מיטינג מיט די בעאַמטע פון דער

יוניאָן און האָבען געגעבען זייער עהרען־וואָרט צו בלייבען טרייע יוניאָן־לייט, נאָר צום נעקסטען יוניאָן־מיטינג איז אפילו א הונד נים געקומען ; קיין איינציגער פון זיי איז ניט געקומען ארויס־נעהמען זיין יוניאָן־בוך און דערצאָהלען דעם באַלאַנס פון די איינטריטס־געלד.

אזא האנדלונג פון ארבייטער, איינצאָהלענדיג אין דער יוניאָן גאַנצע הונדערט און פופציג דאָלאַר און ארויסנעהמענדיג אכט טויזענד, און דערצו נאָך זאָל קיין איינציגער ניט פער־בלייבען אין דער יוניאָן, — איז גענוג געווען צו ענטמוטהיגען אפילו דעם גרעסטען אָפּטימיסט. נאָר מיר זיינען שוין דערצו געווען צוגעוואוינט און אפילו דאָס האָט אונז אויך ניט ענט־מוטהיגט. אין געגענטהייל, מיר האָבען זיך געפיהלט שטאָלץ, אז מיר האָבען געקענט אזא קאַמפּף אָנפיהרען און ברענגען צו א טהיילווייזען זיעג.

XXIV

די אינדוסטריעלע בעוועגונג צווישען די קלאָוקמאַכער.

צו די אַלע צרות, וואָס מיר האָבען געהאַט אויסצושטעהן ארבייטענדיג פאַר דער אויפבויאונג פון א יוניאָן אין קלאָוק און סקוירט־טרייד, האָט זיך צו אונז אויך צוגעטשעפּעט אַן אינדוסטריעלע צרה.

אין די יאָהרען 1905—1906 האָט זיך אָנגעהויבען פער־שטארקען די אינדוסטריעלע בעוועגונג. אַן דער שפּיצע פון דיעזער בעוועגונג זיינען געשטאַנען אַזעלכע מענער ווי יודזשין וו. דעבס, דעניעל דע־ליאָן און א פּאָר גלחים, וואָס זיינען נאָר־וואָס געוואָרען סאָציאַליסטען. זיי האָבען ערקלעהרט, אז די טרייד יוניאָן בעוועגונג איז אויסגעשפּיעלט, אז מען קען קיין סטרייקס מעהר ניט געווינען און אז דער איינציגער מיטעל, ווי אַזוי די יוניאָן־בעוועגונג צו מאַכען שטאַרק, איז נאָר זיך צו בּעראייניגען אינדוסטריעל, ד. ה. אַז אַנשטאַט דעם, דאָס יעדע יוניאָן זאָל פאַר זיך אַליין אָנפיהרען איהרע סטרייקס, זאָלען

די ארבייטער פון א גאנצער אינדוסטריע סטרייקען צוזאמען און סעטלען צוזאמען.

די אידעע איז נאטירליך ניט קיין שלעכטע און פיעלע ארבייטער האבעןווירקליך דערמיט שטארק סימפאטיזירט. די צרה איז נאר געווען אין דער ארט און ווייזע, ווי אזוי מען האט די אידעע געוואלט ארויפצווינגען אויף די ארבייטער. יעדער ארבייטער אדער פיהרער, וואס האט זיך אויסגעשפראכען געגען דעם אינדוסטריעלען פלאן, איז ביי די אנהענגער פון דיזער באוועגונג ערקלערט געווארען אלס א פייקער און א פאררעטער צום ארבייטער קלאס. די בעסטע פיינד זיינען דורכדעם געווארען די גרעסטע שונאים. מיט קיין ווארט, איינער האט דעם צווייטען ניט דערקענט. גליקליכער־ווייזע האט זיך אבער די באוועגונג דעמאלט ניט פיעל פארברייטעט. עס האט געהאט א ווירקונג אויף מאנכע ארבייטער, וואס זיינען געווען מיטגלידער פון די דעמאלדיגע יוניאנס אבער אויף א קליינער צאהל. עס האט אבער דאך אומעדום אנגעמאכט א חורבן; פיעלע יוניאנס זיינען דורכדעם צובראכען געווארען. און, מערקווירדיג, די אנהענגער פון דיזער אידעע זיינען צו דער „אינדאסטריעל" אויך ניט צוגעשטאנען; זיי האבען נאר געהאט א געלעגענהייט און אן אויסרייד ניט צו באלאנגען צו קיין אנדער יוניאן.

דיזעלבע מגפה האט זיך אין אונזערע יוניאנס אויך אריינגעכאפט, און גראדע זיינען די באצילען אריינגעבראכען אין שניידער־לאקאל. גלייך ווי די אידעע איז באקאנט געווארען, האט דער שניידער־לאקאל באשלאסען, אז אזוי ווי עס איז ארויסגעקומען א נייע וויסענשאפטליכע מעטאדע צו ארגאניזירען יוניאנס און אזוי ווי די שניידער פאלגען אימער נאך די לעצטע וויסענשאפטליכע מעטאדען, דארפען זיי, הייסט עס, אנפאנגען שטודירען דעם אינדאסטריאליזמוס. דער שניידער לאקאל האט ארגאנזשירט דעניעל דעליאן און

פרעזידענט שערמאַן פון דער אינדאַסטריעל צו לעקטשורען איבער דיעזער נייער מעטהאָדע.

ברודער פּאָליאַקאָף, וועלכער האָט דאַמאָלסט געאַרבייט אין שיקאַגאָ, איז, גלייך ווי ער האָט דערזעהן אין „פאָרווערטס“ אַן אַדווערטייזמענט, אַז ביים שניידער־לאָקאַל געהט מען לעק־טשורען איבער אינדאַסטריאַליזמוס, געקומען נאָך ניו יאָרק צו זאַטעווען זיין לאָקאַל פון אונטערגאַנג. ביי די שניידער־מיטינגען האָבען זיך די דיסקוסיאָנען אָנגעפאַנגען און דער לאָקאַל האָט זיך צוטהיילט אין צוויי פראַקציאָנען: קירשענבוים און לעפקאָוויטש האָבען פערטראַטען דעם אינדאַסטריעלען פליגעל; פּאָליאַקאָף און אַ געוויסער ספּערלינג האָבען פערטראַטען די געגנערשע זייט.

אָבקעמפּפענדיג אַזוי אַ פּאָאָר מאָנאַטען, האָבען די קעמ־פּפער ניט בעמערקט, אַז די מיטגליעדער האָבעןביידע צדדים געהאַט אין דער ערד און זיינען אַוועק פון דער יוניאָן, איבער־לאָזענדיג די קעמפּפער, אַז זיי זאָלען זיך די נעזער אָברייסען.

ביי די אָפּרייטאָרס האָט מען גלייך פון אָנפאַנג ניט גע־לאָזען אַ וואָרט דערמאָהנען וועגען דער אינדאַסטריעל, כדי עס זאָל ניט קומען צו אַ שפּאַלטונג. דער קאַמפּף האָט נאָר געפּלאַ־קערט ביי די שניידער. עס איז אַזוי ווייט געקומען, אַז מען האָט לעפקאָוויטשען בעשולדיגט, אַז ער איז אַ סקעב־אַגענט און אַ פעררעטהער צו דער יוניאָן. די געשיכטע איז געווען די בּאַלגענדע.

אין דעם קאַפּען־טרייד האָט זיך דאַמאָלסט געגרינדעט אַן אינדוסטריעלע יוניאָן אין אָפּאָזיציאָן צו דער עקזיסטירענדער קעפּ־מייקערס יוניאָן. ווען די רעגעלע קעפּ־מייקערס יוניאָן האָט אַרויסגערופען אַ סטרייק אין אַ געוויסען שאָפּ, זיינען די אינדאַסטריאַליסטען אַרויף אַרבייטען אַלס סקעבס, נאָר אַזוי ווי די פּרינציפּיעלע סקעבס האָבען געוואָלט פערהיטען זייער ביסעל ביינער, פלעגען יעדען פאַרנאַכט אַרונטערקומען צום שאָפּ אַ פּאָר דאָזען אינדאַסטריאַליסטען אָבצופיהרען די סקעבס

אהיים, און לעפקאָוויטש איז בעשולדיגט געוואָרען אין זיין איינער פון די „אונטערפיהרערס".

ווען די קלאַגע געגען איהם איז עפענטליך געמאַכט געוואָרען ביים מיטינג פון לאָקאַל 9, האָט זיך לעפקאָוויטש שטאַרק צואווינט, אז איהם, אלס א פּרינציפּיעלען מענשען, זאָל מען בעשולדיגען אין אזא פּעררעטה, און גלייך ביים מיטינג האָט ער רעזיגנירט אלס מעמבער פון דער יוניאָן. שפּעטער א ביסעל איז קירשענבוים אויך ארויסגעגאַנגען פון דער יוניאָן, און נאָכדעם ווי ספּערלינג איז געוואָרען א דעזיינער, איז פּאָליאַקאָף אליין געבליבען דער לאָקאַל 9 און גייער דער סעקרעטער פון „לאָקאַל פּאָליאַקאָף"...

די בעוועגונג האָט ניט וועניג צרות אָנגעמאַכט. ווען מען האָט ביי א מאַנופעקטשורער געפאָדערט א גרעסערען פּרייז, האָט ער גלייך געסטראַשעט, אז די אינדאַסטריאַלניקעס וועלען ביי איהם ארבייטען ביליגער. עס האָט פּאַסירט א פאַל, וואָס האָט קלאָר ארויסגעשטעלט דעם כאַראַקטער פון די זאָגענאַנטע אינדאַסטריאַלניקעס.

אונזער יוניאָן האָט ארויסגערופען א סטרייק ביי פריעדמאַן בראָדהערס און אין א וואָך אָדער צוויי, ווען דער סטרייק איז גוסעטעלט געוואָרען און ברודער גראָסמאַן, אונזער ביזנעס אייזשענט, איז ארויפגעקומען מיט די סטרייקערס, האָט ער דאָרטען געטראָפען 3 סקעבס ארבייטענדיג. זיי האָבען נאַטירליך געקליימט, אז זיי זיינען יוניאָן־לייט פון דער אינדאַסטריעל און אז זיי מעגען ארבייטען. נאָר גראָסמאַן האָט אויף דעם ניט געקוקט און האָט זיי ארונטערגענומען פון שאָפּ. זיינען די 3 אינדאַסטריעלע סקעבס אוועק אין קאָורט און האָבען אָנגעקלאָגט די ברידער שלעזינגער און גראָסמאַן פאַר קאָנספּיראַציע, און מר. טשאַרלי פריעדמאַן, פון דער פירמע פריעדמאַן בראָס., איז ערשיענען אין קאָורט אלס עדות געגען דער יוניאָן. פון דער קלאַגע איז, זעלבסטפערשטענדליך, גאָר ניט געוואָרען, נאָר דערווייל האָבען זיי אונז אָנגעמאַכט טראָבעל און די פּרייזען זיינען שרעקליך געזונקען.

די אינדאַסטריאַלניקעס, פון דער צווייטער זייט, האָבען אויך געטרייעט צו אָרגאַניזירען שפּעטער, נאָר עס האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען. אזוי שנעל ווי זיי האָבען עטוואָס געפּאַ־רעט ביי א באָס, האָט מען זיי געסטראַשעט, אז מען וועט אַרויפנעהמען אַרבייטער פון דער אַלטער יוניאָן. עס האָט א מאָל פּאַסירט, אז אונזער אָפיס האָט ערהאַלטען א טעלעפאָן־מעסעדזש פון א געוויסען מאַנופעקטשורער אין 31 וועסט 4טע סטריט, אז ער וויל סעטלען מיט דער יוניאָן און מען זאָל איהם שיקען א דעלעגאַט. ווען דער דעלעגאַט איז אַרויף אין שאַפּ, האָט ער געטראָפען דעם גאַנצען שאַפּ לעער און אויף דער פראַגע, וואו זיינען די אַרבייטער? האָט דער מאַנופעקטשורער איהם ערקלעהרט, אז עפּעס א מאַן פון דער אינדאַסטריעל איז אַרויפ־געקומען און אַלעמען אַרונטערגענומען אין סטרייק. אויב, זאָגט ער, איך מוז סעטלען מיט דער יוניאָן, איז שוין פאַר מיר גלייכער צו סעטלען מיט דער אַלטער יוניאָן, ווייל זיי זיינען דאָך מעהר פעראַנטוואָרטליך פאַר זייער אַגרימענט, וואָס זיי סיינען. נאַ־טירליך, אונזער דעלעגאַט האָט דעם מאַנופעקטשורער ערקלעהרט, אז יעצט קען ער מיט איהם קיין סעטעלמענט ניט מאַכען, ביז וואַנען אַלע אַרבייטער וועלען ניט אַרויפגעהן צוריק אין שאַפּ.

איין וויכטיגען סטרייק האָבען די אינדאַסטריאַלניקעס יא אָנגעפיהרט, פאַר וועלכען זיי קומט קרעדיט. דאָס איז געווען ביי דער פירמע א. בעללער און קאָ. טראָץ דעם, וואָס זיי האָט געפעהלט די מאָראַלע און פינאַנציעלע שטיצע אויפצוהאַלטען זייערע סטרייקערס און אַלע האָבען געוואוסט, אז זיי מוזען דעם סטרייק פערלירען, האָבען זיי דאָך דעם סטרייק ניט אויפ־געגעבען, ביז ענדע פון צעהן וואָכען, נאָכדעם ווי א פּאָאָר אינ־דזשאַנקשאָנס זיינען געגען זיי אַרויסגענומען געוואָרען.

שפּעטער א ביסעל, ווען די פיהרער פון דער אינדאַסטריעל האָבען זיך אָנגעפאַנגען צרומצופייטען צווישען זיך און פון איין אינדאַסטריעל איז געוואָרען דריי, נעמליך: די שערמאַן פראַק־ציאָן, די טראַוטמאַן פראַקציאָן און די דעליאָן פראַקציאָן, האָ־בען די אַרבייטער שוין ניט געוואוסט, וועלכע פראַקציאָן עס

איז די ריכטיגע. יעדע פראקציאָן האָט בעהויפּטעט, אז די אַנדערע זיינען פּייקערס, האָבען שוין אַלע דריי פראַקציאָנען פערלאָרען דעם מאָראַלען איינפלוס אויף די ארבייטער און זיי האָבען אויפגעהערט צו עקזיסטירען אלס א פאַקטאָר אין דער ארבייטער בעוועגונג און די יוניאָנס האָבען אַנגעפאַנגען צוזאַמענצוקלייבען זייערע צושפּליטערטע קרעפטען.

דורך דער צייט פון פערוויסטונג און פערניכטונג זיינען די פרעסערס געווען די יעניגע, וואָס האָבען געליטען אם מעהרסטען. דער קאָנטראַקטינג סיסטעם ביי די פרעסערס האָט זיך צובליהט אם שטאַרקסטען, און אזוי ווי עס איז קיין יוניאָן ניט געווען אויפצוהאַלטען די פרייזען, האָט איין פרעסער קאָנקורירט מיט'ן צווייטען אין ארונטערלאָזען די פרייזען. קוים האָט א פרעסער געהאַט 50 דאָלאַר צו געבען א באָס סעקיוריטי, איז ער גלייך געגאַנגען און ארויסגעשטויסען א צווייטען קאָנטראַקטאָר־פרעסער פון פּלאַץ און איז אליין געוואָרען א קאָנטראַקטאָר. נאַטירליך, האָט ער געאַרבייט פאַר קלענערע פרייזען, ווי דער פאָריגער קאָנטראַקטאָר. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אז אַלטע פרעסערס, וואָס האָבען ניט געהאַט דאָס גליק צו ווערען קאָנטראַקטאָרס, האָבען געמוזט ארבייטען פאַר די קאָנטראַקטאָרס פאַר האַלב אומזיסט. צעהן און צוועלף דאָלאַר א וואָך איז געווען דאָס העכסטע, וואָס א פרעסער האָט פערדיענט. זומער־צייט, ווען טויזענדער פרעסערס געהען ארום אין גאַנצען אָהן ארבייט, פלעגען זיי זיך הונדערטערווייז צוזאַמענקלייבען אין געוויסע האַלס צו דיסקוטירען איבער זייער שרעקליכען צושטאַנד. נאָר מען איז שטענדיג געבליבען נאָר ביים ריידען.

אונזערע לייטע האָבען זיי געוואָלט בעאיינפלוסען, אז זיי זאָלען זיך אָנשליסען אָן אונזער יוניאָן, נאָר אזוי ווי מיר זיינען געבראַנדמאַרקט געוואָרען פון די אינדאָסטריאַלניקעס אַלס פּייקערס און בודלערס, האָבען די פרעסערס פון אונז ניט געוואָלט וויסען. דאָס זעלבע האָבען זיי אויך געטהאָן מיט דער אינ־דאָסטריעל יוניאָן. יענע האָט כמעט ווי ניט עקזיסטירט. און

זייענדיג פּראַקטישע מענשען, האָבען זיי בעשלאָסען זיך צו אָרגאַניזירען אינדעפּענדענט: ערשטענס, װעלען זיי ניט דאַרפען איינצאָהלען א דאָלאַר אָדער צוויי איינטריטס־געלד; צווייטענס װעלען זיי ניט דאַרפען בעלאַנגען אין א „פייקערשע" יוניאָן. עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אַז די איינטריטס־געלד זאָל זיין ניט מעהר ווי צעהן סענט, און אין א פּאָר װאָכען צייט האָבען זיך אָנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן ארום א טויזענד פּרעסערס. שפּעטער א ביסעל האָבען זיי געדונגען א לייבאָר־ביוראָ אין דער פערטער סטריט, גראַדע געגענאיבער אונזער אָפיס, און אויפ'ן פייער־עסקייפּ האָבען זיי ארויסגעהאַנגען א װייטען סיין מיט אַן אָדלער, װעלכער איז געווען זייער עמבלעם.

דיעזע יוניאָן האָבען מיר גערופען „די שנאַפּס־יוניאָן", ווייל די צעהן־סענטיגע, וואָס זיי האָבען איינגעצאָהלט, האָבען זיי אָבגעשפּאָרט פון א טאָג ניט טרינקען קיין שנאַפּס.

דיעזע אינדעפּענדענט יוניאָן איז געוואָרען שטאַרקער פון טאָג צו טאָג און אין פּיעלע שעפּער האָבען זיי גערייזט די פּרייזען צווישען דריי און פּינף דאָלאַר א וואָך. ווען זיי וואָל־טען אָנגעגאַנגען מיט זייער ארבייט לאַנגזאַם, וואָלטען זיי נאָך דאַמאָלסט געקענט אויפבויען א שטאַרקע יוניאָן. די צרה איז אָבער געווען, אַז מען איז געקראָכען אויף א גלייכע װענט. א סטרייק איז ארויסגערופען געוואָרען ביי מאַקס סאָלאָמאָן, וואו מעהר ווי הונדערט פּרעסערס האָבען געארבייט, און אָבוואָהל אונזער יוניאָן האָט מיט זיי קיין געמיינשאַפטליכעס ניט געהאַט און אונזערע סקווירט־מאַכערס זיינען דאָרט אויך ניט געווען שטאַרק אָרגאַניזירט, דאָך האָבען מיר אינסטרואירט אונזערע מיטגליעדער, די סקווירט מאַכער, זיי זאָלען אין שאַפּ יוזען זייער איינפלוס, אַז מאַקס סאָלאָמאָן זאָל מיט די פּרעסערס סעטלען.

נאָך א צוויי אָדער דריי טעג סטרייקען האָבען זיי זייערע פאָדערונגען געוואונען. דער קאָנטראַקטאָר־פּרעסער איז ארונ־טערגעשיקט געוואָרען און די פּרייזען זיינען געהעכערט געוואָרען. דיעזער זיעג האָט זיי שטאַרק בעגייסטערט און דעם צוויי־

טען סטרייק האבען זיי ארויסגערופען ביי ר. סאדאפסקי, וואו עס האבען אויך געארבייט הונדערט און פופציג פרעסערס. דיעזער סטרייק איז שוין ניט אזוי לייכט צוגעגאנגען. עס האבען זיך שוין געיאוועט סקעבס. אויך האט מען שוין עפעס אונטערגעמורמעלט, אז די ליעדערס האבען געמאכט קונקעל־מונקעל ביזנעס מיט סאדאפסקי'ן, און דער סטרייק איז שוין ניט געסעטעלט געווארען אזוי ווי די פרעסערס האבען זיך פארנעשטעלט. אין דער יוניאן האט זיך אנגעפאנגען א רייסעריי. איינער האט דעם צווייטען בעשולדיגט אין פערקויפען דעם סטרייק, און פיעלע מיטגליעדער פון דער יוניאן זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז מען דארף זיך פעראייניגען מיט דער אלטער יוניאן.

די יוניאן, אלס א גאנצע, וואלט נאך פיעלייכט דורכדעם אויך ניט צו גרונדע געגאנגען, ווען עס וואלט זיך ניט געמאכט דער פאל ביי מאקס סאלאמאן, וואו א געוויסער פרעסער האט דעם סופעראינטענדענט געוואלט דערלאנגען מיט אן אייזען איבער'ן קאפ דערפאר, וואס ער האט איהם געוואלט צווינגען צו ארבייטען אווערטיים. גלייך ווי דער פרעסער איז ארונטערגעשיקט געווארען, זיינען אלע איבעריגע פרעסערס אויך ארונטער סטרייקען.

איניגע טעג שפעטער האבען זיך די סטרייקענדע פרעסערס געווענדעט צו אונזער יוניאן, מיר זאלען ארונטערנעהמען אין סטרייק אלע סקווירט־מאכער פון מאקס סאלאמאן'ס שאפ. מיר האבען זיך ענטזאגט דאס צו טהאן. מיר האבען געוואוסט, אז מיר האבען ניט קיין פינאנציעלע מיטלען אויפצוהאלטען פינף הונדערט ארבייטער אין סטרייק. אויך האבען מיר געוואוסט, אז מאקס סאלאמאן איז פאלשטענדיג ענטשלאסען און גוט פארבערייטעט אונז צו בעקעמפפען, וואס מיינט פאר אונזער יוניאן גאנץ איינפאך צו בעגעהן זעלבסטמארד. און טראץ דעם, וואס די סקווירט מאכער האבען זיך געריסען און האבען געוואלט געהן סטרייקען און האבען זאגאר דער יוניאן געסטראשעט, אז אויב מען וועט זיי ניט לאזען סטרייקען, וועלען זיי

װערען אוים יוניאָן־לייט, האָט דאָך אונזער יוניאָן פאַר דעם זיך ניט אָבגעשראָקען און האָט די ארבייטער ערקלעהרט, אַז איידער מאַקס סאָלאָמאָן׳ס ארבייטער זאָלען װערען אוים יוניאָן־לייטע נאָכדעם װי מיר װעלען פערלירען דעם סטרייק, זאָלען זיי בעסער װערען אוים יוניאָן־לייטע יעצט, און דאָס װעט אַם װעניגסטען ניט קאָסטען אַזוי פיעל געלד.

דער רעזולטאַט איז געװען, אַז דער פרעסער־סטרייק איז פערלאָרען געגאַנגען, און דאָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דער אינדעפּענדענט פרעסער־יוניאָן.

XXV

די יוניאָן אין יאָהר 1907 און דער דזשענעראַל סטרייק פון די ריפער מייקערס.

נאָכדעם װי די אינדוסטריעלע מגפה האָט אַ ביסעל נאָכגעלאָזען און די „שנאַפּס יוניאָן“ איז אָבגעשטאָרבען, האָט אונזער יוניאָן אָנגעפאַנגען אויפצולעבען. די מאַסען האָבען אָנגעפאַנגען צו פערשטעהן, אַז די אינדוסטריעלע אידעאַלען זיינען נאָך פאָרלויפיג בלויז חלומות און אויב די ארבייטער װעלען שוין זיין רייף איינצופיהרען אַזאַ סיסטעם פון אָרגאַניזאַציאָן, װעט עס אויך קענען איינגעפיהרט װערען דורך די יעצטיגע עקזיסטירענדע אָרגאַניזאַציאָנען, פערמיידענדיג דערביי די אָרגאַניזירונג פון אָפּאָזיציאָנס־יוניאָנס. אויך האָבען שוין די מאַסען פערשטאַנען, אַז מיר זיינען ניט קיין פייקערס און בודלערס, װי די אינדאַסטריאַליסטען האָבען אונז פאַרגע־שטעלט. שלעזינגער׳ס אַנװעזענהייט אַלס מענעדזשער אין אונזער יוניאָן האָט אויך מעהר אָדער װעניגער בייגעטראָגען צו דעם צוטרויען פון די מאַסען צו דער יוניאָן.

זיי האָבען זיך אויך אַרומגעזעהן, אַז אויב די ריפער מייקערס, װעלכע זיינען כמעט אַלע געװען גרינע, האָבען אין אַזאַ קורצער צייט אויפגעבויט אַ שטאַרקע יוניאָן און האָבען

זייער טרייד פערבעסערט אויף וועניגסטענס הונדערט פראָ־צענט, וועלען עס די אַלטע קלאָוקמאַכער אויך קענען טהאָן, ווען זיי וועלען נאָר האָבען אַ שטאַרקע דיסציפּלינירטע יוניאָן. און דורך דער צייט האָט אונזער יוניאָן אָנגעפאַנגען צו אַרבייטען לאַנגזאַם און זיכער.

אין דער זעלבער צייט האָבען מיר אויך ניט פערגעסען צו וואַטשען די אינטערעסען פון די ריפער מייקערס יוניאָן.

אין יענער צייט האָט מען אין ריפער טרייד ניט גע־וואוסט פון ספּרינג אַרבייט. דער איינציגער סיזאָן, וואָס זיי האָבען געהאַט, איז געווען דער ווינטער־סיזאָן, וועלכער פלעגט זיך געוועהנליך אָנפאַנגען אין מאָנאַט אַפּריל און ענדיגען אין נאָוועמבער. די עטליכע מאָנאַטען צווישען דעם סיזאָן זיינען די שעפּער אין גאַנצען געשלאָסען געווען און דורך די סלעק האָבען אימער די באָסעס געזוכט מיטלען ווי פּטור צו ווערען פון דער פערפלוכטער יוניאָן.

דורך דיעזען סלעק־סיזאָן זיינען די ריפער מאַנופעקטשו־רערס זיך אויך צוזאַמענגעקומען, אום דורכצורעדען זיך וועגען דעם זעלבען ענין און זיי האָבען זיך אָרגאַניזירט אין אַן אַסאָ־סיאיישאָן, נאָר ניט אַזאַ געבלאָפטע אַסאָסיאיישאָן ווי די ערשטע, ווען זייער אייגענער פּרעזידענט האָט זיי פאַרראַטען און האָט דער ערשטער געסעטעלט מיט דער יוניאָן. אין דיע־זער אַסאָסיאיישאָן האָט יעדער מאַנופעקטשורער געמוזט געבען פאַר טויזענד דאָלאַר נאָוטס אַלס סעקיוריטי, אַז ער וועט איהר ניט פעררעטהען און וועט ניט סעטלען מיט דער יוניאָן.

מר. ווײנשטיין, פון דער פירמע ווײנשטיין בראָס., איז געוואָרען פּרעזידענט, און אַ געוויסער בלומענפעלד, פון דער פירמע אַפּעלבוים בראָס., איז געוואָרען דער סעקרעטער.

מיר האָבען גלייך פערשטאַנען, אַז דיעזע אַסאָסיאיישאָן וועלען מיר ניט קענען אָבנאַרען, אַזוי ווי מיר האָבען עס גע־טהאָן מיט אַ יאָהר צוריק; אַז מיר וועלען מוזען דורכמאַכען אַ שטאַרקען קאַמפּף, אום אונזער עקזיסטענץ צו פערזיכערען, און גלייך ווי די מאַנופעקטשורערס האָבען אין מאָנאַט יאַנואַר

אַנגעפאַנגען צו מאַכען אַ ביסעל ווינטער־סעמפּעלס, האָבען מיר אונזערע אַרבייטער אַנגעפאַנגען פאַרצובערייטען פאַר'ן דזשע־נעראַל סטרייק, וועלכער איז אונפערמיידליך געווען.

מיר האָבען געוואוסט, אַז די ריפּער מייקערס זיינען גאָר גוטע סטרייקערס, נאָר ווי אַנצופיהרען אַ סטרייק האָט קיינער פון זיי ניט געהאַט די מינדעסטע אהנונג. דאַרום האָט די דזשאָינט באָאָרד אַפּאָינטעט איהרע אַ קאָמיטע צו מאַכען די נויטיגע פאַרבערייטונגען און אַנצופיהרען דעם סטרייק, ווען ער וועט אויסברעכען.

די אַרבייט איז איינגעטהיילט געוואָרען אויף'ן פאָלגענדען אופן: ברודער שלעזינגער זאָל זיין דער טרעזשורער ווי אויך דער טשערמאַן פון דער פּרעס־קאָמיטע; בר. הערמאַן גראָסמאַן זאָל אַכטונג געבען אויף די קאָורט־קייסעס; ברודער פּאָליאַקאָף און דער שרייבער פון די שורות זאָלען אויסצאָהלען רעליעף און סטרייק־בענעפּיט. איינינע זיינען אַפּאָינטעט געוואָרען אַכטונג צו געבען, אַז די פּיקעטס זאָלען אימער אין צייט אַרויסגעשיקט ווערען. עס זיינען בעשטעלט געוואָרען האָלס, וואו די סטריי־קער זאָלען מיטען, אום דאָס ווען די צייט וועט קומען, זאָל אַלעס זיין פיקס און פאַרטיג.

די מאַנופעקטשורערס, זעהענדיג אונזערע פאַרבערייטונגען, האָבען זיך אויך גענומען צו דער אַרבייט, און די פראַגע איז יעצט נאָר געווען, ווער זאָל געבען דעם ערשטען שאָס?

נאָך אַ לאַנגען איבערלעגען זיך, איז ביי אונז געבליבען, אַז מיר זאָלען זיין די אַנגרייפער. אונזער רעכענונג איז געווען דער פאָלגענדער: אויב מיר זאָלען לאָזען די מאַנופעקטשורערס אויפמאַכען זייערע סעמפּעלס און דופּליקייטס, וועלען זיי אונז דאַן קענען לאָזען סטרייקען וועניגסטענס ביז אין מיטען דזשולײַ, און אין מאַי, ווען עס ווערט שוין סלעק אין די קלאָוק־שעפּער, וועט פאַר די באָסעס לייכטער זיין צו געפינען סקעבס, ווייל אַרבייטסלאָזע קלאָוקמאַכער, און נאָך דערצו די גרויסע מאַסע ניט־יוניאָן לייטע, וועלען דאַנקען גאָט, אַז זיי קריגען אַ דזשאָב פאַר צעהן דאָלאַר אַ וואָך. דאַרום איז ביי אונז געבליבען צו

רופען די סטרייקס אין מאָנאט מארטש, דאַן ווען אונזערע קלאָוקמאַכער זיינען געלעגען אין די שעפּער פארלעגט מיט באַנדעלס און האָבען אפילו קיין צייטונג ניט געלעזען צו וויסען אויבערגעץ איז גאָר דאָ אַ סטרייק. צווייטענס זיינען נאָך אין מארטש ניט פאַרטיג געווען די סעמפּעלס און מיר האָבען געדענקט די מאַנופעקטשורערס צודריקען צום וואַנד.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך געמאַכט אַ טראָבעל ביי דער קלאָוק און סוט פירמע „בערגמאַן און טוירקעל“. דער שאַפּ־דעלעגאַט איז דאָרטען אַרונטערגעשיקט געוואָרען און אַלע איבעריגע אַרבייטער פון שאַפּ, וועלכע זיינען געווען יוניאָןלייט, זיינען אַרונטער אין סטרייק.

די יוניאָן, פון איהר זייט, האָט געטהאָן אַלעס מעגליכעס דעם סטרייק צו געווינען. סטרייק־בענעפיט איז רעגעלמעסיג געצאָהלט געוואָרען, אויך אין אַזאַ סומע, וואָס זאָל מעגליך מאַכען צו עקזיסטירען. די וואָך פון פסח האָבען די סטרייקער געקראָגען צו פופצעהן און אַכצעהן דאָלאַר סטרייק־בענעפיט. די אָפּפערוויליגקייט און די העלדענטהאַטען פון די סטרייקער איז גאָר ניט צום בעשרייבען. איינער אַ פינישער, אַ געוויסער קאַפּלאַן, אַ איד פון אַרום 70 יאָהר, פלעגט יעדען פריהמאָרגען און אַבענד אַרויסגעהן פּיקעטען דעם שאַפּ צוזאַמען מיט די יונגע סטרייקער, און האָט זיך אויך ניט געפוילט אַ מאָל צו ריידען מיט אַ סקעב, ווען עס איז נויטיג געווען. ווען דער אַלטער קאַפּלאַן פלעגט מערקען, אַז וועלכע ניט איז פון די סטרייקערס פיהלען זיך שוואַכלעך, איז ער געווען דער יעניגער, וואָס פלעגט זיי אַריינגעבען מוטה. ער האָט אויך פיעלע מאָל אָנגעבאָטען זיינע אייגענע געלד צו באָרגען די יעניגע סטרייקערס, וואָס האָבען זיך שטאַרק גענויטיגט אין דעם.

רעדענדיג וועגען די האַנדלונג פון דיעזען אַלטען איבערגעבענעם יוניאָן־מאַן, האָבען מיר זיך דערמאָהנט אָן אַ געוויסען פאַל, וואָס האָט פּאַסירט אין אַן אַנדער סטרייק. איינער פון אונזערע סטרייקער איז דאַמאָלסט אַרעסטירט געוואָרען פאַר פּיקעטען. דער דזשאַדזש האָט איהם פעראורטהיילט אויף צעהן

טעג אין וואָירק־האַוז. די יוניאָן האָט געטרייעט דעם בעַ־טרעפּענדען סטרייקער אַרויסצוגעהמען, נאָר עס האָט געדאַרפט קאָסטען פופציג דאָלאַר, וועלכע די יוניאָן האָט ניט געקענט ספּענדען. דער סטרייקער, זיצענדיג אין פּריזאָן, האָט זיך דער־וואוסט, אַז די יוניאָן וויל ספּענדען פופציג דאָלאַר פאַר זיין בעפרייאונג, האָט ער געלאָזט וויסען אונזער לאָיער, מאיר לאָנ־דאָן, אַז ער וויל בעסער אָבזיצען די צעהן טעג, איידער די יוניאָן זאָל ספּענדען אויף איהם אזא גרויסע סומע.

האָבענדיג דיעזען פאַל אין זינען און זעהענדיג פאַר זיך די איבערגעבענהייט פון דעם אַלטען מאַן, וועלכער האָט ביי אונז אויסגעזעהן ווי אַ הייליגער, האָבען מיר געקראָגען מוטה. אין די שווערסטע צייטען, ווען די סטרייקערס האָבען זיך גע־פיהלט אַ ביסעל ענטמוטהיגט, האָט דער אַלטער מאַן מיט דער גרייז־גרויער באָרד בלויז געדאַרפט זאָגען אַ פּאָר ווערטער און אַלעס איז ווידער לעבעדיג געוואָרען.

דער סטרייק האָט זיך געצויגען אַרום פינף מאָנאַטען און ער וואָלט זיכער געוואונען געוואָרען. אָבער אין מיטען דערינען האָט אויסגעבראָכען דער דזשענעראַל סטרייק פון די ריפער מייקערס און וועלענדיג מאַכען אַ סוקסעס פון דעם גרעסערען סטרייק, איז שוין ממילא דער סטרייק פון בערגמאַן און טויר־קעלס אַרבייטער פערגאַכלעסיגט געוואָרען. זאָגאַר בערגמאַן און טוירקעלס סטרייקערס אַליין האָבען אָן זייער סטרייק אין גאַנצען פערגעסען און האָבען זיך אַריינגעוואָרפען אין דעם ריפער מייקערס סטרייק.

אין מאַרטש 1907 האָט די דזשאָינט באָארד אויסגעאַר־בייט פאָדערונגען צו שטעלען צו די ריפער מאַנופעקטשורערס. די הויפּט־פאָדערונגען זיינען געווען, אַז די באָסעס זאָלען די אָפּרייטאָרס געבען מאַשינען, נידעלס, סטראַפּס און שאָטעלס פריי; די אָבשאַפונג פון קאָנטראַקטינג־סיסטעם ביי די פּרע־סערס און די אָבשאַפונג פון סעקשאָן־אַרבייט ביי די אָפּ־רייטאָרס.

די דזשאָינט באָארד האָט אויך בעשלאָסען ניט צו שטעלען

די פאָדערונגען צו אַלע מאַנופעקטשורערס אין דער זעלבער צייט, ווייל מיט דעם האָבען מיר געדענקט ווען מיר פיעלייכט קענען אויסמיידען אַ דזשענעראַל סטרייק, און צווייטענס איז נאָך אין פיעלע שעפּער קיין שטאָך ארבייט ניט געווען און עס וואָלט גאַנץ איינפאַך געווען אַן אונזין צו סטרייקען אין אַזאַ צייט.

מיר האָבען בעשלאָסען פאָרצולעגען אונזער אַגרימענט צו ווײַנשטיין בראָס., ווייל זיי זיינען געווען די גרעסטע מאַנופעק־טשורערס אין טרייד און זיי האָבען שוין געהאַט אַ ביסעל ארבייט. אויסער דעם איז איינער פון דער פירמע דאָך געווען דער פּרעזידענט פון דער ריפער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיי־שאָן, און אַז אַנפאַנגען אַ קאַמפּף, זאָל מען שוין אַנפאַנגען מיט אַ וויכטיגען באָס!

ברודער שלעזינגער, אונזער מענעדזשער, האָט אונזער אַגרימענט פאָרגעלעגט פאַר דער פירמע ווײַנשטיין בראָס. נאָר אָנשטאָט גלייך צו געבען אַן ענטפער, האָט מר. ווײַנשטיין ערקלערט, אַז אַזוי ווי ער בעלאַנגט אויך צו אַ יוניאָן פון מאַ־נופעקטשורערס, וועט ער דיזען אַגרימענט פאָרלעגען ביינאַכט צו זיין יוניאָן און מאָרגען וועט ער געבען אַ בעשטימטען ענט־פער. די ארבייטער האָבען שוין ניט געקענט איינזיצען אויף זייערע פּלעצער. זיי האָבען גאָר ניט געוואָלט וויסען פון וואַר־טען אויף מאָרגען; עס האָט ניט געהאָלפען שלעזינגער'ס טענה'ן מיט זיי, אַז זיי זאָלען האָבען געדולד און וואַרטען ביז מאָרגען; די קאַמפּפס־לוסטיגקייט האָט זיך שוין ביי זיי ערוועקט, און אַלע, ווי איין מאַן, אָפּרייטאָרס, פינישערס, קאַטערס און פּרע־סערס, זיינען ארונטער סטרייקען.

דעם זעלבען אבענד האָט די אַסאָסיאיישאָן אָבגעהאַלטען אַ מיטינג און אַ פּלאַן איז אויסגעארבייט געוואָרען צו פייטען די יוניאָן. מיר האָבען נאַטירליך ניט געוואוסט גענוי אין וואָס זייער פּלאַן בעשטעהט, נאָר מיר האָבען יעדענפאַלס ערוואַרטעט אַ לאָק־אוט פון אַלע ארבייטער און דעם זעלבען אבענד האָבען מיר שוין געמאַכט אַלע פאָרבערייטונגען אויפצונעהמען אונ־

זערע ארבייטער אזוי שנעל ווי זיי וועלען ארונטערגעשיקט
ווערען פון די שעפּער.

אויפ'ן צווייטען טאָג, — דאָס איז געווען א פרייטאָג, —
זיינען ארומגעגאנגען א פּאָר ריפּער מאנופעקטשורערס פון שאַפּ
צו שאַפּ און האָבען אויפגעהאנגען גרויסע סיינס מיט דעם פאָל־
גענדען אינהאלט: „דיעזער שאָפּ וועט פון דעם ערשטען אפּריל
אָן זיין אַן אָפּען־שאָפּ. ביי אָרדער אָוו די ריפּער מאנופעק־
טשורערס אַסאָסיאיישאָן".

אזוי שנעל ווי דאָס האָט פּאסירט, האָבען די ארבייטער
אָנגעפרעגט דורכ'ן טעלעפאָן אין אונזער אָפיס, וואָס זיי זאָלען
טהאָן. אונזער ענטפער איז געווען, אַז זיי זאָלען גלייך פער־
לאָזען זייערע שעפּער. אלע ארבייטער האָבען פּינקטליך אויס־
געפיהרט אונזער אָרדער און ביז פינף אוהר פארנאכט זיינען
ארום טויזענד ארבייטער ארונטערגעגאנגען סטרייקען פון 56
שעפּער.

דער סטרייק איז געווען א פערביסענער פוןביידע זייטען.
די מאנופעקטשורערס האָבען זיך בענוצט אי מיט דער געוועהנ־
ליכער פּאָליציי־פּראָטעקשאָן, אי מיט א גאנצע ארמעע פּראָ־
פעסיאָנעלע שלעגער, וועלכע זאָלען ממית'ען די סטרייקער ביי
יעדער געלעגענהייט.

די גרעסטע צאָהל סטרייקער האָבען אויסגעזעהן ווי פער־
וואונדעטע סאָלדאטען, וואָס קומען פון שלאכט־פעלד. אז איהר
פלעגט אריינקומען אין די לאָקאלען, וואו די סטרייקער האָבען
זיך פערזאמעלט, האָט זיך אייך אויסגעדוכט, אז איהר זייט אין
א האָספּיטאל. מאנכע זיינען ארומגעגאנגען מיט באנדאזשיר־
טע קעפּ. אנדערע מיט אויסגעהאקטע צייהן, צובראָכענע נע־
זער און אזוי צוקיילטע און צובייל טע.

אונזערע סטרייקערס פלעגען ארעסטירט ווערען יעדען טאָג
אין די צעהנדליגע. אין א געוויסען שאָפּ איז ארויסגעגאנ־
גען א קאָמיטע פון 25, איז די גאנצע קאָמיטע ארעסטירט גע־
וואָרען. די דזשאַדזשעס האָבען אונז אויך ניט בעהאנדעלט
מיט „זיידענע הענדשקעס". פאַר דער מינדעסטער קיים האָט

מען אונזערע סטרייקערס בשטראָפט מיט 10 ביז 20 דאָלאר. מאנכע טעג פלעגען מיר מוזען בעצאָהלען צווישען דריי און פיער הונדערט דאָלאר אין שטראָפען.

נאָר די אַלע פערפאָלגונגען האָבען אויף אונזערע סטריי־קער ניט געמאַכט דעם מינדעסטען איינדרוק און האָבען ניט אָבגעשוואַכט זייער ענטשלאָסענהייט. אין געגענטהייל, דאָס האָט נאָך מעהר אויפגערייצט די אַרבייטער צום קאַמפּף. אויב זיי האָבען זיך ניט געקענט אָפּרעכענען מיט די סקעבס, ווייל עס איז געווען זעהר ווייניג פון זיי, האָבען זיי זיך גענומען צו די באָסעס, און יעדער באָס איז געצוואונגען געווען צו האָבען לעבען זיך א פּאָאר דעטעקטיווס זיין נשמה אָבצוהיטען.

די פּיקעטס זיינען געווען אַקטיוו און האָבען אימער גע־טהאָן זייער פליכט. כאַראַקטעריסטיש איז געווען א געוויסער פאַל, וואָס האָט פּאַסירט מיט איינעם פון אונזערע פּיקעטס. א סטרייקער מיט'ן נאָמען דזשייקאָבס, וואָס האָט געפּיקעט א שאָפּ, איז ביים פּיקעטען אַרעסטירט געוואָרען, און אום צו מאַכען די קלאַגע געגען איהם שטאַרקער, האָבען די מאַנופעק־טשורערס, וואָס זיינען אונז בעקאַנט געווען אונטער די נעמען „הינדזשיק" און „פינדזשיק", בעשולדיגט דעם סטרייקער אין אָפּענעם גאַסען־רויב. מיר האָבען דעם אַרעסטירטען געמוזט לאָזען זיצען ביז אין דער־פריה. אין מיטען נאַכט איז דעם דזשייקאָבס' פאָטער געקומען אין די סטרייק־העדקוואָדערס זו־כען זיין זוהן. ער האָט ערקלעהרט, אַז דעם סטרייקערס פרוי דאַרף ענטבונדען ווערען און מען מוז איהם האָבען אין הויז. מיר האָבען דעם פאָטער נאַטירליך ערקלעהרט, אַז דזשייקאָבס איז אַוועקגעשיקט געוואָרען אין א קאָנטרי ארונטערצונעהמען סקעבס און מען קען איהם ניט קריגען ביז אין דער פריה. אין דער פריה, גלייך ווי די קאָורט האָט זיך געעפענט, האָבען מיר איהם אַרויסגענומען אויף בייל און דערביי איהם אויך ער־קלעהרט, אַז זיין פרוי איז דורך דער נאַכט ענטבונדען געוואָרען מיט א צווילינג.

מיר זיינען שטארק איבערראַשט געוואָרען, ווען אָנשטאָט

צו לויפען זעהן וואָס זיין פּרוי מאַכט, איז ער גלייך אוועק פּיקעטען דעם שאַפּ, און ווען מיר האָבען איהם געפּרעגט וועגען דעם, האָט ער אונז ערקלעהרט, אַז ער איז עקסטראַ ארונטער־געגאַנגען צום שאַפּ, כדי דער באָס זאָל זעהן, אַז די יוניאָן האָט איהם ניט געלאָזען זיצען אין דזשייל.

אַזאַ איבערגעבענהייט פון סטרייקער איז ניט געווען קיין זעלטענהייט. מענער און מיידלעך, האַלב־הונגעריגע און האַלב־נאַקעטע, האָבען גאַנצע נעכט געפּיקעט שעפּער אין ניו יאָרק, ברוקלין, בראָנזוויל און אין אַנדערע שטעדטלעך אַרום ניו יאָרק.

די יוניאָן, פון איהר זייט, האָט אויך אַלעס מעגליכעס געטהאָן צו העלפען די סטרייקערס מאָראַליש און פינאַנציעל. אַלע אַקטיווע מיטגליעדער פון דער קלאָוקמאַכערס יוניאָן האָבען זיך אריינגעוואָרפען אין קאַמפּף. פיעלע האָבען אויפגעגעבען זייערע דזשאָבס און האָבען געאַרבייט טאָג און נאַכט צו העלפען געווינען דעם ריפער מייקערס סטרייק. די טרעזשוריעס פון אַלע לאָקאַלס אין ניו יאָרק זיינען געווען אָפען פאַר'ן סטרייק. וויפיעל איינגאַהמען די לאָקאַלס האָבען געהאַט, איז עס אין גאַנצען אויסגעגעבען געוואָרען אויפ'ן סטרייק. אַ חוץ דעם האָט ברודער שלעזינגער דורכ'ן „פאָרווערטס" געזאַמעלט שטיצע פון אַנדערע יוניאָנס און ארבייטער רינג ברענטשעס, וועלכע האָבען זיך זעהר וואַרים אָבגערופען און אַרום צעהן טויזענד דאָלאַר איז צוזאַמענגעקליבען געוואָרען. די סטרייק קאָמיטע האָט געטהאָן אַלעס מעגליכעס, די סטרייקערס צו צאָהלען רעגעלמעסיג סטרייק־בענעפיט יעדע וואָך.

אָבסטרייקענדיג אַרום זיעבען וואָכען און זעהענדיג אַז עס נעהמט נאָך אַלץ ניט קיין ענדע, האָבען די ליעדערס אָנגעפאַנגען דענקען, אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט'ן סטרייק. מיר האָבען גוט געקענט די ריפער מאַנופעקטשורערס און מיר האָבען געוואוסט, אַז די גרעסטע צאָהל פון זיי זיינען ניט אַזעלכע קאַפּיטאַליסטען, וואָס זאָלען קענען אָנהאַלטען אַזאַ לאַנגען סטרייק און מאַכען אַזוי פיעל אויסגאַבען פאַר לאָיערס, דעטעקטיווס און שלעגערס. קיין סקעבס זיינען ניט געווען, און אויב

דער סטרייק פערציהט זיך אזוי לאנג, קען עס אנדערש ניט זיין, אז יעמאנד פון אונזערע אייגענע סטרייקער אדער ליעדערס פיהרען געוויסע פערהאנדלונגען מיט די באסעס און גיבען זיי אינפארמיישאנס פון אונזער צושטאנד און פון אונזערע פלענער.

מאכענדיג א גענויע אונטערזוכונג, האבען מיר אויסגעפונען, אז א געוויסע צאהל פון די סטרייקערס העלפען די מאנופעקטשורערס אינ־ידעקט מיט זייער געלד, אז זיי זאלען קענען אנהאלטען לענגער דעם סטרייק. א סך ארבייטער זיינען געווען לאנדסלייט מיט די באסעס און האבען זייערע געלד געסייפט ביי די באסעס, און די באסעס האבען זייערע ארבייטער געגעבען נאוטס פאר'ן געלד. מיר האבען אויסגעפונען, אז מאנכע מאנופעקטשורערס זיינען שולדיג געווען זייערע ארבייטער פיעלע טויזענדע דאלארס.

די סטרייק־ליעדערס האבען גלייך אויפגעפאדערט אלע סטרייקערס, וואס האבען אזעלכע נאוטס, אז זיי זאלען עס איבערגעבען צו אונזער לאיער, מאיר לאנדאן, פאר קאלעקשאן. די ארבייטער האבען די אויפפאדערונג געפאלגט און געבראכט די נאוטס.

אזוי שנעל ווי א פאר אזעלכע נאוטס זיינען אריינגעגעבען געווארען אין ביינקס פאר קאלעקשאן, האבען די מאנופעקטשורערס דערפיהלט, אז זיי קענען גלייך ווערען קאפוט, אויב זיי וועלען ניט טהאן עטוואס; פאר זיי האט עס איינפאך געמיינט צו באנקראטירען. זייט דאן האבען די מאנופעקטשורערס דערפיהלט, אז זיי האבען פאר זיך אזא שטארקען שונא, וועלכען עס וועט זיי ניט לייכט זיין בייצוקומען. אויך זיינען זיי שוין מיעד געווארען פון די ערסטען און שלעגערייען פוןביידע זייטען און פון די אונגעהייערע אויסגאבען אויף פאליס־דעטעקטיווס און שלעגער, און עס האט אנגעפאנגען בלאזען א פריעדליכער ווינטעל; זיי האבען אנגעפאנגען צו זוכען וועגען ווי אנצופאנגען אונטערהאנדלונגען וועגען א סעטעלמענט.

ביידע צדדים, די מאנופעקטשורערס אזוי גוט ווי די אר־

בייטער, האָבען געוואָלט סעטלען דעם סטרייק, נאָר עס האָט געפעהלט א שדכן, וואָס זאָלביידען צוזאַמענברענגען.

די עטליכע פערזאָנען, וואָס האָבען געפיהרט דעם סטרייק, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען פאַר א בעראטהונג און, בעשפּרע־כענדיג די גאַנצע לאַגע פון אַלע זייטען, איז ביי אונז געבליבען, אַז ברודער שלעזינגער, וועלכער איז געוועזען דער אָפיציעלער סטרייק־ליעדער, זאָל זיך ווענדען צום פערשטאָרבענעם יאָהאַן פּאַליי, דעם דאַמאָלסדיגען רעדאַקטאָר פון „טאָגעבלאַט", אַז ער זאָל אין „טאַגעבלאַט" שרייבען אַן עדיטאָריעל, אויפפאָ־דערענדיג ביידע זייטען, די יוניאָן און די מאַנופעקטשורערס, צו סטאָפּען די אומזיסטע בלוט־פערגיסונגען און מאַכען אַן ענדע פון דעם סטרייק. פּאַליי האָט אַזא עדיטאָריעל געשריעבען און אויף די באָסעס האָט עס געמאַכט א בעדייטענדע ווירקונג. די בעציהונגען צווישעןביידע צדדים זיינען בעדייטענד נעהנטער און פריינדליכער געוואָרען.

די אורזאַכע, ווארום מיר האָבען אויסגעקליבען דעם „טאָ־געבלאַט" צו טהאָן די ארבייט און ניט דעם „פאָרווערטס", איז געוועזען די פאָלגענדע: יעדער האָט געוואוסט, אַז דער „פאָר־ווערטס" איז דער אָפיציעלער אָרגאַן פון די אָרגאַניזירטע אר־בייטער, אויך האָט דער „פאָרווערטס" געארבייט און געזאַ־מעלט געלד פאַר'ן סטרייק, און אויב דער „פאָרווערטס" זאָל אַזא ארטיקעל שרייבען, וועלען די באָסעס דאָס אויסטייטשען אַלס א שוואכקייט פון אונזער זייט, און אונזערע שאַנסען צו געווינען דעם סטרייק וואָלטען פיעל אָבגעשוואַכט געוואָרען. אָבער דעם „טאַגעבלאַט" האָט קיינער ניט געקענט חושד זיין אין פריינדליכקייט צו אונזער יוניאָן און אויב זי שרייבט עס, איז עס מסתמא דערפאַר, ווייל דאָס גאַנצע פאָלק פערלאַנגט עס. און די ווירקונג פון דער „טאַגעבלאַט'ס" עדיטאָריעל איז ווירקליך געוועזען א גוטער און האָט געבראַכט די געווינשטע רעזולטאַטען.

אין דער זעלבער צייט האָט ברודער גראָסמאַן, וועלכער האָט אויך געהאַט צו טהאָן מיט'ן סטרייק, אָהן אונזער וויסען

געשריבען אַ בריעף צו ברודער גאָמפּערס, פּרעזידענט פון דער אַמעריקען פּעדערייש׳אָן אָוו לייבאָר, אויפפאָדערענדיג איהם זיך אריינצומישען און צו מאַכען אַן ענדע פון סטרייק.

פּרעזידענט גאָמפּערס האָט זיך גלייך דורכגעשריבען מיט מר. וויינשטיין, דעם פּרעזידענט פון דער ריפּער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, איבער דיעזען פּאַל. די מאַנופעקטשורערס האָבען זיך אָנגעכאַפּט מיטביידע הענד אָן דיעזער געלעגענהייט און זיי האָבען געענטפערט גאָמפּערס׳ען, אַז זיי זיינען בערייט צו קאָנפערירען מיט אַ קאָמיטע פון דער יוניאָן וועגען אַ סעטעלמענט.

הערמאַן ראָבינסאָן, דער דאַמאָלסדיגער אָרגאַניזער פון דער אַמעריקען פּעדערייש׳אָן אָוו לייבאָר, האָט אַזאַ קאָנפערענץ צוזאַמענגערופען, און נאָך דריי טעג קאָנפערירען, איז אונז געלונגען אויסצואַרבייטען אַן אַגרימענט פאַר אַ קלאָוזד יוניאָן־שאַפּ און גלייכע קאָנדיציאָנען ביי אַלע מעמבערס פון דער אַסאָסיאיישאָן, אָבשאַפענדיג די סיסטעם, אַז אַפּרייטאָרס זאָלען האָבען אייגענע מאַשינען ווי אויך די אָבשאַפונג פון סעט־אַרבייט. נאָכדעם ווי די פּרייז־קאָמיטעס זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט די פּרייזען מאַכען, האָט יעדער איינצעלנער מאַנופעקטשורער זיך געמוזט אונטערשרייבען, און נאָך אַ ניין־וואָכעדיגער סטרייק זיינען אַלע סטרייקערס זיעגרייך געגאַנגען צו דער אַרבייט.

די יוניאָן איז נאָכדעם שטאַרק און מעכטיג געוואָרען. אַנדערע אַרבייטער האָבען די ריפּער מאַכערס יוניאָן אימער אַרויסגעשטעלט אַלס אַ מוסטערהאַפטע אָרגאַניזאַציאָן. אין דער ווירקליכקייט איז עס טאַקע אַזוי געווען. אָבער אינערליך איז געלעגען אַ וואָרים, וואָס האָט די האַרץ פון דער יוניאָן אויפגעפרעסען. עס איז נעמליך געווען אין דער יוניאָן אַ פינאַנס־סעקרעטער, וואָס אום צו פערזיכערען זיין דזשאָב אין דער יוניאָן, איז ער אימער געווען אַרומגערינגעלט מיט אַ כאַליאַסטרע, וואָס ער האָט געמוזט „טריטען״ נאָך יעדען מיטינג (נאַטירליך, אויפ׳ן רעכענונג פון דער יוניאָן).

נאָכ'ן סטרייק, ווען מען האָט זיך גענומען נאָכזועהן די אויסגאַבען פון סטרייק, האָט זיך ארויסגעצייגט, אַז די גאַנצע סטרייק־קאָמיטע, וואָס איז ערוועהלט געוואָרען ביי דער דזשאָינט באָארד צו פיהרען דעם סטרייק, צאָהלען סטרייק־בענעפיטס און אַנדערע סטרייק־אויסגאַבען, האָט בלויז אויסגעגעבען ארום צעהן טויזענד דאָלאר, ווערענד דער סעקרעטער, וועלכער האָט אָהן דער צושטימונג פון לאָקאַל זיך אַליין אָנגעשטעלט אַלס בעשטענדיגען סעקרעטער מיט אַ סאַלאַרי פון עטליכע און צוואַנציג דאָלאר אַ וואָך, האָט אויך אויסגעגעבען די סומע פון 9,000 דאָלאר פאַר דער צייט, ניט האָבענדיג צו צאָהלען קיין סטרייק־בענעפיט אָדער אַנדערע וויכטיגע סטרייק־אויסגאַבען. ·

די מעמבערס פון דער יוניאָן האָבען זיך געקאָכט און גע־טומעלט. זיי האָבען געוואָלט וויסען אַ רעכענונג, אויף וואָס אַזוי פיעל געלד איז אַוועקגעגאַנגען ביים סעקרעטער. נאָר דער סעקרעטער האָט זיי פערזיכערט, אַז ווען ער וועט אם ירצה השם פארטיג ווערען מיט די פינאַנסען און ברענגען זיינע ביכער אין אָרדנונג, וועט ער זיי געבען אַ פאָלשטענדיגען רעפּאָרט.

מאַנאַטען־לאַנג האָט געדויערט און עס איז אַלץ קיין רעפּאָרט ניט געווען. דער סעקרעטער האָט געקליימט, אַז אין אָפיס פון דער דזשאָינט באָארד איז צופיעל טומעל און ער קען דאָרט דעם פינאַנס־רעפּאָרט ניט מאַכען. אויך דארף ער האָבען צוויי קלוירקס זאָלען איהם העלפען. די יוניאָן האָט פאַר איהם געדונגען אַ בעזונדער אָפיס אין דער דריטער סטריט און איהם נעגעבען די נויטיגע קלוירקס, און אַלע האָבען וואָ־כענלאַנג געאַרבייט, ביז דער פינאַנס־רעפּאָרט איז ענדליך פאַרטיג געוואָרען.

די קאָמיטע, וואָס איז געקומען אונטערזוכען די ביכער, האָט געטראָפען גרויסע צרות. עס זיינען איינגעשריעבען גע־וואָרען גרויסע סומען געלד, וואָס קיינער האָט ניט געקענט פערשטעהט אויף וואָס זיי זיינען אויסגעצאָהלט געוואָרען. דער סעקרעטער האָט אויך קיין אינפאָרמיישאָן ניט געקענט געבען.

נאָר אזוי ווי מען האָט שוין געוואָלט איינמאָל פאַר אַלע מאָל פּטור ווערען פון דער צרה, האָט די קאָמיטע בעשלאָסען אָנ־צונעהמען דעם בעריכט ווי ער שטעהט און געהט, אום צו מאַכען אַ סוף צו די אַרומרייסעניש אין דער יוניאָן, און דער סעק־רעטער איז גלייך נאָך דעם ענטלאסען געוואָרען פון זיין אַמט.

פּטור ווערענדיג פון איין צרה, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַן אַנדער מכה. עס איז אויסגעפונען געוואָרען, אַז אַ ביזנעס־איידזשענט נעהמט כאבאר פון די באָסעס און ער נעהמט 5 און 10 דאָלאַרדיגע פון די אַרבייטער, אום זיי צו פערשאַפען דזשאַבס. אָבער וויפיעל מען האָט ניט פּרובירט די זאַך צו בעווייזען, איז עס אונז קיינמאָל ניט געלונגען, ווייל די אַר־בייטער האָבען מורא געהאַט געגען איהם אויפצוטרעטען. ער־שטענס האָט מען מורא געהאַט פאַר קלעפּ, ווייל ער איז אַליין געווען אַ שטאַרקער און האָט נאָך געהאַט מעהרערע „שטאַרקע" אַרום זיך. (אייניגע האָבען טאַקע פון איהם געקראָגען צוברא־כען די ביינער). צווייטענס האָט ער זיך געפיהלט שטאַרק ביי די באָסעס און האָט געקענט אַרונטערוואַרפען פון שאַפּ יעדען איינעם, וואָס האָט נאָר געוואַגט צו ריידען אַ וואָרט געגען איהם ביי אַ מיטינג.

עס האָט גענומען אַ גאַנץ לאַנגע צייט און מען האָט פון איהם ניט געקענט פּטור ווערען. די אינטערנעישאָנאַל האָט ענדליך געמוזט נעהמען אַ שטעלונג און ביי אַ גוט בעזוכטען מיטינג האָט אַ בעאַמטער פון דער אינטערנעישאָנאַל אין דער אַנוועזענהייט פון דעם ביזנעס איידזשענט אָפען ערקלעהרט, אַז וואָס ער ווערט בעשולדיגט און אַז עס וועט גלייבער זיין פאַר דער יוניאָן איהם צו בעצאָהלען פאַר'ן גאַנצען טערמין, וואָס ער דאַרף נאָך שטעהן אין אַמט, און איהם אַוועקצושיקען.

זעהענדיג, ווי דער אינטערנעישאָנאַל אָפיסער האָט זיך ניט דערשראָקען פאַר קלעפּ, האָבען אויך אַנדערע געקראָגען כּוח אַרויסצוקומען מיט לשון, און מען האָט אָנגעפאַנגען אויסצוזאָגען וועגען די סקאַנדאַלען. עס האָט ניט לאַנג גע־נויערט און דער ביזנעס איידזשענט איז ענדליך אַרויסגעוואָרפען

געוואָרען און די ריפער מאַכערס האָבען ענדליך אָנגעפאַנגען געניסען די פרוכטען פון אַ גוטער און דיסציפּלינירטער יוניאָן.

XXVI

אַ פּאָאַר געסעטעלטע סטרייקס.

פון די פיעלע סטרייקס, וואָס אונזערע יוניאָנס האָבען דורכגעמאַכט, איז ווערטה זיך אָבצושטעלען אויף צוויי פון זיי. דיעזע צוויי סטרייקס האָבען ניט שטאַטגעפונדען אין איין און דער זעלבער צייט; דער ערשטער סטרייק איז געווען מיט צוויי יאָהר פריהער, ווי דער צווייטער. די אורזאַכע פאַרוואָס מיר שרייבען וועגען דיעזע צוויי סטרייקס ווי וועגען איין געשע־הענים, איז ווייל זיי קענען אם בעסטען געבען אַ בעגריעף, ווי אַ יוניאָן מוז אַ מאָל סעטלען סטרייקס.

אין 9 קריסטי סטריט איז געווען אַ קלאָוק־פירמע, וואָס האָט זיך גערופען בערגמאַן, באַסס און קאָ. זייער שאָפּ איז געווען אַ סוועט־שאָפּ פון דעם ערגסטען סאָרט. אויסער, וואָס דער שאָפּ איז געווען אַ שמוציגער, אַ פינסטערער און די אַר־בייטער האָבען דאָרטען פערדיענט קדחות, פלעגט מען דאָרט אַרבייטען טאָג און נאַכט. דער שאָפּ איז קיינמאָל ניט ליידיג געשטאַנען, אויסער שבת. אַזוי ווי דער נר תמיד ווערט קיינ־מאָל ניט אויסגעלאָשען, אַזוי האָט מען אין דיעזען שאָפּ קיינ־מאָל די אַרבייט ניט געסטאָפּט.

די בעל מלאכות פלעגען אַריינקומען שבת ביינאַכט נאָך דער הבדלה און אַרבייטען כסדר ביז צום צווייטען פרייטאָג צו ליכט־בענשען. ווען מאַנכע אַרבייטער זיינען שלעפעריג גע־וואָרען, האָט מען זיך צוגעלעגט אויף די רענס כאָפּען אַ דרימעל אויף אַ האַלבע שעה און דאַן ווייטער געאַרבייט.

וועגען אָרגאַניזירען זיך אין אַ יוניאָן איז גאָר קיין פראַגע ניט געווען, ווייל די גרעסטע צאָהל אַרבייטער זיינען בעשטאַנען פון אַזעלכע, וואָס זיינען גלייך פון שיף אַריינגעקומען אין דיעזען שאָפּ.

נאָר פאַר דער צייט פון דעם טומעל פון די ריפער מייַ־קערס, האָט עס אויך זיי ארומגעבאַפּט. פיעלע פון זיי זיינען געווען לאַנדסלייט פון ריפער מייקערס און זייענדיג בעגייסטערט מיט דעם ערפאָלג פון דער ריפער מייקערס יוניאָן, האָבען אייַניגע פון די אַפּרייטאָרס זיך אָנגעשלאָסען אַלס מעמבערס פון לאָקאַל 1. געוועהנליך, גלייך ווי מען ווערט יוניאָן־לייטע, מוז מען דאָך ארויסגעהן אין סטרייק, און אַלע ארבייטער, זאָגאר די ניט יוניאָן לייטע, זיינען אויך ארונטער.

איינער פון די מאַנופעקטשורערס, מר. בערגמאַן, איז גע־ווען א שעהנער איד, א בעל תורה און א בעל צדקה, און ווען מען פלעגט מיט איהם רעדען, פלעגט ער אימער ברענגען ראיות פון תלמוד, אז עס איז ניט אזוי ווי איהר זאָגט. דיעזער שעהנער איד האָט אין דער צייט פון סטרייק מיט'ן תלמוד בעוויעזען, אז מען מעג פערגיסען אידישע בלוט. דעטעקטיווס און באָמס זיינען ביים שאַפּ געווען איבער גענוג און מען האָט גע'ממית'ט די סטרייקער רעכטס און לינקס.

מר. בערגמאַן האָט זיך אפילו נאכהער פערענטפערט, אז ער איז אין דעם ניט שולדיג געווען, נאָר זיינע פּאַרטנערס האָ־בען עס געטהאָן אָהן זיין וויסען, אָבער ווי די זאַך זאָל ניט זיין, עס איז געטהאָן געוואָרען.

נאָר נאָך אַלעמען האָבען די דעטעקטיווס קיין קלאָוקס ניט געקענט נייהען און די פירמע האָט זיך געמוזט ווענדען צו דער יוניאָן וועגען א סעטעלמענט. דאָ אָבער האָט זיך אריינגעמישט א צרה, וואָס פאַר פשוט'ע בשר־ודם'ניקעס איז אונמעגליך געווען צו בעגרייפען.

אין מיטען סטרייק האָט זיך מר. בערגמאַן א נדר געטהאָן, אז ער זאָל ניט סעטלען מיט די שקצים און אפיקורסים, און אזוי ווי ער איז דאָך א רעליגיעזער איד, האָט ער מורא געהאַט, אז זיין טאָכטער זאָל חלילה ניט שטאַרבען דערפאַר, וואָס ער וועט ברעכען דעם נדר. הכלל, מען האָט זיך געדרעהט אויף אַלע זייטען צו געפינען א מיטעל וואָס צו טהאָן.

מען איז געפאַלען אויף א פּלאַן צו געהן צו א רב, וועלכער

זאָל בערגמאַנען מתיר נדר זיין. מען איז אוועק צום מאָסקווער רב פרעגען די שאלה, און ער האָט, אין דער אַנוועזענהייט פון דריי אידען, בעשטעהענד פון שלעזינגער'ען, באַראָנדעס'ען און דעם רב אליין, צוזאַמען מיט אַ פינף דאָלאַר ביל, וואָס בערגמאַן האָט געגעבען פסק־געלד, דעם נדר ארונטערגענומען, און דאַן געסעטעלט דעם סטרייק.

* * *

דער צווייטער סטרייק איז געווען ביי אַ געוויסער פירמע ר. סיימאָן און קאָ. דיעזער שאָפּ איז געווען אַ יוניאָן־שאָפּ און דער יוניאָן־אַגרימענט האָט זיך געדאַרפט ענדיגען אין יולי, 1907. אָבער נאָך אַ צייט בעפאָר דער אַגרימענט האָט זיך געענדיגט און די יוניאָן האָט נאָך גאָר ניט געטראַכט וועגען בעניייען דעם אַגרימענט, האָט מר. סיימאָן אָנגעפאַנגען זיך שוין צו בעזאָרגען מיט סקעבס. פיעלע פון די פריהערדיגע יוניאָן־לייטע האָבען זיך פערדונגען אויף אַגרימענטס אויף אַ גאַנץ יאָהר און דעם 8טען דזשולי האָט די פירמע ארונטערגעוואָרפען אַלע ארבייטער, — 150 אין צאָהל, — ווייל זיי האָבען זיך ענטזאָגט צו נעהמען אַגרימענטס און צו בלייבען סקעבען אין פאַל די יוניאָן וועט זיי רופען סטרייקען.

די יוניאָן איז דאַן געווען זעהר שוואַך און האָט ניט געקענט אויפהאַלטען די סטרייקערס, ווייל עס איז געווען אַ גאַנץ קורצע צייט נאָך דעם ריפער מייקערס דזשענעראַל סטרייק און די טרעזשורים פון אַלע לאָקאַלס זיינען פוסט געווען. נאָר מען האָט קיין ברירה ניט געהאַט; די ארבייטער זיינען ארויסגעוואָרפען געוואָרען און מיר האָבען געטהאָן וואָס מיר האָבען געקענט. די סטרייקער האָבען אונז פערזיכערט, אַז זיי ווילען ביי דער יוניאָן קיין סטרייק־בענעפיט ניט מאָהנען און זיי אליין ווילען טרייען צו שאַפען די פינאַנציעלע מיטלען, און זיי האָבען ווירקליך גע־האַלטען וואָרט! זיי האָבען אונז ניט בעלעסטיגט און האָבען קיין סטרייק־בענעפיט ניט געמאָהנט, נאָר זיי האָבען פון אונז פערלאַנגט פרייוויליגע דאָנײשאַנס, גראַדע ווי פון אַ פרעמדער יוניאָן. זיי האָבען זיך ערוועהלט זייער אייגענע סטרייק־קאָ־

מיטע און אליין אָנגעפיהרט דעם סטרייק. די בעאַמטע פון דער יוניאָן האָבען בלויז געדיענט אַלס אַדווייזערס.

מר. סיימאָן אָדער זיין פּאַרטנער האָט זיך ביי דיעזען סטרייק אויסגעצייכענט אַלס דער ברוטאַלסטער באָס, וואָס איז ווען ניט איז געווען. גאַנצע גיינגס פון די איסט סיידער שטאַרקע זיינען געשטאַנען אַרום שאַפּ און יעדער סטרייקער, וואָס האָט נאָר געוואַגט צוצוקומען נאָהענט צום שאַפּ, איז שוין קיין גאַנצער פון דאָרטען ניט אַוועק. קיינער איז פון זיי ניט געשאַנעוועט געוואָרען. סיימאָנס' אַן אייגענער קאָזין, אַ קאַטער, וואָס האָט מיטגעסטרייקט, איז איינמאָל פון די געדונגענע באָמס אָנגעגריפען געוואָרען און זיי האָבען איהם אַזוי געשלאָגען, אַז עס האָט גענומען מאָנאַטען לאַנג איהם אויסצוקורירען.

וויסענדיג, אַז מר. סיימאָן איז אַ שטרענג אָרטהאָדאָקסישער איד, וועלכער דאַווענט דריי מאָל אַ טאָג און אַז יעדען שבת דאַווענט ער אין אַ שוהל אויף דער 7טער סטריט, האָבען די סטרייקערס געשיקט קאָמיטעס אין שוהל צו דערצעהלען די אי־בעריגע אידען וועגען סיימאָנס' מעשים טובים. דער רעזול־טאַט איז געווען, אַז ער האָט אויפגעהערט צו געהן דאַווגען אין שוהל, ווייל יעדער איינציגער האָט איהם געוואָלט פערשטיינגען. נאָר ראש השנה זיינען מיר דאָך זיכער געווען, אַז ער וועט מוזען געהן אין שוהל, האָבען מיר דאַמאָלסט פערפאַסט אַ ליפלעט און אויסגעטהיילט צו אַלעמען, אַז זיי זאָלען סיימאָנען אין הרם אַריינלעגען, קיינער זאָל אין זיינע ד' אמות ניט שטעהן, און ער האָט טאַקע געהאַט געברענטע צרות אויך...

ראש השנה און יום כפור איז סיימאָן געקומען אין שוהל מיט דעטעקטיוום. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז אַזאַ בעל הבית אַ איד האָט פון דעם קיין נחת ניט געקליבען. אָבער וועגען סעטלען דעם סטרייק האָט מען קיין וואָרט ניט געהערט.

דער סטרייק האָט זיך שוין געהאַט פערצויגען אַרום צוועלף וואָכען און האָט נאָך אַלץ קיין ענדע ניט גענומען. מיר וואָל־טען שוין זאָגאַר געהייסען די סטרייקער געהן צוריק אַרבייטען, איז אָבער דער גאַנצער שאַפּ בעזעצט געווען מיט סקעבס און

צוצוקומען צו די סקעבס איז אונמעגליך געווען. די גרעסטע צאהל פון זיי זיינען געשלאפען אין שאפ. די עטליכע, וואס פלעגען שוין א מאל געהן אהיים, זיינען אימער בעוואכט געווען מיט געדונגענע באמס און מען האט ניט געקענט צוקומען נאהענט צו זיי.

עס איז ביי אונז אויסגעארבייט געווארען א פלאן צו פערטרייבען די באמס פון ארום שאפ. מיר האבען אנגעפאנגען רופען מיטינגען פון די אנדערע ארבייטער, וואס האבען געארבייט אין דער בילדינג און אויפקלעהרען זיי, אז אלס עהרליכע מענשען דארפען זיי זיך ענטזאגען צו ארבייטען אין אזא בילדינג, וועלכע איז אימער בעלאגערט פון פאליסלייט און באמס, און אז זיי דארפען צווינגען זייערע באסעס, אז ענטוועדער דער לענדלארד פון בילדינג זאל סיימאנען ארויסווארפען אדער ער זאל די „פראטעקשאן" צונעהמען. און עס איז אונז געלונגען דורך איינציגע אגיטאציאנס־מיטינגען צו בעוועגען די ארבייטער, וואס האבען געארבייט ביי גאנץ אנדערע טריידס און ביי אנדערע באסעס אין דיעזער בילדינג, אז זיי זאלען ערקלעהרען זייערע באסעס דעם בעשלוס פון די סטרייקערס.

אויפ'ן צווייטען טאג, ווען די ארבייטער האבען פאר זייערע באסעם פארגעלעגט זייער פערלאנג און די באסעס האבען זיך ענטזאגט דאס נאכצוקומען, זיינען צוועלף הונדערט ארבייטער פון אלע פלאארס, מענער שניידערס, פענטס מייקערס, ליידיעס וויסט מייקערס און אנדערע, ארונטערגעגאנגען אין א סימפאטיע־סטרייק. די איינציגע, וואס זיינען געבליבען אין בילדינג, זיינען געווען סיימאנ'ס סקעבס.

די בעגייסטערונג איז געווען אונבעשרייבליך. דער סימפאטיע סטרייק האט געמאכט א געוואלדיגען איינדרוק. אבער ווען עס איז אוועק א טאג און די סימפאטיע סטרייקערס האבען זיך א ביסעל אויסגעניכטערט פון זייער בעגייסטערונג, האט זיך אנגעפאנגען דער קאצען־יאמער. די „סימפאטיטשנע" סטרייקער האבען אנגעפאנגען פאדערען, מיר זאלען זיי ערלויבען

צוריקצוגעהן ארבייטען אָדער מיר זאָלען זיי צאָהלען זייערע פולע ווײדזשעס, וואָס זיי האָבען געמאַכט אין שאַפּ.

ערשט דאַן האָבען מיר איינגעזעהן דעם מיסטייק, וואָס מיר האָבען געמאַכט. אַנשטאָט צו זוכען דזשאָבּס פאַר הונדערט און פופציג ארבייטער, וועלען מיר יעצט דארפען זוכען דזשאָבּס פאַר צוועלף הונדערט ארבייטער פון פערשיעדענע טריידס. און מיר האָבען פערשטאַנען, אַז מיר מוזען וואָס שנעלער אַלעמען שיקען צוריק צו דער ארבייט, זאָנסט איז אַלעס פערלאָרען.

ברודער פּאָליאַקאָף צוזאַמען מיט ברודער דייטש האָבען זיך דאַמאָלסט געווענדעט צו באַראָנדעס'ען, פיעלייכט קען ער עטוואָס טהאָן און אונז ארויסשלעפּען פון דער יעצטיגער בלאָטע. און באַראָנדעס האָט זיך ווירקליך גלייך געווענדעט צו די אַנ־דערע מאַנופעקטשורערס, ביי וועלכע מיר האָבען די ארבייטער ארונטערגענומען און זיי האָבען פון זיך ערוועהלט אַ קאָמיטע צו ווירקען אויף סיימאָנ'ען ער זאָל איינגעהן אויף ארביטריי־שאָן, און מיר האָבען גלייך אַלע סימפּאַטיע־סטרייקער געשיקט צו דער ארבייט.

אַ פּאָאַר קלאָוק־מאַנופעקטשורערס פון דעם זעלבען ביל־דינג האָבען זיך אויך פערפליכטעט ארויפצונעהמען אַזוי פיעל פון די סטרייקערס, וויפיעל זיי וועלען האָבען פּלאַץ.

ענדליך איז באַראָנדעס געקומען און האָט אונז בעריכטעט, אַז סיימאָן וויל איינגעהן אויף ארביטריישאָן, נאָר די ארבי־טרייטאָרס זאָלען זיין די פאָלגענדע דריי פּערזאָנען: דזשאָרדזש ראָזאַלסקי, דר. מאַגנעס און רבי מארגולים. עס איז אונז אפילו זעהר קאָלעמוטנע געוואָרען אויפ'ן הארצען הערענדיג, אַז די וועלען עס דארפען זיין אונזערע ריכטער, נאָר ווען באַראָנדעס האָט אונז ערקלעהרט, אַז דאָס איז דאָס בעסטע, וואָס ער קען טהאָן פאַר אונז, האָבען מיר שוין געמוזט איינשטימען; קיין אנדער ברירה האָבען מיר ניט געהאַט; דער סטרייק איז סיי ווי סיי געווען אַ פערלאָרענער.

די גאַנצע געשיכטע מיט דער ארביטריישאָן איז בלויז גע־ווען אַ טראַגי־קאָמעדיע. ביי אונז האָט זיך אייגענטליך בלויז

געהאַנדעלט, וויפיעל פון די סטרייקער מיר וועלען קענען צוריק ארויפקריגען אין שאפ. דער סיזאָן איז דאמאָלסט געוועזן זעהר א שוואכער און עס איז שווער געוועזן צו קריגען ארבייט.

ענדליך, ווען די זאַגענאַנטע ארביטרייטאָרס האָבען אונז ערקלעהרט, אז אייגענטליך דאַרף סיימאָן קיינעם ניט ארויפגעהמען צוריק, נאָר אויב ער האָט ליידיגע פלאַץ, זאָל ער ארויפנעהמען אזוי פיעל ווי ער קען, האָט עס אונז גאָר ניט איבערראשט, ווייל פון אזעלכע ארביטרייטאָרס האָבען מיר קיין בעסערס ניט געקענט ערווארטען.

די איינציגע, וואָס האָבען יאָ עפּעס ערווארטעט, זיינען געווען די סטרייקערס, און אז מיר האָבען די סטרייקערס ערקלעהרט דעם אורטהייל פון דער קאָמיטע, האָבען אַלע אויסגעבראָכען אין א שרעקליכען געוויין. ארום א שטונדע האָט עס אויסגעזעהן, ווי אין מיטינג־לאָקאַל ליעגט א בר־מנן און די גאַנצע משפחה שטעהט ארום איהם און בעוויינט איהם.

בעגראָבען דעם מת און זיך גוט אויסגעוויינט, האָט מען זיך גענומען צו לעבעדיגע זאכען. עס איז גלייך דעם זעלבען אָבענד געגרינדעט געוואָרען אַן אונטערשטיצונגס־סאָסייעטי פון אַלע געוועזענע סטרייקערס מיט דעם נאָמען „ר. סיימאָנ'ס געוועזענע סטרייקערס אונטערשטיצונגס פעראיין". דער צוועק פון דער סאָסייעטי איז געווען ערשטענס צו שטיצען די יעניגע, וועלכע וועלען אזוי שנעל קיין ארבייט ניט געפינען, און צוויי־טענס, ווען אַלע וועלען זיך האַלטען צוזאמען, וועלען זיי וועניגסטנס פערבלייבען יוניאָן־לייטע. ברודער אַקסעלראָד איז ערוועהלט געוואָרען אַלס פּרעזידענט און א פּרעסער, ברודער אייבראם קאָזלאָפסקי, איז ערוועהלט געוואָרען אַלס סעקרעטער פון דיעזער סאָסייעטי.

דיעזע סאָסייעטי האָט עקזיסטירט א שטיקעל צייט און כמעט אַלע געוועזענע סטרייקער זיינען פערבליבען מעמבערס אין דער יוניאָן.

XXVII

דער קאמפף מיט דער קלאוק קאטערס יוניאן לאקאל 10.

זייט די ניו יארקער קאטערס יוניאן האט זיך ארגאניזירט און אנגעשלאסען אן דער אינטערניישאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן אין 1901, איז שטענדיג געװען דער װאונש פון דער קלאוקמאכער יוניאן, אז ביידע ברענטשעס פון טרייד, קאטערס אזוי גוט װי קלאוקמאכערס, זאלען ביי סטרייקס און סעטעלמענטס האנדלען צוזאמען. עס האט כמעט שטענדיג פאסירט, אז װען קלאוקמאכער זיינען ארויס סטרייקען, האבען זיך די קאטערס ניט געריהרט פון ארט. און דערפאר אויך, װען די קאטערס האבען געהאט א פאאר סטרייקס, האבען אונזערע קלאוקמאכערס געטהאן דאסזעלבע.

דאס איז ניט געטהאן געװארען דערפאר, װאס מען האט געװאלט סקעבען, נאר עס האט זיך פשוט געפיהלט א פרעמד־קייט צװישען דעם קאטער מיט'ן קלאוקמאכער; װיפיעל מאל די אינטערניישאנאל אפיסערס האבען ניט געזוכט צוזאמענצו־ברענגען ביידע צדדים צו האנדלען געמיינשאפטליך, װי יוניאן לייטע דארפען האנדלען, האט עס ניט געהאלפען. שולדיג אין דעם איז געװען די קאנסטיטושאן פון דער אינטערניישאנאל, װעלכע האט די לאקאלס געגעבען פאלשטענדיגע אויטאנאמיע, װי עס פאסט זיך פאר א פראגרעסיװע יוניאן.

אין דער צייט װען אונזער קאנסטיטושאן איז פערפאסט געװארען, איז אונזער אינטערניישאנאל נאך געװען גאנץ קליין און אונבעדייטענד און די פערפאסערס האבען זיך קיינמאל ניט געריכט, אז אזעלכע פראבלעמען װעלען א מאל פארקומען. דערפאר האבען מיר ניט געקענט אויסשליסען די קאטערס פון דער אינטערניישאנאל פאר ענטזאגען זיך ארונטערצוגעהן סטריי־קען צוזאמען מיט די קלאוקמאכערס.

עס פלעגט אפילו א מאל פארקומען, אז קאטערס פלעגען ארונטערגעהן אין א געװיסען שאפ צוזאמען מיט די קלאוק־מאכערס. נאר אזעלכע פעלע פלעגען פארקומען ענטװעדער אין

אזעלכע שעפער, וואו די קאטערס האבען צו דער יוניאן ניט בעלאנגט, אדער דאמאלסט, ווען די אפיסערס פון דער קאטערס יוניאן זיינען געווען פריינדליך צו די קלאוקמאכער.

געזועצליך פאדערען, אז די קאטערס זאלען מיטסטרייקען, האבען מיר ניט געקענט. עס זיינען זאגאר ביי עטליכע אינ־טערנייישאנאל קאנווענשאנס געמאכט געווארען פראבען די קאנ־סטיטושאן צו אמענדירען, אז די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד זאל האבען דאס רעכט צו רופען אן אנדער יוניאן אין דעם זעל־בען טרייד אין א סימפאטיע־סטרייק צו העלפען א סטרייקענדע יוניאן, נאר עס האט זיך קיינמאל ניט איינגעגעבען דאס דורכ־צופיהרען.

די קאטערס, זייענדיג מעהר אמעריקאניזירט ווי אונזערע שניידערס און אפרייטארס, פלעגען אימער פעררדרעהען די דע־לעגאטען די קעפ מיט פאינטס או ארדערס, אמענדמענטס און סאבסטיטוטס אזוי אז אונזערע שניידערס פלעגען ניט וויסען אויף וואסער וועלט זיי זיינען און די קאטערס פלעגען אימער ארויס די זיעגער.

אין דער צייט, ווען מען האט אנגעפאנגען ארגאניזירען די ריפער מייקערס און עס האבען זיך אנגעפאנגען סטרייקס, הא־בען מיר נאך שטארקער אנגעפאנגען פיהלען, אז מיר מוזען הא־בען די קאטערס מיט אונז, און ביי יעדער געלעגענהייט, ווען מיר האבען ארגאניזירט א ריפער שאפ, האבען מיר די קאטערס אויך ארגאניזירט. נאר די קאטערס יוניאן האט זיך ענטזאגט די ריפער קאטערס ארייננצונעהמען אלס מעמבערס, טענהנ׳דיג, אז אזוי ווי זייער יוניאן האט א סקייל או ווידזשעס פון פיער און צוואנציג דאלאר א וואך און אזוי ווי די ריפער קאטערס ארבייטען אונטער׳ן סקייל, קענען זיי ניט ווערען קיין מעמבערס פון זייער יוניאן.

עס האט ניט געהאלפען דאס ארגומענטירען מיט זיי, אז טאקע דערפאר, וואס זיי ארבייטען אונטער׳ן סקייל דארף מען זיי ארגאניזירען, כדי זיי זאלען דורך דער יוניאן קענען קריגען

די סקייל. נאָר געהט רעדט צו די וועגט! זייער טענה איז געוועזען: מיר האָבען אַ קאָנסטיטושאָן און דהאַט'ס אַלל!

דער איינציגער וועג, וואָס איז אונז פערבליבען, איז געווען צו אָרגאַניזירען אַלע קאַטערס, וואָס האָבען געזעצליך ניט געקענט אריינגענומען ווערען אין לאָקאַל 10, אין אַ בעזונדער יוניאָן.

גלייך ווי דער נייער לאָקאַל איז אָרגאַניזירט געוואָרען, האָט לאָקאַל 10 זיך ארומגעזעהן, אַז פריהער אָדער שפּעטער וועלען זיי מוזען ענדערען זייער טאַקטיק, און דאָס איינציגע, וואָס פאַר זיי איז געבליבען צו טהאָן, איז דעם נייעם קאַטער־לאָקאַל צו צוברעכען. זיי האָבען אונז אָנגעקלאָגט ביי דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר און האָבען פערלאַנגט, אַז די פעדערישאָן זאָל אונזער טשאַרטער אוועקנעהמען און אונז רעאָרגאַניזירען אויף אַזאַ וועג, אַז לאָקאַל 10 זאָל צופריעדען זיין.

אָבער נאָכדעם ווי מיר האָבען אונזער שטאַנדפּונקט ערקלעהרט פאַר די בעאַמטע פון דער פעדעריישאָן, האָבען זיי אונזער האַנדלונג גערעכטפערטיגט, און די פעדעריישאָן האָט אינסטרואירט איהר דאַמאָלסדיגען ניו יאָרקער אָרגאַנייזער, הערמאַן ראָבינסאָן, איינצורופען אַ קאָנפערענץ פון די אינטערנייטשאָנאַל אָפיסערס צוזאַמען מיט די קאַטערס, אום אויסצוארבייטען אַ פּלאַן, אַז אין דער צוקונפט זאָל איין יוניאָן ניט סקעבען, ווען די צווייטע איז אין סטרייק.

ביי דיעזער קאָנפערענץ איז בעשלאָסען געוואָרען צו גרינדען אַ דיסטריקט קאַונסיל, און וועלכע יוניאָן עס וועט וועלען געהן סטרייקען, זאָל עס מוזען פריהער פאַרגעבראַכט ווערען פאַר'ן דיסטריקט קאַונסיל, וועלכער זאָל קענען דעם סטרייק גוטהייסען אָדער צוריקווייזען. אָבער ווען אַ סטרייק ווערט גוטגעהייסען פון דעם דיסטריקט קאַונסיל, מוזען אַלע אַנדערע בראַנטשעס פון טרייד, וואָס ארבייטען אין דיעזען שאַפּ, גלייך ארונטערגעהן אין סטרייק.

דאַכט זיך, אַלץ איז שוין געווען גוט און פיין? האָט עס ערשט געטויגט אויף כפרות. די קאַטערס האָבען אויסגעפונען

אן אַנדער מיטעל. ווען עס פּלעגט פּאָרקומען אַ סטרייק־פראַגע ביים דיסטריקט קאָונסיל, האָבען זיי גע'טענה'ט, אַז אין דיעזען בעטרעפענדען שאַפּ ארבייטען ניט זייערע מעמבערס, און ווען מיר פּלעגען ריידען מיט די איינצעלנע קאַטערס פון די סטרייקענדע שעפּער, וואָרום זיי געהען ניט אַרונטער, איז זייער ענטפער געוועזן, אַז זיי האָבען מיט די שניידערס גאָר ניט צו טהאָן; זאָל קומען יעמאַנד פון די קאַטערס, וועלען זיי מיט איהם ריידען.

איינזעהענדיג, אַז מיט דיעזען וועג וועלען מיר גאָר ניט אויפטהאָן, האָבען מיר בעשלאָסען די קאַטערס צו לאָזען אַרבייטען ווי לאַנג זיי ווילען, וואָרים אַזוי לאַנג ווי אונזערע שניידערס און פּרעסערס וועלען ניט אויפמאַכען די באָנדלעך קלאָוקס, וועלען די קאַטערס ממילא שוין מוזען סטאַפּען. און אַזוי איז עס טאַקע געוועזן אין פּיעלע שעפּער.

ווען עס איז ניט געוועזן ווער עס זאָל די געשניטענע אַרבייט אויפמאַכען, האָבען די באָסעס אָבגעלעגט די קאַטערס. אָבער ווען עס פּלעגט קומען צו אַ סעטעלמענט מיט אַ מאַנופּעקטשורער, האָבען מיר אַנדערש ניט געסעטעלט, סיידען די קאַטערס יוניאָן איז אַנערקענט געוואָרען.

אין דער זעלבער צייט איז אויך אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקע אַגיטאַציאָן צווישען די ניו יאָרקער קלאָוק און סקוירט מאַכער לאָקאַלס צו אַמענדירען די אינטערנייישאָנאַל קאָנסטיטושאָן אויף אַזאַ וועג, אַז די קאַטערס זאָלען מוזען אַרונטערנעהמען זייערע מעמבערס אויף דער אויפפאָדערונג פון דער אינטערנייישאָנאַל און אפילו אין אַזאַ סטרייקענדען שאַפּ, וואו זיי האָבען קיין מעמבערס ניט, זאָלען זיי אויך געצוואונגען זיין זיך אָנצושטרענגען אַרונטערצונעהמען די קאַטערס פון דאָרט.

און צו דער נעקסטער אינטערנייישאָנאַל קאָנווענשאָן האָבען אַלע ערוועהלטע ניו יאָרקער דעלעגאַטען אָבגעהאַלטען צווישען זיך אַ מיטינג און האָבען אויסגעאַרבייט אַ קאָנסטיטושאָן, וואָס זאָל צווינגען די קאַטערס יוניאָן צו זיין אַ טהייל פון דער דזשאָינט באָארד און אַז אין אַלע סטרייקס, וואָס די דזשאָינט

באַרד וועט אָרדערען, זאָלען די קאַטערס מוזען אַרונטערגעהן גלייך מיט די איבעריגע אַרבייטער, און פאַר ניט אויספאָלגען אַזאַ בעשלוס זאָל דער לאָקאַל אויסגעשלאָסען ווערען פון דער אינטערנעשאָנאַל.

מיר האָבען זיך בעוואָרענט, אַז די קאַטערס זאָלען אונזערע דעלעגאַטען ניט קענען פעררעהען קיין קאָפּ ביים קאָנווענשאָן. מיר האָבען אויסגעקליבען צוויי פון אונזערע דעלעגאַטען, וואָס פערשטעהען גוט די ענגלישע שפּראַך, זיי זאָלען זיין די ליעדערס, און ווען מען וועט דאַרפען שטימען איבער אַ פראַגע און איינע וועלען ניט וויסען גענוי ווי צו שטימען, זאָלען זיי בלויז אַכ־טונג געבען אויב די ליעדערס שטימען דאַפיר, זאָלען זיי אויך שטימען דאַפיר, און אויב די ליעדערס שטימען ניט, זאָלען זיי אויך ניט שטימען. און אַזוי איז אונז ענדליך געלונגען די גאַנצע פערפאַסטע קאָנסטיטושאָן דורכצופיהרען.

ווען די קאַטערס האָבען זיך ענדליך אַרומגעזעהן, אַז די קאָנווענשאָן איז אָרגאַניזירט געגען זיי און אַז דיעזען מאָל וועט זיי שווין ניט העלפען זייערע פּאָינטס אָוו אָרדערס מיט די סאָבסטיטוטס, האָבען זיי זיך אין אַ באַדי צוריקגעצויגען פון דער קאָנווענשאָן.

די קלאָוק און סקוירט מייקערס יוניאָן איז זיך רעגעלמעסיג אָנגעגאַנגען מיט איהר אַרבייט און איבעראַל, וואו מיר האָבען געסעטעלט אַ שאָפּ, האָבען מיר אויך געצוואונגען די קאַטערס זיך אָנצושליסען אָן דער קאַטערס יוניאָן.

אין אַ געוויסען סקוירט־שאָפּ, ביי ס. קאַץ און קאָ., האָט אונזער יוניאָן זאָגאַר בעצאָהלט די קאַטערס פאַר אַ טאָג פער־לאָרענע אַרבייט, וואָס זיי האָבען געדאַרפט סטאָפּען אום צו ווערען יוניאָן לייטע, אויסער דעם וואָס מיר האָבען דורך דער יוניאָן פאַר זיי געקראָגען אַ רייז פון אַכצעהן דאָלאַר אויף 24 דאָלאַר אַ וואָך. און אַזעלכע פעלע זיינען אויך פאָרגעקומען אין פיעלע קלאָוק־שעפּער.

אָבער ווען מען האָט אַ מאָל געדאַרפט, אַז די קאַטערס זאָלען סטרייקען פאַר די קלאָוקמאַכער, האָט מען זיי ניט געקענט

קריגען. זיי האָבען שטענדיג געפונען אַן אַנדער גערועצליכען דריידעל, אבי זיך ארויסצודרעהען פון א סטרייק. עס האָט זאָגאר א מאָל פּאַסירט, דאָס ווען מיר האָבען געהאַט א סטרייק ביי א פירמע, — רובינשטיין און גאָלדסמיטה, האָט א בעאַמ־טער פון דער קאַטערס יוניאָן, וועלכער האָט אויך געאַרבייט אין יענעם שאָפּ, ארויסגענומען זיין יוניאָן־ביכעל און געצייגט דעם באָס, אַז לויט א געוויסען פּונקט פון דער קאָנסטיטושאָן, איז דיעזער סטרייק אַן אונגעזעצליכער, און טראָץ דעם וואָס די ארבייטער זיינען גערעכט געווען, האָט דאָס אונז אונמעגליך געמאַכט דעם סטרייק צו געווינען.

צו יענער צייט האָבען מיר געהאַט טראָבעל ביי אייניגע פירמעס. צווישען זיי איז אויך געווען די פירמע פעלמאַן בר., וואו די מאַנופעקטשורערס האָבען די גאַנצע געשניטענע ארבייט אַוועקגעשיקט ערגעץ אין נאָן יוניאָן־שעפּער און די יוניאָן־לייטע פון אינסייד זיינען בוכשטעבליך ארומגעגאַנגען ליידיג. וויפיעל מיר האָבען ניט פּרובירט אויסצוגעפינען פון די קאַטערס, וואו די ארבייט ווערט ארויסגעשיקט, האָבען זיי זיך אַלץ ענטזאַגט צו געבען אונז וועלכע ניט איז אינפאָרמיישאָן.

שפּעטער א ביסעל האָט מר. פעלמאַן ארונטערגעשיקט זעקס פון אונזערע יוניאָן־לייטע און עס איז נויטיג געווען צו רופען א סטרייק, נאָר אום די קאַטערס ניט צו געבען קיין גע־לעגענהייט זיך ארויסצודרעהען פון דעם סטרייק, האָבען מיר צוזאַמענגערופען די קאַטערס עקזעקוטיוו באָארד מיט די קלאָוק־מאַכערס עקזעקוטיוו באָארד אויף א געמיינשאַפטליכען מיטינג און ביי דיעזען מיטינג איז דער סטרייק אינדאָסירט געוואָרען. ווען עס איז אָבער געקומען ארונטערצונעהמען פעלמאַן'ס קאַ־טערס, איז געווען א נעכטיגער טאָג. די קאַטערס יוניאָן האָט גע'טענה'ט, אַז אין דעם בעריכט, וואָס זייער יוניאָן האָט גע־קראָגען צוגעשיקט, האָט עס בלויז געהייסען, אַז דיביידע קאָ־מיטעס האָבען בלויז אינדאָסירט דעם סטרייק פון די קלאָוק־מאַכערס און דערפאַר דאַרפען זייערע קאַטערס ניט ארונטער־געהן.

א צווייטער פאל האט געטראפען ביי דער פירמע ס. קאץ און קא., וואו אלע סקווירט־מאכער און פרעסערס זיינען אויס־געשלאסען געווארען און די קאטערס האבען זיך פון ארט ניט גערוהרט. די סענטראל פעדערייטעד יוניאן פון ניו יארק האט ערוועהלט א קאמיטע אויסצוגעפינען אויב ביי קאץ און קא. איז געמאכט געווארען א לאקאוט אדער ניט, און טראץ דעם, וואס די קאמיטע האט צום נעקסטען מיטינג בעריכטעט, אז עס איז געווען א גאנץ געוועהנליכער לאקאוט, האבען דאך די בעאמטע פון דער קאטערס יוניאן געזוכט צו רעכטפערטיגען די פירמע און זייערע קאטערס האבען זיי ניט ארונטערגענומען.

די אינטערנייש'אנאל איז געקומען צום שלום, אז ענטוועדער די קאטערס זיינען יוניאן־לייטע און מוזען ארונטערגעהן צוזאמען מיט די אנדערע ארבייטער, אדער זיי זיינען סקעבס און דארפען אויסגעשלאסען ווערען פון דער אינטערנייש'אנאל.

מען האט זיי גלייך געשיקט א רעדזשיסטרירטען בריעף אנזאגענדיג זיי, אז אויב די קאטערס וועלען ניט ארונטערגעהן פון די סטרייקענדע שעפער, וועלען זיי אויסגעשלאסען ווערען.

אין איינעגע טעג ארום, ווען מיר האבען געזעהן, אז זיי הערען אונז ווי די קאץ, האבען מיר לאקאל 10 אויסגעשלאסען פון דער אינטערנייש'אנאל און אנגעפאנגען ארגאניזירען א נייע קאטערס יוניאן. זיי האבען אונז אפילו געסטראשעט, אז זיי וועלען ארגאניזירען אן אפאזיציאנס קלאוקמאכער יוניאן, נאר דאס האט זיך זיי ניט איינגעגעבען.

אין דער צייט פון דעם גרויסען שוירט ווייסט מייקערס סטרייק, ענדע 1909 און אנפאנג 1910, איז נאך דער קאטערס לאקאל 10 געשטאנען אויסערהאלב דער אינטערנייש'אנאל און בלויז די יעניגע ווייסט קאטערס, וואס האבען צו קיין יוניאן ניט בעלאנגט, זיינען ארונטער סטרייקען. די מעמבערס, וואס האבען בעלאנגט צו לאקאל 10, איז זעהר שווער געווען ארונטער־צונעהמען. מיר האבען דעריבער דורכ'ן סטרייק ארגאניזירט אלע סטרייקענדע שוירט ווייסט קאטערס אלס א בעזונדער לא־קאל פון דער אינטערנייש'אנאל.

ווען די געוועזענע מעמבערס פון לאָקאַל 10 האָבען זיך ארומגעזעהן, אז דער נייער וועסט קאַטערס לאָקאַל צעהלט שוין ארום זעקס הונדערט מיטגליעדער און אז זיי וועלען אין גאַנצען מוזען ארויסגעהן פון מארקעט, האָבען זיי אָנגעפאַנגען טראַכטען וועגען צוריק אָנשליסען זיך אָן דער אינטערנעישאָנאַל, און אין קורצען איז דער פריעדען געשלאָסען געוואָרען. די אינטערנעי־שאָנאַל האָט צוריקגעצויגען די טשארטערס פון די צוויי נייע־אָרגאַניזירטע קאַטערס יוניאָנס און דער געוועזענער לאָקאַל 10 האָט צוריקגעקראָגען זיין אַלטען טשארטער.

די מעמבערס פון די אויפגעלעזטע לאָקאַלס זיינען אריינ־גענומען געוואָרען אַלס מיטגליעדער אין לאָקאַל 10 און זייט דאַמאַלסט פיהרט לאָקאַל 10 פינקטליך אויס אַלע בעשליסע פון דער דזשאָינט באָארד און פון דער אינטערנעישאָנאַל יוניאָן.

XXVIII

די אַגיטאַציאָן און די פּאָרבערייטונג פאַר׳ן דזשענעראַל סטרייק.

גלייך נאָך דער פעראייניגונג מיט דער קאַטערס יוניאָן לאָקאַל 10, האָט מען זיך ערנסט גענומען פאָרבערייטען צו א דזשענעראַל סטרייק אין קלאָוק און סקוירט טרייד. די אגיטאַ־ציע פאַר דעם איז שוין אָנגעגאַנגען פאַר א לענגערע צייט. די אַקטיווערע מיטגליעדער האָבען שוין לאַנג איינגעזעהן, אז דער איינציגער וועג ווי צו פערבעסערן דעם צושטאַנד פון קלאָוק און סקוירט־טרייד אין ניו יאָרק, איז נאָר א דזשענעראַל סטרייק.

דער רעכענונג איז געווען א גאַנץ פּראָסטער. זייט דעם יאָהר 1894, ווען דער לעצטער דזשענעראַל סטרייק האָט שטאַט־געפונדען און איז אזוי מיאוס פערלאָרען געגאַנגען, האָט מען שטענדיג געמאַכט פּראָבעס די ארבייטער צו אָרגאַניזירען און אויפצוהויבען דעם צושטאַנד פון טרייד. אַלע מעגליכע מיטלען זיינען אָנגעווענדעט געוואָרען. עס איז אָנגעפיהרט געוואָרען א

מינדליכע און שריפטליכע פראפאגאנדא. די בעסטע רעדנער פון לאנד האבען פאר די קלאוקמאכער גערעדט וועגען ארגא־ניזאציאן. נאר עס האט נים געהאלפען. מען האט אפילו צו געוויסע צייטען ארגאניזירט א מאל א גרעסערען, א מאל א קלענערען טהייל פון די ארבייטער, אבער קיינמאל ניט דעם גאנצען טרייד, און דורך דער קאנקורענץ פון דער גרויסער מאסע נים יוניאן־לייטע, וואס האבען געארבייט פאר די ניעדריגסטע פרייזען, האבען זיך די יוניאן־שעפער ניט געקענט לאנג האלטען. עס איז אונמעגליך געווארען אנצופיהרען איינצעלנע שאפ־סטרייקס, ווייל כמעט אלע ...ייקס זיינען פערלארען געגאנגען.

די ארגומענטען פאר א דזשענעראל סטרייק זיינען געווען פאלגענדע: ווען עס זאלען זיך זאגאר געפינען צווישען די ניו יארקער קלאוק און סקוירט מאכער א טויזענד פראפעסיאנעלע סקעבס, זיינען זיי בלויז אימשטאנדע צו מאכען פערלירען איי־נעם אדער א פאר שאפ־סטרייקס. ווען עס קומט אבער צו א דזשענעראל סטרייק און די טויזענד סקעבס זאלען צוטהיילט ווערען צווישען פופצעהן הונדערט שעפער, וואס געפינען זיך אין ניו יארק, וועט זאגאר נים אויסקומען קיין איין סקעב אויף א שאפ, און א דזשענעראל סטרייק קען קיינמאל ניט פערלארען געהן צוליעב די פאר סקעבס.

דער צושטאנד אין טרייד איז געווען א שרעקליכער. יעדער אפרייטאר האט געמוזט האבען זיין אייגענע מאשין און מאנכעס מאל, ווען אין שאפ האבען אויסגעפעהלט טשערס, האבען אונ־זערע אפרייטארלעך געבראכט זייערע אייגענע טשערס, ווייל צוליעב אזא קלייניגקייט ווי א ביינקעל גלוסט זיך קיינעם נים צו פערלירען א דזשאב. נאר דערפאר, אז דער אפרייטאר האט געקראגען די סעק אדער ער האט געוואלט בייטען זיין פלאץ, האט מען עס גערופען אויף אפרייטאר־שפראך, אז דער אפריי־טאר האט „געמופט“, אדער אז דער באס האט איהם געמאכט צו „מופען“. דער אפרייטאר האט אין אזא פאל געדארפט דינגען אן עקספרעס איבערצומופען זיין מאשין אין זיין נייעם

פלאץ אדער צו זיך אהיים, ווען ער האט נאך קיין אנדער פלאץ ניט געהאט.

זעהר אפט האט פאסירט, אז אן אפרייטאר האט שוין מיט מזל געקראגען א פלאץ צו דער ארבייט, איבערגעמופט זיין מאשין מיט די איבעריגע מטלטלים און בעצאהלט פופציג סענט עקספרעס־געלד און נאכהער געמאכט א דזשעקעט אדער א סקווירט פאר 35 סענט, און ווען די ארבייט איז דעם פארמאן ניט געפעלען געווארען, האט ער געמוזט צוזאמענגעהמען זיינע אלע זיבען זאכען, וויעדער ברענגען דעם עקספרעס, בעצאהלען פון דאס ניי א האלבען דאלאר און ווייטער „מופען". מאנכע וואכען, איבערהויפט אנפאנג סיזאנס, פלעגען אפרייטארס בע־צאהלען 5 און 6 דאלאר א וואך פאר עקספרעס־געלד, פער־דיענענדיג דערביי פיעלייכט דריי דאלאר.

דער זעלבער צושטאנד האט אויך עקזיסטירט ביי די פיני־שערס און פרעסערס. יעדער פינישער אדער פרעסער, וואס האט געוואלט מאכען א לעבען פון דער ארבייט, האט געמוזט ווערען א סאב־קאנטראקטאר, איבערנעהמען די גאנצע פינישינג אדער פרעסינג ארבייט פון א געוויסען שאפ און זיי, די סאב־קאנטראקטארס, האבען פון זייער האנד בעשעפטיגט א דאזען און א מאל מעהר ארויסהעלפערס, צאהלענדיג זיי די קלעגליכ־סטע וויידזשעס, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען.

אזוי ווי בעלנים אויף צו מאכען א לעבען איז געווען א היבשע צאהל, האט יעדער פינישער אדער פרעסער געשטרעבט צו ווערען א סאב־קאנטראקטאר. מען האט אנגעבאטען די באסעס צו ארבייטען ביליגער, ווי די בעשעפטיגטע סאב־קאנ־טראקטארס ארבייטען און די צושטענדע פון די ארויסהעלפערס זיינען, זעלבסטפערשטענדליך, נאך ערגער געווארען.

אין בעצוג צו די סקווירט־מאכער איז שוין גאר ניט געווען וואס צו ריידען. דארטען האט געהערשט דער סעקשאן־סיסטעם. בלויז איין ריכטיגער אפרייטאר איז ביי א סעט בעשעפטיגט געווארען, און דער איינער האט געדארפט לערנען די גרינע אינגלעך און מיידלעך מאכען סקווירטס. די וויידזשעס האבען

זיך אַנגעפאַנגען פון דריי דאָלאַר אַ וואָך און געענדיגט ביי צעהן. שטיק־ארבייטער האָבען געמייהט פאַר צעהן און פופצעהן סענט אַ סקווירט, וואָס איז ווערטה געווען אַ האַלבען דאָלאַר. טאָמער האָבען זיך די שטיק־ארבייטער ענטזאָגט צו אַרבייטען פאַר אַזעלכע קלעגליכע פּרייזען, האָט דער באָס די אַרבייט אַוועק־געגעבען צו די סעקשאָן־אַרבייטער.

די פּאָר, וואָס זיינען געשטאַנען אין דער יוניאָן און גע־וואָרט אויף בעסערע צייטען, האָבען איינגעזעהן, אַז אויף דעם געוועהנליכען וועג וועט מען קיינמאָל גאָר ניט קענען אויפטהאָן. אַ דזשענעראַל סטרייק מוז גערופען ווערען, אום איבערצוטרייס־לען די גאַנצע סיסטעם אין טרייד.

איך ערמאַנער מיך, ווען איך און נאָך אַ פּאָר חסידים זיינען אַ מאָל געקומען צו אַ מיטינג פון לאָקאַל 1, קלאָוק־אָפּערייטאָרס יוניאָן, און אין דער אַנוועזענהייט פון אַ צוויי דוצענד אָפּערייטאָרס האָבען מיר געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז מען זאָל דיסקוטירען אויב מען דאַרף האָבען אַ דזשענעראַל סטרייק אין קלאָוק און סקווירט־טרייד אָדער ניט, האָבען אַלע אַנוועזענדע אונז בעטראַכט ענטוועדער פאַר פּראָסטע משוגעים אָדער פאַר פערדעטהער און מען האָט דאַמאָלסט וועגען דעם גאָר ניט גע־וואָלט רעדען.

מיר האָבען אָבער אונזער „משוגעת“ ניט אַוועקגעוואָרפען. וואו מיר האָבען נאָר געהאַט אַ געלעגענהייט אונזערע געדאַנקען אויסצודריקען, האָבען מיר עס געטהאָן, און פיעלע האָבען אָנ־געפאַנגען גאַנץ ערנסט נאָכצודענקען וועגען דעם. זיי האָבען איינגעזעהן, אַז מיר זיינען גערעכט און אַז עס איז מעגליך דורכ־צופיהרען אַ דזשענעראַל סטרייק.

אין מיטען זומער פון 1908 האָבען מיר צו אונזער דזשאָינט באָאַרד מיטינג איינגעלאַדען פערטרעטער פון „פאָרווערטס“, „פרייע אַרבייטער שטימע“ און נאָך אַנדערע פּראָמינענטע פּער־זאָנען פון דער בעוועגונג צו בעראַטהען זיך וועגען דער דזשע־נעראַל סטרייק אַגיטאַציע.

כמעט אַלע האָבען אויף דעם געקוקט ווי אויף אַן אונמעג־

ליכקייט. איינער פון די איינגעלאדענע, א נאהענטער מחותן מיט די קלאוקמאכער האט געמאכט די פאלגענדע בעמערקונג: „מען דארף זיך וועגען דעם דאס לעבען ניט נעהמען. אויב מען קען ניט מאכען קיין פארטשריט, איז גלייכער אין גאנצען די קרעמעל צו פערמאכען“.

אייניגע פון אונזערע לייטע האבען, הערענדיג אזעלכע בעמערקונגען, געוויינט מיט ביטערע טרעהרען. און, ווירקליך, נאכדם ווי מען ארבייט אפ אכטצעהן יאהר פאר א יוניאן, זאל מען זי ענדליך דארפען אויפלעזען.

כמעט דער איינציגער, וואס האט אונז געגעבען א ביסעל קוראזש, איז געווען גענאסע מאיר לאנדאן. ער האט פון זיין פאקעט אונז געגעבען פינף און צוואנציג דאלאר, אז מיר זאלען האבען מיט וואס צו מופען אונזער אפיס אין א נייעם פלאץ, ווען מיר האבען ניט געהאט די נויטיגע געלד דערצו.

ביי דיעזען מיטינג איז אויך בעשלאסען געווארען אריבער־צוברענגען פון פילאדעלפיא גענאסע וויינבערג'ען אלס אן אר־גאנייזער פאר אונזער יוניאן. אום צו האבען געלד צו צאהלען וויינבערג'ען די ערשטע פיער וואכען ווייזשעס, האבען די מעמבערס פון דער דזשאינט באארד ארויסגענומען פון די פא־קעטס, ווער א דאלאר, ווער צוויי און ווער פינף דאלאר און מען האט אזוי צוזאמענגעקליבען ארום הונדערט דאלאר.

עס איז גלייך ארגאנזשירט געווארען א גרויסע מאסען־פערזאמלונג און וויינבערג האט געקראגען אינסטרוקציאנען צו רעדען וועגען א צוקינפטיגען דזשענעראל סטרייק אין קלאוק־און סקוירט־טרייד.

די פערזאמלונג האט פיעלע קלאוקמאכער געמאכט צום דענקען, און אלע האבען שוין איינגעזעהן, אז מיר זיינען ניט קיין פוסטע בעל־חלומה'ניקעס, נאר אז א דזשענעראל סטרייק קען און דארף גערופען ווערען.

די עטליכע דאלאר, וואס מיר האבען צוזאמענגעקליבען, איז באלד אוועק און עס איז ווידער ניט געווען קיין געלד.

עס האָט זיך אָבער געמאַכט א געשיכטע, אין וועלכער מען האָט בעשיינפּערליך געקענט זעהן אַן „אצבע אלהים".

אין א שעהנעם טאָג לאָזט מען אונז אין אָפּיס וויסען, אַז די ארבייטער פון שליוועק און סאַן האָבען פּלוצלונג געסטאָפּט פון דער ארבייט. גלייך זיינען אהין אוועק די ברידער פּאָליאַ־קאָף און גייער, און נאָך א ביסעל דורכריידען זיך מיט זיי, האָבען זיך ארום צוויי הונדערט ארבייטער אַנגעשלאָסען אָן דער יוניאָן, און מיר האָבען שוין ווידער געהאַט געלד.

עס האָט זיך אָבער דאָ אריינגעמישט א גאַנץ נייע צרה. עס איז שטענדיג געווען א כלל, אַז נייע פאַרגעשלאָגענע מעמ־בערס פלעגען מוזען פאַרגעפיהרט ווערען פאַר א יוניאָן־מיטינג, אום אינסטאַלירט צו ווערען. איז נאָך מיט די אפּרייטאָרס געווען א האַלבע צרה. דאָרטען פלעגט מען נאָך טרעפען ביי א מיטינג א צוואַנציג אַלטע מעמבערס, זיי זאָלען אויפנעהמען די נייע. אָבער ביי די שניידערס איז געווען שלעכט; דער גאַנצער לאָקאַל איז בלויז בעשטאַנען פון גייער'ען און פּאָליאַ־קאָף'ען, טאָ ווער וועט איינפיהרען די נייע מיטגליעדער?

מען האָט זיך אָבער אַן עצה געגעבען. בעפאָר דער מיטינג האָט זיך אָנגעפאַנגען האָט מען אויסגעבאָרגט א צעהנדליג אַפּ־רייטאָרס, וואָס האָבען געמיטעט אין אַן אנדער האָל אין דער זעלבער בילדינג, און אייניגע סקווירט־מאַכערס און מען האָט זיי פאַר דיעזען אבענד געמאַכט פאַר שניידערס. ברודער דייטש איז פאַר דיעזען אבענד געוואָרען דער טשערמאַן פון שניידער־לאָקאַל. און זיי האָבען עס איינגעפיהט שליוועק'ס שניידער אַלס מעמבערס פון דער יוניאָן.

שפּעטער א ביסעל האָבען זיך אויך אָרגאַניזירט ווייִלס שניידערס און אַזוי האָט לאָקאַל 9, די קלאָוק־שניידערס יוניאָן, ווידער אָנגעפאַנגען צו עקזיסטירען. זייט דאַן האָבען צו בים־לעך אָנגעפאַנגען אריינצוקומען מיטגליעדער און געלד אין דער יוניאָן.

די אַגיטאַציאָן איז אָנגעגאַנגען שטאַרקער און שטאַרקער. די ארבייט אין דער יוניאָן איז פיעל לייכטער געוואָרען. אין

די פריהערדיגע צייטען, ווען מען האָט א שאפּ ארבייטער אָר־גאניזירט, האָבען די ארבייטער ערוואַרטעט געוויסע נוצען פון דער יוניאָן, ווי גרעסערע פּארדיענסטען און בעסערע באהאנד־לונג פון זייערע באָסעס. ווען די יוניאָן איז ניט שטארק געווען דאָס אלעס פאר זיי אויסצוקעמפען, זיינען זיי ארויס פון דער יוניאָן. יעצט אָבער האָט מען פאר זיי פּראָפּאגאנדירט, אז עס וועט אמאָל זיין א דזשענעראל סטרייק און דאן וועט מען שוין פארבעסערען די לאגע פון די ארבייטער, נאָר פּאָרלויפיג דאר־פען זיי זיך באנוגענען מיט דאָס וואָס זיי קריגען אָהן סטרייקס, ווייל אָנפיהרען סינגעל שאפּ־סטרייקס קען מען מעהר ניט. מען קען אזעלכע סטרייקס ניט געווינען און פארוועגדענדיג די כחות אויף שאפּ־סטרייקס, וועט עס אונמעגליך זיין אמאָל צו האָבען א דזשענעראל סטרייק. און, ווי באוואוסט, איז פיעל לייכטער צו אגיטירען פאר אן עולם הבא זאך, ווי פאר טעגליכע פראגען, ווייל מען דארף דאָך גלייך ניט וויזען וואָס מען האָט אויפגעטאָן.

עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אז די ארבייטער זיינען איינ־פארשטאנען געווען מיט דיזער סאָרט אגיטאציע. אין די שעפּער, וואו יוניאָן לייטע זיינען אם מעהרסטען געווען באַ־שעפטיגט, האָבען זיי אלע מעגליכקייטען אנגעווענדעט, עס זאָל צו קיין סטרייקס ניט קומען, כדי ניט אָפּצושוואכען די קרעפ־טען, וואָס מען וועט שפּעטער דארפען.

ווי איהר זעהט, אלזאָ, איז דער געדאנק פאר א דזשענעראל סטרייק שוין א צייט פריהער אויסגעדריקט געוואָרען, גלייך נאָך דער פאראייניגונג פון דער קאטערס יוניאָן לאָקאל 10 מיט אונזער אינטערנעשאָנאל. דאן איז געקומען דער דזשענעראל סטרייק פון די ליידיס ווייסט מייקערס, אין 1909, וואָס האָט געמאכט אזא פוראָר, און אונזערע לייטע האָבען זיך איבער־צייגט, אז א דזשענעראל סטרייק אין קלאָוק און סקוירט טרייד איז אויך א מעגליכקייט און אז מען מוז זיך גלייך נעמען איהם פּאָרצובארייטען.

דער ערשטער שריט איז געמאכט געוואָרען אין דעצעמבער

1909. עס איז בעשלאָסען געוואָרען ארויסצושיקען צו אַ רעפערענדום־וואָוט, אויב די מיטגליעדער ווילען זיך לאָזען טעקסען צו צוויי דאָלאר פאַר אַ סטרייק־פאָנד. יעדער מיטגליעד האָט געקראָגען צוגעשיקט אַ געדרוקטע פּאָסטעל־קארד צו ענטפערען, אויב ער איז פאַר אָדער געגען אזא טעקס.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ניינציג פּראָצענט פון אונזערע מעמבערס האָבען געשטימט פאַר'ן טעקס און פיעלע האָבען זאָגאר גלייך בעצאָהלט די צוויי דאָלארדיגע.

דאָס איז נאַטירליך גענוג געווען פאַר אונז זיך צו איבערצייגען, אַז אונזערע צוויי טויזענד מעמבערס אין דער יוניאָן זיינען אַלע פאַר אַ דזשענעראַל סטרייק. די פראַגע איז דאַמאָלסט נאָר געווען, ווי ברענגט מען אריין די אונאָרגאַניזירטע ארבייטער אין דער יוניאָן.

XXIX

וויי‌טערע פאָרבערייטונג צום דזשענעראַל סטרייק.

גלייך נאָכדעם ווי די יוניאָן־מעמבערס האָבען בעשטימט זיך צו טעקסען מיט צוויי דאָלארדיגע פאַר אַ סטרייק־פאָנד און נעלד האָט אָנגעפאַנגען אריינצוקומען, האָבען די ליעדערס פון דער יוניאָן אָנגעפאַנגען אַ ברייטע אגיטאַציע צו אָרגאַניזירען די קלאָוק און סקווירט מאכער מאַסענווייז. יעדער לאָקאַל האָט ערוועהלט אַ פינף־און־צוואַנציגער קאָמיטע מיטצוהעלפען די בעאַמטע אין דער אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט. צוזאַמען איז די קאָמיטע בעשטאַנען פון הונדערט און די ארבייט איז געטהאָן געוואָרען אויף דער פאָלגענדער ארט: די גאַנצע קאָמיטע האָט זיך צוטהיילט אין קאָמיטעס פון צוויי אָדער דריי. יעדע קאָמיטע איז געגאַנגען צו אַן אַנדער שאָפּ, זיך דורכגערעדט מיט די ארבייטער אַ פּאָאָר מאָל און האָט אויסגעפונען אַלע איינצעלהייטען פון שאָפּ. דאַן האָט מען די ארבייטער גערופען צו שאָפּ־מיטינגס זיי צו אָרגאַניזירען און יעדען אבענד זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען אַזעלכע דרייסיג אָדער פערציג

שאפּ־מיטינגען. קיינע שאפּ־אינטערעסען זיינען ביי דיעזע מיטינגען ניט פערהאנדעלט געוואָרען. מען האָט בלויז גערעדט וועגען דעם קומענדען דזשענעראל סטרייק און אז זיי זאָלען ווערען יוניאָן־לייט.

דיעזע ארבייט איז געטהאָן געוואָרען אויסגעצייכענט, נאָר דער ערפאָלג איז געווען א גאנץ לאנגזאמער. מיר האָבען זיך ארומגעזעהן, אז אום צו דערגרייכען אלע שעפּער אין ניו יאָרק, וועט אונז וועניגסטענס דארפען נעהמען א יאָהר צייט און ביז דאן וועלען פיעלייכט פיעלע יוניאָן־לייט ניט האָבען קיין גערולד צו ווארטען און וועלען ווידער פערלאָזען די יוניאָן, ווי זיי האָבען עס שוין געטהאָן אין די פריהערדיגע צייטען.

אונזער אָרגאניזיישאָן קאָמיטע האָט אויסגעארבייט א פּלאן צו רופען מיטינגען ניט פון איינצעלנע פירמעס, נאָר גאנצע בילדינגס־וויז. אין א בילדינג האָט זיך מאנכעס מאָל געפונען א האלבער דאָזען פערשידענע קלאָוק און סקוירט־פירמעס, האָט מען זיי אלע צוזאמענגערופען צו א מיטינג. ביי דיעזע מיטינגס האָט מען פון יעדען שאפּ בעזונדער אויסגעקליבען פריייוויליגע אָרגאנייזערס זיי זאָלען דעם צווייטען אבענד ברענגען די איבע־ריגע לייטע פון זייערע שעפּער צום אָרגאניזירען. אויף אזא וועג איז די אָרגאניזאציאָנס־ארבייט אנגעגאנגען פיעל שנעלער און ווירקזאמער, ווייל א גרויסע צאָהל פון די קלאָוקמאכער, וואָס האָבען אנגענומען אלס פריייוויליגע אָרגאנייזערס, האָבען געפיהלט, אז מען האָט זיי אנפערטרויט א זעהר וויכטיגע אר־בייט און יעדער האָט געטהאָן זיין בעסטעס צו מאכען אן ער־פאָלג. אין אפּריל 1910 האָט שוין די יוניאָן געצעהלט ארום צעהן טויזענד מעמבערס.

אין מאָנאט אפּריל, ווען דער דזשאבינג סיזאָן האָט זיך אנגעפאנגען *), האָט די אָרגאניזיישאָן קאָמיטע זיך ארומגעזעהן

---

*) דער דזשאבינג טרייד איז אן ערפינדונג פון די ניו יאָרקער מאנופעקטשורערס אבצונארען די ארבייטער און אויפ־צומאכען די קלאָוקס פאר א דריטעל פּרייז.

אז ווען עס וועלען ניט גענומען ווערען קיינע שריטע צו בע־שרענקען די אויפמאכונג פון די דזשאבינג ארבייט דורכ'ן זומער, וועט אויסקומען, אז די גרעסטע צאָהל מאנופעקטשו־רערס, וויסענדיג, אז די יוניאָן פלאנעוועט א סטרייק, וועלען אָנפאנגען דעם פאָלל סיזאָן און זיי וועלען מאכען דעם גרע־סטען טייל פון זייער ארבייט אין די פאָר מאָנאטען בעפאָר דעם סטרייק, און איידער מיר וועלען פארטיג ווערען מיט אונ־זערע פאָרבארייטונגען, וועט שוין ניט זיין ביי וואָס צו סטרייקען. פיעלע קלענערע מאנופעקטשורערס האָבען זאָגאר געמאכט פאָרבערייטונגען אויפצומאכען א גרויסען סטאק ארבייט.

מיט יאָהרען צוריק האָט מען אין די מאָנאטען אפריל, מאי, דזשון און דזשולי אויפגעמאכט די גאנצע ביליגע ארבייט פאר די סויטהערן סטייטס. אין רעגעלען סיזאָן האָבען עס די ארבייטער ניט געוואָלט מאכען, ווייל די וואארע און טרימינגס זיינען געווען די ביליגסטע, וואָס מען קען נאָר קריגען, און נאַ־טירליך איז דער ארבייטס־לוין אויך געווען זעהר קליין. די זעלבע סטיילס, וואָס מען האָט אין דזשאבינג סיזאָן געמאכט פאר א קוואָדער א שטיק, האָט מען אין רעגעלען קלאָוק־סיזאָן באצאָלט א דאלאר און מאנכעס מאָל א דאל. און א האלב א שטיק.

דיזע ארבייט איז פארקויפט געוואָרען אין דזשאב לאטס אָדער אין די אָוקשענס. שפעטער אָבער זיינען די מאנופעק־טשורערס קליגער געוואָרען. זיי פלעגען זייערע סיילס־לייטע ארויסשיקען פיעל פריהער אָננעמען רעגעלע אָרדערס און פאר די ארבייטער פלעגען זיי זאָגען, אז עס איז דזשאבינג ארבייט און מען מוז עס אויפמאכען גאנץ ביליג. דאדורך פלעגט אויס־קומען, אז אין די מאָנאטען אויגוסט און סעפטעמבער, ווען די ארבייטער האָבען ערווארטעט די רעגעלע סיזאָן־ארבייט מיט בעסערע פרייזען, איז שוין דעמאָלט קיין שטאָף ארבייט ניט געווען, ווייל דער גאנצער סיזאָן איז שוין פריהער אויפגעמאכט געוואָרען אויף דזשאבינג פרייזען. אלעס וואָס די ארבייטער האָבען געהאט צו מאכען, איז געווען די ספעשעלס אָדער אויס־צופילען געוויסע סייזעס, וואָס האָבען געפעהלט צו די לאטס.

קלענערע מאַנופעקטשורערס האָבען זאָגאַר געמאַכט פאַרבעריי־טונגען אויפצומאַכען אַ גרויסען סטאַק, אום אין דער צייט פון סטרייק עס צו פערקויפען פאַר גרויסע פרייזען. פאַר פיעלע מאַנופעקטשורערס וואָלט זיך זיכער געלוינט, אַז דער סטרייק זאָל זיך וואָס לענגער פערציהען, וואָס וואָלט זיך פאַר אונז זיכער ניט געלוינט.

די אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטע האָט אויסגעאַרבייט דעם פאָל־גענדען פּלאַן: וואו מען האָט זיך נאָר דערוואוסט, אַז דזשאַבינג אַרבייט ווערט געמאַכט אין גרויסע לאָטס, האָט מען גלייך אַרויפ־געשיקט קאָמיטעס און די אַרבייטער אָהן אַ פּראָוואָס אַרונטער־גענומען אין סטרייק. יוניאָן־לייטע אָדער ניט יוניאָן לייטע זיינען אַרונטערגענומען געוואָרען. אַז די אַרבייטער זיינען געקומען אין האָלס און האָבען געפרעגט פאַרוואָס מען האָט זיי אַרונטערגענומען סטרייקען, האָט מען זיי ערקלעהרט, אַז זיי דאַרפען ביי זייערע באָסעס פערלאַנגען צעהן סענט מעהר אויף אַ שטיק אַרבייט. מען האָט זיי גאָר ניט דערמאָהנט וועגען אָנשליסען זיך אָן דער יוניאָן, ווייל מאַנכע פון די סטרייקערס וואָלטען פיעלייכט געדענקט, אַז דער גאַנצער טאַראַראַם איז בלויז אַריינצוקריגען מעהר מעמבערס אין דער יוניאָן און אַז מען מיינט גאָר ניט זייער טובה. עס וואָלט זיך אָנגעפאַנגען אָן אונצופריעדענהייט צווישען די סטרייקערס, וואָס וואָלט אונ־זער גאַנצען פּלאַן צושטערט.

מיר האָבען די לייטע בלויז געזאָגט: „פערלאַנגט פון אייערע באָסעס צעהן אָדער פופצעהן סענט אויף אַ גאַרמענט". און וועלכער קלאָוקמאַכער וועט זיך עס ענטזאָגען צו געהן סטרייקען צו קריגען מעהר געלד פאַר דער אַרבייט? איבער־הויפּט נאָך דאַמאָלסט, ווען מען האָט מעהר ווי צוויי דאָלאַר אַ טאָג ביי די דזשאַבינג אַרבייט ניט געקענט פערדיענען.

דער פּלאַן האָט געאַרבייט אויסגעצייכענט. הונדערטע שעפּער זיינען אַזוי אַרונטערגענומען געוואָרען אין סטרייק.

די באָסעס, זעהענדיג, אַז מען סטרייקט בלויז פאַר אַ פּאָר סענט מעהר אויף דער אַרבייט און אַז מען פאָדערט ניט קיין

יוניאָן־אַגרימענטס אָדער אַנדערע יוניאָן־פּרינציפּען, האָבען אַ פּאָר טעג שפּעטער נאָכגעגעבען אַלע פאָדערונגען פון די אַר־בייטער און אַלע זיינען געגאַנגען צוריק ארבייטען.

איינינע טעג שפּעטער האָט מען די לייטע ווידער אַרונ־טערגענומען אין סטרייק צו קריגען נאָך אַ מאָל צעהן סענטינע אויף דער ארבייט און ביים צווייטען מאָל סטרייקען זיינען שוין די אַרבייטער געגאַנגען מיט מעהר מוטה ווי דעם ערשטען מאָל, ווייל זיי האָבען שוין געזעהן, אַז די יוניאָן האָט געטהאָן פּאר זיי, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען נאָך גאָר קיין יוניאָן־לייטע ניט, און אָנשטאָט מיר זאָלען דארפען ריידען צו זיי וועגען אָנשליסען זיך אָן דער יוניאָן, זיינען זיי אַליין געלאָפען און האָבען הונ־דערטערווייז בעלאַגערט אונזערע אָפּיסעס און געוואָרען יוניאָן־לייטע.

די באָסעס זיינען נאָך אַ מאָל געקומען און ווידער געגייזט אַ פּאָאָר סענט אויף דער ארבייט. פּיעלע מאַנופעקטשורערס האָבען שוין ביים צווייטען מאָל סטרייקען געוואָלט, אַז די יוניאָן זאָל מיט זיי אונטערשרייבען אַגרימענטס, נאָר מיר האָבען זיך ענטזאָגט דאָס צו טהאָן.

האָבענדיג שוין אַ גרויסע צאָהל פון זיי אָרגאַניזירט, האָבען מיר זיי שוין ערקלעהרט, אַז מיר דענקען צו האָבען קירצליך אַ דזשענעראַל סטרייק און אַז די אַלע קליינע סטרייקלעך זיינען בלויז אַ פּאָרשפּיעל צו דער גרויסער חתונה, וואָס דאַרף ערשט קומען, און אַלץ, וואָס זיי דארפען יעצט טהאָן, איז אויפצו־מאַכען אין די שעפּער אַזוי ווענינ ארבייט ווי נאָר מעגליך, כדי אַז ווען מען וועט ארונטערגעהן אין סטרייק, זאָלען די באָסעס ניט האָבען קיין אויפגעמאַכטען סטאָק.

די ארבייטער האָבען פערשטאַנען וואָס מיר האָבען זיי געזאָגט און זיי האָבען אונזער אָרדער אויסגעפאָלגט פּיעל בע־סער, ווי מיר האָבען זיך עס פּאַרגעשטעלט. אין גאַנץ ניו יאָרק האָט מען ניט אויפגעמאַכט קיין צעהן פּראָצענט פון דער אַר־בייט, וואָס עס וואָלט געדאַרפט געמאַכט ווערען אונטער גע־וועהנליכע אומשטענדען.

ווען די מאנופעקטשורערס האבען איינגעזעהן, אז די ארבייטער פאנגען אן צו פערשטעהן אן עסק, האבען זיי אנגעפאנגען טרייבען די ארבייטער פון די שעפער, ערקלעהרענדיג: ענטוועדער איהר ארבייט, אדער געהט שוין ארונטער סטרייקען.

מיר האבען נאטירליך אונזערע לייטע געגעבען סטריקט ארדערס ניט צו ריהרען זיך פון די שעפער. אבער די לופט איז שוין פול געוועזן מיט דעם סטרייק־פולווער. עס איז בלויז נויטיג געווען א מעטש אנצוצינדען אום די גאנצע פולווער זאל עקספלאדירען. נאר מיט שווערער מיהע האבען מיר עס איינגעהאלטען.

דעם ערשטען מאי האבען די קלאוק און סקוירט־מאכער ארויסמארשירט צוזאמען מיט אלע ארגאניזירטע ארבייטער פון ניו יארק. אכט טויזענד מאן האבען מארשירט. און דאס האט אויך צוגעגעבען א ביסעל פייער צו דער סטרייק־פראפאגאנדע און אונזערע לייטע האבען שוין אויך אנגעפאנגען פאדערען פון דער יוניאן, אז דער סטרייק זאל שוין ארויסגערופען ווערען, ווייל זיי קענען שוין ניט איינזיצען אין די שעפער. נאר אזוי ווי אין מאנאט דזשון האט געדארפט שטאטפינדען די קאנווענשאן פון דער אינטערנייששאנאל לײדיעס גארמענט וואירקערס יוניאן, האבען מיר אונזערע מיטגליעדער ערקלעהרט, אז אהן דער קאנווענשאן קענען מיר גאר ניט טהאן און אז זיי מוזען האבען געדולד און נאך א ביסעל צואווארטען.

אין דער צייט, ווען די סטרייק־אגיטאציע איז שטארק געווארען, האבען מיר זיך ארומגעזעהן, אז אונז פעהלט די וויכטיגסטע וואפע, נעמליך: די פרעסע, צו לאזען וויסען אונזערע מיטגליעדער ווי ווייט עס האלט מיט אונזער ארבייט. פון „פארווערטס“ האבען מיר נאטירליך ניט געקענט פערלאנגען די גאנצע צייטונג פאר אונז אוועקצוגעבען און ניט זייענדיג אימשטאנדע אליין ארויסצוגעבען צייטונגען, האבען מיר בעשלאסען וועניגסטענס ארויסצוגעבען ליעפלעטס אין דעם פארמאט פון א קליין צייטונגעל. עס איז בעשלאסען געווארען ארויסצוגעבען די ליעפלעטס צוויי מאל א וואך. דער נאמען פון דעם ליעפ־

לעט האָט געהייסען „די נייע פּאָסט“, וועלכע איז נאָכדעם בע־ריהמט געוואָרען איבער'ן לאַנד דורך דער היסטאָרישער „רויטער פּאָסט“, מיט וועלכער מען האָט ארונטערגערופען די פינף און זיעבעציג טויזענד קלאָוק־מאכער, סקוירט־מאכער, קאַטערס און פרעסערס אין דזשענעראל סטרייק דעם 7טען דזשולייי, 1910.

די אויפגאַבע פון דער „נייער פּאָסט“ איז געווען בעקאַנט צו מאַכען די ארבייטער ווי ווייט עס האַלט שוין מיט אונזער ארבייט. עס איז אויך אין דיעזער „פּאָסט“ אַנגעציינט גע־וואָרען אין וועלכע שעפּער עס ארבייטען ווייסע „ניגערס“ און ווילען זייער לאַגע ניט פערבעסערען. עס איז אויך אַנגעציינט געוואָרען וועלכע פּאָרלייטע און דעזיינערס זיינען שקלאַפּען־טרייבער א. ז. וו.

די ליעפלעטס זיינען צוטהיילט געוואָרען אומזיסט צווישען די קלאָוק און סקוירט־מאַכער אין די טויזענדע קאָפּיעס, און אַז אונזערע מעמבערס זיינען דורך דער „פּאָסט“ געוואָהר געוואָרען, אַז אין אַ געוויסען שאַפּ ווילען די ארבייטער זיך ניט אָרגאַ־ניזירען, איז מען גלייך געווען ביים שאַפּ און געטהאָן די נויטיגע אָרגאַניזאַציאָנס־ארבייט. די מאַנופעקטשורערס, פּאָרלייטע און דעזיינערס, אַזוי גוט ווי אונזערע קלאָוקמאַכער, האָבען געציטערט ווי פאַר פייער, אַז זייערע נעמען זאָלען ניט פערעפענטליכט ווערען אין דער „נייער פּאָסט“. עס האָט אייניגע מאָל פּאַ־סירט, אַז באָסעס האָבען זיך ניט געפּוילט אליין צו קומען אָדער צו שיקען אַ צושריפט, אַז אַ געוויסער סטייטמענט וועגען זיי אין דער „נייער פּאָסט“ איז ניט געווען קיין ריכטיגער.

די „נייע פּאָסט“ האָט אויפגעטהאָן וואונדער. ווען אונ־זערע קאָמיטע איז געקומען אין אַ שאַפּ רופען די ארבייטער זיך צו אָרגאַניזירען, האָט מען געפּיהלט, אַז מען מוז געהן, וואָרים ניט געהן הייסט, אַז זייערע נעמען וועלען זיין געדרוקט אין דער „נייער פּאָסט“.

די פרעסערס האָבען זיך צוזאַמענגעשטעלט אַן אייגענע אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטע, און אַזוי ווי זיי האָבען אַם מייסטען געליטען פון די קאָנטראַקטאָר־פרעסערס, האָבען זיי זיך די ער־

שטע זאך גענומען צו זיי. אז מען האט נאר דערזעהן א קאנ־טראקטאר־פרעסער זיך ארומדרעהען אין מארקעט ארום דער פינפטער עוועניו אדער ארום יוניאן־סקווער, האט מען שוין פער־שטאנען, אז ער זוכט בילינע פרעסערס, און גלייך האט מען איהם געגעבען צו ערקלעהרען, אז דא איז פאר איהם קיין פלאץ ניטא און מען האט זיי גאנץ איינפאך פון מארקעט פערטריבען. זיי האבען אויך ארונטערגענומען מאסען פרעסערס, וואס האבען געארבייט פאר קאנטראקטארס.

אין אלע גאסען, וואו קלאוקמאכערס קומען זיך נאר צו־זאמען, האט מען געטראפען גאנצע קופעס מיט פרעסערס, דיס־קוטירענדיג איבער'ן דזשענעראל סטרייק.

דער געדאנק פון א דזשענעראל סטרייק איז אזוי פאפולער געווארען, אז הונדערטע ארבייטער האבען טעגליך בעלאגערט אונזער אפיס, פערלאנגענדיג אז דער סטרייק זאל שוין ארויס־גערופען ווערען, ווייל שפעטער וועט שוין קיינער ניט וועלען ארונטערגעהן. פיעלע ארבייטער האבען די בעאמטע בעשול־דיגט, אז זיי מיינען גאר ניט צו רופען דעם סטרייק, נאר מען האט ביי זיי איינפאך אויסגענארט געלד צו האבען מיט וואס אויפצוהאלטען די יוניאן און ווען ניט דעם תירוץ, וואס מיר האבען זיי געהאט צו געבען, אז נאר די קאנווענשאן דארף דעם סטרייק בעשליסען, קען זיין, אז מיר וואלטען געצוואונגען געווען דעם סטרייק ארויסצורופען מיט א מאנאט פריהער און עס קען זיין, אז דער סוף פון אזא סטרייק וואלט ניט געווען אזא גינ־סטיגער, ווי דער סוף פון דעם ריעזיגען סטרייק, וואס איז שפע־טער ארויסגערופען געווארען.

XXX

די קאנווענשאן פון דער אינטערנייישאנאל אין דזשון 1910 און דער בעשלוס פון דזשענעראל סטרייק.

די קלאוק און סקוירט־מאכער דעלעגאטען, וואס זיינען ערוועהלט געווארען צו דער קאנווענשאן, זיינען אינסטרואירט

געוואָרען פון זייערע לאָקאַלס פאַרצוברענגען פאַר דער קאָנ־ווענשאָן די פראַגע פון אַ דזשענעראַל סטרייק אין ניו יאָרק, ווי אויך אויסצוגעפינען מיטלען דעם סטרייק אָנצופיהרען און אונטערצושטיצען פינאַנציעל, אום ער זאָל זיך ענדיגען מיט אַ סוקסעס. אַ פּאָאַר דוצענד רעזאָלוציאָנען זיינען צו דיעזען צוועק אריינגעבראַכט געוואָרען, נאָר אַזוי ווי אַלע רעזאָלוציאָ־נען צו פערהאַנדלען אויף דער קאָנווענשאָן וואָלט פיעלייכט פער־נומען אַ וואָך צייט, האָט דער פּרעזידענט אַפּאָינטעט אַ 9ער קאָמיטע און אַלע רעזאָלוציאָנען זיינען צו זיי איבערגעגעבען געוואָרען צו בעטראַכטען און אריינצוברענגען אַן אַלגעמיינעם רעפּאָרט.

אויפ'ן פינפטען טאָג פון קאָנווענשאָן האָט די קאָמיטע אריינגעבראַכט איהר רעפּאָרט, וועלכער האָט געלויטעט, אַז אַ דזשענעראַל סטרייק אין קלאָוק און סקוירט־טרייד זאָל גערופען ווערען און אַז די נייע ערוועהלטע דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, צוזאַמען מיט דער ניו יאָרקער דזשאָינט באָארד, זאָלען צוזאַמען מאַכען די לעצטע אראַנזשעמענטס. אויך איז בע־שלאָסען געוואָרען צו טעקסען יעדען מעמבער פון דער אינטער־ניישאָנאַל מיט איין דאָלאר צו דעקען אַ טהייל פון די סטרייק־אויסגאַבען.

ווען די קאָמיטע איז פערטיג געוואָרען מיט פּאָרלעזען איהר רעפּאָרט און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ דעבאַטע אויפ'ן פלאָאָר דאַפיר און דאַגעגען דעם רעפּאָרט פון דער קאָמיטע, האָבען זיך די ניו יאָרקער קלאָוקמאַכער דעלעגאַטען אַזוי צוהיצט, אַז איינער פון זיי האָט אין גרויס אויפרעגונג געמאַכט די פאָל־גענדע ערקלעהרונג: „אויב מיר קומען צוריק נאָך ניו יאָרק אָהן אַ דזשענעראַל סטרייק, וועט דאָס פאָלק אונז מיט פּיסטאָלס דערוועהרגען"... ווי עס ווייזט אויס, האָט דיעזע ערקלעהרונג זיינע געמאַכט אַ טיעפע ווירקונג אויף פיעלע דעלעגאַטען, וואָרים ווער וויל עס האָבען אַזאַ מיאוס'ען טויט דערוואָרגען צו ווערען? און נאָך מיט אַ פּיסטאָל דערצו! און נאָך אַ פינף שטונדיגער דעבאַטע איז ענדליך מיט 55 שטימען געגען 10 בעשלאָסען

געוואָרען אַ דזשענעראַל סטרייק פון קלאָוק און סקווירט־טרייד אין ניו יאָרק אַרויסצורופען. עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען, אַז די דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד זאָל אַפּאָינטען אַ סאָב קאָמיטע פון דריי, וועלכע זאָלען בעשטימען די צייט ווען דער סטרייק זאָל אַרויסגערופען ווערען.

די דעלעגאַטען דייטש, ראָזענבערג און הערצבאַך זיינען אַפּאָינטעט געוואָרען זיך איבערצוגעבען נאָך וואשינגטאָן צו פּרעזידענט גאָמפּערס פון דער אַמעריקען פעדעריישאָן אָוו לייבאָר, אַז אַ מעמבער פון עקזעקוטיוו קאַונסיל זאָל געשיקט ווערען נאָך ניו יאָרק מיטצואַרבייטען אין סטרייק.

דער עקזעקוטיוו קאַונסיל פון דער פעדעריישאָן האָט בעשטימט, אַז ברודער דזשאהן ב. לענאָן, דער טרעזשורער פון דער פעדעריישאָן, וועלכער איז אַ שניידער ביים טרייד, זאָל מיט אונז מיטאַרבייטען. שפּעטער, אין מיטען סטרייק, האָט די פעדעריישאָן אונז געשיקט אַ צווייטען אָרגאַנייזער, ברודער גרענט האַמילטאָן, וועלכער האָט אונז מיטגעהאָלפען אין דער אַרבייט.

גלייך נאָך דער אָבשטימונג איבער'ן סטרייק, זיינען אַלע דעלעגאַטען אַרויפגעשפּרונגען אויף די טישען און טשערס אין קאָנווענשאָן האָלל און האָבען געטשירט איבער'ן רעזולטאַט ווענינגסטענס אַ האַלבע שטונדע. טעלעגראַמען זיינען גלייך אויסגעשיקט געוואָרען נאָך ניו יאָרק און צו אַלע איבעריגע לאָקאַלס פון דער אינטערניישאָנאַל, אַז מען זאָל זיך שוין נעהמען פאַרטיג מאַכען פאַר'ן סטרייק.

גלייך ווי די ניו יאָרקער קלאָוק און סקווירט־מאַכער האָבען זיך דערוואוסט וועגען דעם רעזולטאַט פון דער אינטערניישאָנאַל קאָנווענשאָן אין באָסטאָן, האָבען זיי הונדערטער און טויזענדערווייז בעלאַגערט דעם יוניאָן אָפיס.

אַלע צייטונגען איבער'ן לאַנד האָבען דעם זעלבען טאָג געשריבען לאַנגע אַרטיקלען איבער דעם קומענדען סטרייק אין ניו יאָרק. די איינציגע, וואָס האָבען זיך געמאַכט תם'עוואַטע, זיינען געווען די ניו יאָרקער קלאָוק־מאַנופעקטשורערס. זיי

האבען ניט געגלויבט, אז אלע וועלען ארונטערגעהן פון די שעפער.

גלייך ווי די דעלעגאטען זיינען צוריקגעקומען פון דער קאנווענשאן, האט די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אבגע־האלטען א מיטינג מיט דער דזשאינט באארד און עס איז גלייך בעשלאסען געווארען צו דינגען מעדיסאן סקווער גארדען, דעם גרעסטען האל אין ניו יארק, וואס נעהמט אריין צוואנציג טוי־זענד מענשען, אויף א מאסען־פערזאמלונג.

פיעלע פון די אנוועזענדע ביי דיעזען מיטינג האבען זיך זאגאר אויסגעשפראכען, אז ערשטענס איז דער האלל צו גרויס און מען וועט איהם ניט קענען אנפילען, און עס וועט הייסען, אז דער מיטינג איז געווען א דורכפאל. צווייטענס וועט עס אבקאסטען צופיעל געלד. רענט פאר'ן האלל אליין קאסט עלף הונדערט דאלאר. דאן דארף קאסטען ארום 300 דאלאר אויפ־צובויען א פלאטפארמע פאר די רעדנער, און ארום טויזענד דאלאר וועלען קאסטען טשערס. צוזאמען מיט אדווערטייזינג וועט עס פיעלייכט בעטרעפען ארום פיער טויזענד דאלאר. נאר די מאיאריטעט פון דער קאמיטע איז געווען דאפיר, אז אויב עטוואס אונטערנעהמען, זאל עס זיין גרויסעס, און מעדיסאן סקווער גארדען איז גענומען געווארען.

די קאמיטע האט בעשלאסען אויפצופאדערען אלע לאקאלס, וואס וועלען דארפען זיין בעטהייליגט אין דיעזען סטרייק, זיי זאלען ערוועהלען א צאהל פון זייערע בעסטע מיטגליעדער און עס איבערגעבען צו דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד. זי זאל אויסקלייבען צו פינף פון יעדען לאקאל, וועלכע זאלען צו־זאמענשטעלען די דזשענעראל סטרייק קאמיטע.

די פאלגענדע לאקאלס זיינען אין דעם בעטהייליגט גע־ווען: לאקאל 1, קלאוק אפרייטארס; לאקאל 9, קלאוק און סוט שניידערס; לאקאל 10, אמאלגאמייטעד קאטערס; לאקאל 17, טשילדרען קלאוק און ריפער מייקערס יוניאן; לאקאל 11, קלאוק און סקוירט מייקערס יוניאן פון בראנזוויל; לאקאל 23, סקוירט מייקערס יוניאן; לאקאל 35, קלאוק און סקוירט פרעסערס;

לאָקאַל 64, באָטאָן האָל מייקערס יוניאָן; און לאָקאַל 68, בראָנז־וויל פּרעסערס יוניאָן. צוזאַמען זיינען געווען 9 לאָקאַלס און פון יעדען לאָקאַל זיינען אויסגעקליבען געוואָרען צו פינף פּער־טרעטער. די דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע איז אַלזאָ בעשטאַנען פון 45 מיטגליעדער.

דיעזע פינף און פערציג פּערזאָן זיינען איינבערופען גע־וואָרען צו אַ מיטינג, וואו די פאָדערונגען זיינען אויסגעאַרבייט געוואָרען, און נאָכדעם ווי די לאָקאַלס האָבען עס אָנגענומען, איז עס ארויסגעשיקט געוואָרען צו די מאַנופעקטשורערס.

די פאָדערונגען זיינען געווען די פאָלגענדע:

1) אַן אכט־שטונדיגען ארבייטס־טאָג אָדער אַן אכט־און־פערציג שטונדיגע ארבייטס־וואָך. קיינע ארבייט שבת נאָכ־מיטאָג. אין די שעפּער, וואו מען ארבייט זונטאָג אָנשטאָט שבת, זאָל זונטאָג געארבייט ווערען בלויז אַ האלבען טאָג.

2. קאַטערס זאָלען קריגען ניט ווייניגער ווי 26 דאָלאַר אַ וואָך. סעמפּעל שניידערס ניט ווייניגער פון 24 דאָלאַר; פּרעסערס ניט ווייניגער פון 22 דאָלאַר; אונטער־פּרעסערס ניט ווייניגער פון 19 דאָלאַר.

3. די אָבשאַפונג פון אינסייד־קאָנטראַקטינג ביי פּרעסינג, פינישינג און אָפּרייטינג.

באָטאָן האָל מייקערס דאַרפען קריגען אַ דאָלאַר פּאַר אַ הונדערט לעכער.

אין יעדען שאַפּ מוז זיין אַ שאַפּ־דעלעגאַט מיט אַ פּרייז־קאָמיטע און קיינע אונגעסעטעלטע ארבייט דאַרף ניט געמאַכט ווערען.

די מאַנופעקטשורערס דאַרפען בעשעפטיגען בלויז יוניאָן־לייטע.

ביי פּרייזען מאַכען אויף שטיק־ארבייט, דאַרף אַיסגע־רעכענט ווערען, עס זאָל אויסמאַכען 75 סענט אַ שטונדע. אויך דאַרפען די באָסעס איינפיקסען עלעקטריק מאַשינען און קיין ארבייטער זאָל ניט דאַרפען בעצאָהלען פאַר עלעקטריק פּאַוער מאַשינען, נידעלס, סטראַפּס און אַנדערע קלייניגקייטען.

עס איז אויך פערלאנגט געווארען, אז קיין ארבייטער זאל ניט ערלויבט זיין צו ארבייטען מיט סעטס; יעדער ארבייטער מוז ארבייטען אליין אדער העכסטענס מיט איין אויסהעלפער.

דיעזע פאדערונגען זיינען זעהר שטארק פאפולער געווארען צווישען די ארבייטער, ווייל זיי האבען שטארק געליטען פון די קאנטראקטינג-ביזנעס און פון דעם וואס זיי האבען געדארפט האבען אייגענע מאשינען.

ווען מען איז שוין פארטיג געווארען מיט אויסארבייטען די פאדערונגען, האט מען די סטרייק-קאמיטע צוטהיילט אין 9 קאמיטעס. יעדער קאמיטע זאל איהר טהייל ארבייט טהאן פאר זיך און דורכ'ן סטרייק דארף דאס גאנצע סטרייק-קאמיטע זיך צוזאמענקומען צוויי מאל אין דער וואך אבצוגעבען בע־ריכטען. בלויז די טשערלייטע פון די 9 קאמיטעס זאלען זיך צוזאמענקומען יעדען אבענד און בעשפרעכען די וויכטיגסטע ארבייט פון טאג.

פאר דער סעטעלמענט קאמיטע זיינען אפאינטעט געווארען צוויי טשערלייט: דזשאהן ב. לענאן, טרעזשורער פון דער א. פ. אוו ל., און א. בלאק; פאר דער דזשענעראל פיקעט קאמיטע: מ. זיעגמאן און דזש. קאהן; פאר דער האל קאמיטע — אב. מיטשעל; פאר דער רעדנער קאמיטע וו. סימאנס; פאר דער רעליעף קאמיטע דזש. וואולף; פאר דער פרעס קאמיטע א. עפשטיין; פאר דער פינאנס קאמיטע סערינגטאן; פאר דער ארגאניזאציאנס קאמיטע מ. גאלדאווסקי און א. אקסעלראד; פאר דער לאא קאמיטע ה. גראסמאן און מ. הײמאן; פאר דער פרינטינג קאמיטע ראבינאוויטש און מיס קיידי קאהן. דער סעקרעטער פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע איז געווען דזש. זימערמאן און דער פרעזידענט און טרעזשורער — א. ראזענבערג.

די קאמיטעס זיינען גלייך טהעטיג געווארען און האבען זיך גענומען צו מאכען אלע זייערע נויטיגע פארבערייטונגען. די טשערלייטע האבען אויך דאס רעכט געהאט צוצוציהען צו

זייערע קאָמיטעס אזוי פיעל פערזאָנען ווי זיי געפינען פאר נויטיג.

די האָל־קאָמיטע האָט גלייך געמאַכט קאָנטראַקטען מיט אַלע האָלל־קיפּערס אין ניו יאָרק און זיי זיינען געאָרדערט גע־וואָרען צו האָבען זייערע האָלס גרייט פאר די סטרייקערס צו יעדער מינוט.

די געזעץ־קאָמיטע האָט אנגאַזשירט 4 לאָיערס, וועלכע זאָלען שטענדיג זיין אין די פערשיעדענע קאָורטס, ווען די קאָורטס זיינען אָפען, און גלייך ווי עס וועלען פּאַסירען וועלכע ארעסטען, זאָל עס גלייך אַטענדעט ווערען. אַלע 4 לאָיערס זיינען געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון לאָיער מאַקס לע־ווין. אויסער דעם האָט מען אָנגעשטעלט מאיר לאָנדאָן אַלס דעם ליגעל אדוויזער אין אַלע אונזערע פערהאַנדלונגען מיט די מאַנופעקטשורערס און ביים סיינען אַגרימענטס.

די פינאַנס־קאָמיטע האָט אָנגעשטעלט מאָררים ווינטשעוו־סקי מיט צוויי בוק־קיפּערס אויפצופּאַסען אויף די פינאַנצען, אום אז דאָס פאָלק, וואָס זוכט אימער פּריטשעפּקעס, זאָלען ניט האָבען וואָס צו ריידען.

די דרייער קאָמיטע, וואָס איז בעשטימט געוואָרען צו אַנאָנסירען די צייט, ווען דער סטרייק זאָל ארויסגערופען ווערען, איז בעשטאַנען פון דזשענעראַל סעקרעטערי דזשאהן א. דייטש, פּרעזידענט א. ראָזענבערג און וויס־פּרעזידענט ס. פּאָליאַקאָף.

עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען, אז אין יעדען האָל־בילדינג, וואו מעהרערע סטרייקענדע שעפּער וועלען מיטען, זאָל זיין אונזערער אַן ערוועהלטער טשערמאַן, אויף וועלכען מיר זאָלען זיך קענען פערלאָזען און ער זאָל אויפּפּאַסען אויף אַלע סטרייקערס.

ווי איהר זעהט, זיינען אונזערע פּאַרבערייטונגען געמאַכט געוואָרען איידער דער סטרייק האָט זיך נאָך אָנגעפאַנגען. אַלעס האָט נאָר געוואַרט אויף דעם סיגנאַל ארויסצוגעהן.

דעם 28טען דזשון האָט שטאַטגעפונדען דער היסטאָרישער מאַסס־מיטינג אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען, און טראָץ דעם,

וואָס דער מיטינג האָט זיך געדאַרפט אָנפאַנגען אכט אוהר אבענדס, איז שוין 3 אוהר נאָכמיטאָג די גאַנצע געגענד אַרום מעדיסאָן סקוועער גאַרדען בעלאַגערט געווען מיט צעהנדליגע טויזענדע אַרבייטער. אום פינף אוהר איז שוין דאָס קאָמיטע געצוואונגען געווען צו עפענען די טהירען און אין פופצעהן מינוט צייט איז דער ריעזיגער מעדיסאָן סקוועער גאַרדען מיט אַלע גאַלעריעס אָנגעפילט געוואָרען ביז צום דערשטיקט ווערען.

די קאָמיטע האָט גלייך בעשטעלט אכט טראָקס, פון וועלכע מען זאָל קענען ריידען צו די מאַסען אויף די סטריטען אַרום מעדיסאָן סקוועער גאַרדען. אַלע גאַסען אַרום סקוועער זיינען פערבלאָקירט געווען מיט צעהנדליגע טויזענדע אַרבייטער, וואָס האָבען ניט געקענט צוקומען צום האָלל. די צייטונגען האָבען אויף מאָרגען געשריעבען, אז װעניגסטענס פערציג טויזענד מענשען האָבען אין האָלל ניט געקענט אריינקומען. עס איז געווען אזא דעמאָנסטראַציע, וואָס ניו יאָרק האָט נאָך ניט געזעהן.

די בעגייסטערונג אויף דער פערזאַמלונג איז געווען אונ־בעשרייבליך. יעדערער פון די אַנוועזענדע האָט געפיהלט, אַז עס פאַנגט זיך אָן אַ נייע עפּאָכע אין דער אַרבייטער־בעוועגונג און אַ נייער לעבען ביי די קלאָוקמאַכער.

אַלע אַנוועזענדע האָבען נאַטירליך ערוואַרטעט, אַז ביי דיעזען מיטינג וועט מען ערקלעהרען דעם דזשענעראַל סטרייק. אין פיעלע שעפּער האָט מען שוין קיין נייע אַרבייט ניט פאַר־גענומען און די וואָס האָבען נאָך געהאַט אַ פּאָר שטיקלאַך אַר־בייט אויף די הענד, האָבען עס געטרייעט אויסצופינישען אַזוי שנעל ווי מעגליך, כדי עס זאָל ניט אויסקומען מחלל שבת צו זיין. נאָר ווען דער טשערמאַן האָט ביי דער ערעפנונג פון מיטינג ערקלעהרט, אַז ביי דיעזען מיטינג וועט מען קיין סטרייק ניט ערקלעהרען, אַז עס וועט פריהער פאַרגענומען ווערען אַ געהיימע אַבשטימונג פון אַלע מעמבערס פון די נייען לאָקאַלס פאַר אָדער געגען אַ סטרייק, האָבען אַלע אַנוועזענדע געפיהלט ווי מען וואָלט זיי אָבגעגאָסען מיט קאַלטע וואַסער.

יעדענפאלס האָבען זיך אַלע געהאַלטען אין בעסטען אָרד־נונג. יעדער איינער האָט געפיהלט, אַז דער מאָמענט איז אַ צו הייליגער ארויסצואווייזען וועלכע ניט איז אונצופריעדענ־הייט מיט די האנדלונגען פון די פיהרערס.

עס איז אויך ביי דיעזען מיטינג אַנאָנסירט געוואָרען, אַז די יוניאָן צעהלט שוין יעצט כמעט דרייסיג טויזענד מיטגליע־דער מיט אַ פערמעגען פון זיעבעציג טויזענד דאָלאר, — די גרעסטע סומע, וואָס אַ אידישע יוניאָן האָט ווען פערמאָגט.

דיעזעביידע זאכען צוזאמען האָט די גרויסע מאסע קלאָוק און סקוירט מאכער געמאכט צו רעספעקטירען די יוניאָן און איהרע ליעדערס און אַלע האָבען אונגעדולדיג געווארט אויף דעם מאָמענט, ווען דער סטרייק וועט שוין ארויסגערופען ווערען.

XXXI

די אָבשטימונג און אַרויסרופונג פון דזשענעראַל סטרייק

גלייך נאָך דער מאסען־פערזאמלונג אין מעדיסאָן סקווער גארדען האָט די יוניאָן ארויסגעלאָזען אַן עקסטרא „נייע פּאָסט“, אין וועלכער מיר האָבען געלאָזען וויסען אַלע קלאָוקמאכער פון ניו יאָרק, ברוקלין און בראַנזוויל, אַז שבת, זונטאָג און מאָנ־טאג, דעם 2טען, 3טען און 4טען דזשולייַ, זאָלען זיך אַלע בע־טהייליגען אין אַ געהיימער אָבשטימונג פאַר אָדער געגען אַ גענעראַל סטרייק.

אכט פּאָלינג־פּלעצער זיינען געעפענט געוואָרען אין פער־שיעדענע טהיילען פון ניו יאָרק און ברוקלין. אין יעדען פּאָ־לינג פּלאַץ איז אוועקגעשטעלט געוואָרען אַ פערשלאָסענע קאַס־טען, וואו מען האָט געדאַרפט אריינוואַרפען די שטימ־צעטלען. אַ קאָמיטע פון אַ פּאָאַר פערטרויענסווערטהע מענשען זיינען אין יעדען פּאָלינג פּלאַץ אוועקגעשטעלט געוואָרען אכטונג צו געבען, אַז די אָבשטימונג זאָל צוגעהן ריכטיג. קיין קלאָוק און סקוירט־מאַכער, אויסער די וואָס האָבען געקענט צייגען אַ

יוניאָן־בוך אָדער וועניגסטענס אַ טשעק, אַז ער האָט איינגע־צאָהלט אַ טהייל פון זיינע איינטריטס־געלד אין דער יוניאָן, איז ניט בערעכטיגט געווען צו שטימען.

אום צו זעהן, אַז מיטגליעדער זאָלען ניט קענען שטימען מעהר ווי איין מאָל, זיינען בעשטעלט געוואָרען ראָבער־סטעמפּס מיט דעם אויפשריפט: „געשטימט דזשולי 1910“. יעדער מיטגליעד, וואָס איז געקומען שטימען, האָט געמוזט צייגען זיין יוניאָן־בוך אָדער טשעק. די קאָמיטע האָט עס אָבגעסטעמפּט און דאַן האָט ער אָדער זי געקראָגען אַ באַלאָט צום שטימען.

די באַלאָטס זיינען געווען פון פּייפּער אונגעפעהר צוויי אינטשעס ברייט און פיער אינטשעס לאַנג. אין מיטען זיינען זיי געווען פּערפּערירט, דורכגעלעכעלט, כדי מען זאָל עס קענען לייכט איבעררייסען. אויף איין העלפט איז געדרוקט געווען אין אידיש, ענגליש און איטאַליעניש: „יאַ סטרייקען“, און אויף דער צווייטער העלפט איז געדרוקט געווען „ניט סטריי־קען“. אַלץ, וואָס דער וואוטער האָט געדאַרפט טהאָן, איז גע־ווען אָבצורייסען די העלפט, וואָס ער האָט געוואָלט שטימען און עס אריינוואַרפען אין דער פערשלאָסענער קאַסטען.

איבערצעהלענדיג די שטימען, האָט זיך ארויסגעצייגט, אַז אריבער נײַנצעהן טויזענד האָבען געשטימט פאַר סטרייקען און ארום זעקס הונדערט געגען סטרייקען.

גלייך ווי דער רעזולטאַט פון דער אָבשטימונג איז בע־וואוסט געוואָרען, האָבען פיעלע קלאָוק און סקוירט־מאַכער שוין אָנגעפאַנגען צו פערלאָזען די שעפּער, מיינענדיג, אַז דער דזשע־נעראַל סטרייק איז שוין ערקלעהרט געוואָרען. נאָר די יוניאָן האָט זיי גלייך געלאָזען וויסען דורך אַן עקסטרא נומער „נייע פּאָסט“, אַז קיינער זאָל ניט וואַגען ארונטערצוגעהן פון די שע־פּער, ביז וואַנען זיי וועלען ניט קריגען קיין אויפרוף דורך דער „רויטער פּאָסט“. אונזער עולם האָט געפאָלגט און געוואַרט.

די רעפּאָרטערס פון אַלע צייטונגען האָבען געטהאָן איי־ניגעס אויסצוגעפינען ווען דער סטרייק וועט ארויסגערופען ווערען. אויך פיעלע מאַנופעקטשורערס האָבען דורכ'ן טעלעפאָן

אַנגעפּרעגט אין אונזערע אָפּיסעס, ווען דער סטרייק וועט שוין ארויסגערופען ווערען, ווייל זיי ווילען וויסען אויב זיי זאָלען לאָזען זייערע קאַטערס שניידען. נאָר קיינער פון די בעאַמטע האָט זיי קיין אַנטוואָרט ניט געקענט געבען, אויסער די דריי, וואָס זיינען ביי דער אינטערנייִשאָנאַל אַפּאָינטעט געוואָרען צו בעשטימען די צייט. דעם איינציגען אַנטוואָרט, וואָס די מאַנופעקטשורערס האָבען געקראָגען, איז געווען: שניידט בלויז איינצעלנע גאַרמענטס!

דיענסטאג נאכט, דעם 5טען דזשוליי, האָט שטאַטגעפונדען אַ מיטינג פון אַ הונדערט פון די איבערגעבענסטע יוניאָן־לייט און זיי זיינען אַפּאָינטעט געוואָרען צו עקטען אַלס טשערלייטע אין די פערשיעדענע האָלס, וואו די סטרייקערס וועלען דאַרפען זיך צוזאַמענקומען.

די אַלע טשערלייטע האָבען געקראָגען אָרדערס צו זיין גרייט איבערצונעהמען זייערע עמטער אין אַ שטונדע צייט, נאָכדעם ווי זיי וועלען אַנגעצייגט ווערען. די האָל־קיפּערס זיינען אויך ערזוכט געוואָרען צו האָבען זייערע האָלס פערטיג צו יעדער מינוט, ווען די סטרייקערס וועלען נאָר קומען.

מיטוואָך אין דער פריה, דעם 6טען דזשוליי, האָט די דרייער קאָמיטע, וואָס האָט געדאַרפט בעשטימען דעם טאָג, ווען דער סטרייק זאָל ארויסגערופען ווערען, אָבגעהאַלטען אַ מיטינג און בעשלאָסען, אַז דער סטרייק זאָל זיך אָנפאַנגען דאָנערשטאָג, דעם 7טען דזשוליי, פונקט 2 אוהר נאָכמיטאָג. עס איז אויך גענומען געוואָרען אין אַנבעטראַכט, אַז אַזוי ווי טויזענדער מענשען וועלען אַרונטערגעהן סטרייקען און וועלען ניט וויסען וואו זיך צו פערזאַמלען, וועלען אַרויסקומען גרויסע מיספערשטענדניסע, וואָס וועט שעדיגען דעם סטרייק. דאַרום האָט דאָס קאָמיטע אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן צו לאָזען וויסען אַלע אַרבייטער אין וועלכע האָלס זיי זאָלען געהן, ווען דער סטרייק וועט ערקלעהרט ווערען.

דאָס קאָמיטע האָט דעם זעלבען טאָג אויפגעשריעבען דעם פאָלגענדען אויפרוף אין אידיש, ענגליש און איטאַליעניש, און דיעזעס איז געדרוקט געוואָרען אויף בלוט־רויטען פּאַפּיער:

דער דזשענעראַל סטרייק ערקלעהרט היינט
2 אוהר נאָכמיטאָג !

היינט 2 אוהר נאָכמיטאָג, ניט פריהער און ניט שפּעטער, מוז יעדער קלאָוק און סקוירט אַרבייטער, — אָפּרייטאָר, שניידער, פיני־שער, קאַטער, סקוירט מאַכער, פּרעסער און באָטאָן־האָל מאַכער, — אַוועקלעגען די אַרבייט און צוזאַמען מיט די איבעריגע אַרבייטער אַרונטערגעהן אין סטרייק. קיינער פון אייך זאָל ניט בלייבען אין די שעפּער ! אַלע אַרויס !

איהר זייט אַלע ערזוכט אַז ביים אַרונטערגעהן אין סטרייק זאָל הערשען די פּאָלשטענדיגסטע אָרדנונג. פערליערט ניט די קעפּ און מאַכט ניט קיין טומעל ביים אַרונטערגעהן.

פּונקט 2 אוהר זאָל יעדער פון אייך איינפּאַקען זיינע טולס און זיי גלייך מיט זיך נעהמען. לאָזט ניט איבער אייערע שערען, שאָ־טעלס און אַנדערע זאַכען אין די שעפּער. געהט אַרונטער שטיל און רוהיג. אויב די באָסעס וועלען אייך ניט לאָזען אַרונטערפאָהרען מיט די עלעוויימאָרס, מאַכט איבער דעם קיינע אַרגומענטס ניט ; פער־בויגט יעצט אייער כבוד און וואָקט אַרונטער מיט די טרעפּען. מאַר־שירט אין אָרדנונג פון אייערע שעפּער אין די פערשיעדענע מיטינג־לאָקאַלען, וואו מיר צייגען אייך דאָ אָן.

וואַרט ניט ביז קאָמיטעס וועלען אייך קומען אַרונטערנעהמען. מיר וועלען פּאָזיטיוו קיינע קאָמיטעס ניט שיקען. מיר ווילען ניט געבען קיין געלעגענהייט דער פּאָליציי צו מאַכען אַ פּאָאַר צעהנדליג אַרעסטען גלייך דעם ערשטען טאָג און נאַכהער זאָלען אַלע צייטונגען אַרויס מיט עקסטראַס, אַז ביים אַרונטערגעהן אין סטרייק האָבען שטאַטגעפונדען רייאָטס. געהט אַליין אַרונטער.

געדענקט : דער סוקסעס פון דעם סטרייק הענגט מעהרסטענ־טייהלס אָב אָן דער גוטער אָרדנונג און דיסציפּלין, וואָס איהר וועט אַרויסווייזען.

און אום צו פערמיידען כאַאָס און אונאָרדנונג, האָבען מיר בעשלאָסען אייך צו לאָזען וויסען וואו זיך צוזאַמענצוקומען נאָכדעם

ווי איהר ווערט אַרונטער פון די שעפּער. איהר דאַרפט גיהן אין די פאָלגענדע פּלעצער:

אַלע שעפּער, וואָס געפינען זיך צווישען דער 38טער סטריט, איסט און וועסט, זאָלען געהן נאָך פּראָגרעס אַסעמבלי רומס, 30 עוועניו „איי", קאָרנער צוויימע סטריט.

די שעפּער איסט און וועסט, צווישען דער 23טער ביז דער 17טער סטריט, זאָלען געהן נאָך מאַנהעטטען לייסעאום, 66 איסט 4טע סטריט.

די שעפּער פון דער 17טער סטריט ביז דער 10טער סטריט זאָלען געהן נאָך 206 איסט בראָדוויי.

אַלע שעפּער פון דער 10טער ביז ספּרינג סטריט זאָלען געהן נאָך 96 קלינטאָן סטריט.

די שעפּער פון ספּרינג ביז וואָקער סטריט זאָלען געהן נאָך 96 פאָרסייטה סטריט.

אַלע שעפּער פון קאַנעל, דיוויזשיאָן, איסט בראָדוויי און די זייטיגע סטריטען זאָלען געהן נאָך 49 הענרי סטריט.

די אַרבייטער פון די איסט סייד שעפּער זאָלען זיך פערזאַמלען אין 92 קאָלאָמביא סטריט.

די קאַטערס וועלען מיטען אין דער 11טער סטריט, ניער 3טע עוו.

אין די אַלע פערשיעדענע האָלס וועלען זיך געפינען אונזערע קאָמיטעס, וועלכע וועלען איינטהיילען די בעזונדערע שעפּער אין די פערשיעדענע מיטינג־רומס, וואָס זיינען פאַר זיי בעשטעלט געוואָרען.

פאַר די, וואָס וואוינען אין האַרלעם און אין בראָנקס, איז געזאָרגט געוואָרען, אַז זיי זאָלען ניט דאַרפען פאָהרען יעדען טאָג דאַון־טאַון און פאָרלויפיג איז גענומען געוואָרען דער האָלל אין 1915 דריטע עוועניו, ניער 106טע סטריט. מאָרגען וועלען מיר אַנאָנסירען די איבעריגע האָלס.

די בראָנזווילער אַרבייטער זאָלען זיך פערזאַמלען אין זייערע העדקוואָרטערס.

די ברוקלינער וועלען מיטען אין 71 קוק סטריט.

מיר זאָגען אייך נאָך אַ מאָל: פערליערט ניט די קעפּ און האַלט אויף אָרדנונג און דיסציפּלין!

ביי אָרדער אָוו דהי דזשענעראַל סטרייק־
קאָמיטע פון דער קלאָוק און סקוירט מיי־
קערס יוניאָן אָוו ניו יאָרק, אינטערנייששאָ־
נאַל לײדיעס גארמענט וואָרקערס יוניאָן".

דיעזער אויפרוף איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דרוקען אין 75,000 קאָפּיעס אויף רויטען פּאַפּיער. עס איז געזאָרגט געוואָרען, אַז קיינער זאָל ניט וויסען, אַז די „רויטע פּאָסט" דרוקט זיך שוין, כדי מען זאָל קיין אהנונג ניט האָבען ווען דער סטרייק ווערט ארויסגערופען. אין מיטען נאַכט זיינען אייניגע קלאָוק־מאַכער פארבייגעגאַנגען ברום סטריט, וואו אונזער פּרינטער האַלט זיין שאַפּ, און זיי האָבען דורכ'ן פענסטער דערזעהן, אַז מען דרוקט עפּעס אויף רויטע פּאַפּיער, און גלייך האָבען זיך אָנגעפאַנגען קלייבען רעדלעך. מען האָט אָבגעסטאַפּט די מאַ־שין, אויסגעלאָשען די געז און פערהאַנגען אַלע פענסטער, און נאָכדעם ווי אַלע זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָט מען וויע־דער אָנגעפאַנגען ארבייטען. ביז צעהן אוהר מאָרגענס דאָנער־שטאַג, דעם 7טען דזשוליי, האָט קיינער ניט געוואוסט, — אויסער די קאָמיטע און איין קלאָוקמאַכער, וואָס האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געוואָלט אוועקגעהן פון לעבען פּרינטינג שאַפּ, — אַז די „רויטע פּאָסט" איז שוין פאַרטיג ארויסצורופען דעם סטרייק.

דעם זעלבען מיטוואָך אבענד, דעם 6טען דזשוליי, האָט שטאָטגעפונדען אַ מיטינג פון דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע און נאָכדעם ווי אַלע נויטיגע געשעפטען זיינען שוין ערלעדיגט געוואָרען, — דאָס איז געווען אונגעפעהר 1 אוהר מאָרגענס, — האָט ברודער ראָזענבערג, דער טשערמאַן פון דער סטרייק־קאָמיטע, די גאַנצע סטרייק־קאָמיטע געמאַכט אָבצוגעבען אַ שבועה, אַז קיין זאַך, וואָס מען וועט זיי דאָ איבערגעבען, זאָל צו קיינעם ניט אַרויסגעגעבען ווערען. נאָכהער האָט ער זיי ערקלעהרט, אַז אַלע פאָרבערייטונגען פאַר'ן סטרייק זיינען שוין

פארטיג און מארגען, דאנערשטאג פונקט 2 אוהר נאכמיטאג, וועט דער דזשענעראל סטרייק אריינטרעטען אין קראפט, און אז קיינער פון דער סטרייק־קאמיטע דארף מארגען ניט מעהר געהן אין די שעפער.

כמעט די גאנצע סטרייק־קאמיטע איז שוין דיעזע נאכט ניט געגאנגען שלאפען און אלעס, וואס איז נאך נויטיג געווען, איז בעזארגט געווארען.

דאנערשטאג, דעם 7טען דזשולייי, 10 אוהר מארגענס, זיינען צוזאמענגערופען געווארען אלע, וואס האבען געדארפט עקטען אלס טשערלייטע אין די האלס, און יעדער איז אוועקגעשיקט געווארען אויף זיין פלאץ, וואו ער בעלאנגט. אין דער זעלבער צייט זיינען אלע אידישע און ענגלישע צייטונגען אינפארמירט געווארען, אז דער סטרייק הויבט זיך אן הייגט 2 אוהר נאכמיטאג.

גלייך ווי די „רויטע פאסט“ איז פארטיג געווארען פון דרוק, איז עס צוטהיילט געווארען אין הונדערט באנדעלס, און א קאמיטע, וואס איז בעפאר צו דיעזען צוועק בעשטעלט געווארען, איז ארויסגעשיקט געווארען מיט דער „פאסט“, יעדער אין אן אנדער סטריט. די ארדערס צו זיי זיינען געווען: ניט אנפאנגען צו טהיילען בעפאר 12 אוהר מיטאג־צייט. אויף דיעזען וועג זיינען אלע „רויטע פאסט׳ס“ אויסגעטהיילט געווארען אין איין האלבע שטונדע אין ניו יארק, ברוקלין און בראנזוויל, וואו די קלאוק און סקוירט־דיסטריקטען געפינען זיך.

די מהומה, וואס איז געווארען אין דעם קלאוק־דיסטריקט צווישען צוועלף און איינס אוהר, איז גאר ניט צו בעשרייבען. די אויפרעגונג איז געווען א שרעקליכע. מאנופעקטשורערס אזוי גוט ווי ארבייטער האבען זיך אין סטריט געשלאגען איבער א קאפיע „רויטע פאסט“. אנדערע האבען בעצאהלט א קוואדער און מעהר צו קריגען א קאפיע.

אלע צייטונגען האבען ארויסגעגעבען ספעשעל עקסטראס איבער דעם גרויסען סטרייק.

אבער טראץ דער גאנצער אויפרעגונג אין סטריט, האבען

דאָך אונזערע אַרבייטער ניט פערלאָרען די קעפּ און האָבען פּאָלשטענדיג אויסגעפיהרט אונזער גאַנצע פּראָגראַם.

פּונקט 1 אוהר זיינען אַלע צוריק געווען אין די שעפּער, אַזוי ווי קיין זאַך דאַרף גאָר ניט פּאַסירען. די וואָס האָבען נאָך געהאַט אַ ביסעל אַרבייט, זיינען געזעסען און גענייהט, נאָר די, וואָס האָבען שוין געהאַט אויסגעפינישט זייער אַרבייט, זיינען זיך קאַלטבלוטיג געזעסען אין די שעפּער און געוואַרט עס זאָל שוין ווערען 2 אוהר.

די באָסעס האָבען גאָר ניט געקענט בעגרייפען די קאַלט־בלוטיגקייט פון די אַרבייטער. זיי האָבען ווירקליך גערעכענט, אַז די גאַנצע געשיכטע איז ניט מעהר ווי אַ בלאָף און אַז בלויז די „חסידים“ וועלען אַרונטערגעהן. אָבער ווען דער זייגער־ווייזער האָט זיך אַרויפגערוקט אויף צוויי, האָט יעדער אַרביי־טער אַזוי ווי אויטאָמאַטיש זיך אויפגעהויבען פון פּלאַץ, איינ־געפּאַקט זיינע טולס, צוזאַמענגעלעגט די אונגעפינישטע אַרבייט און עס איבערגעגעבען די באָסעס. און ווען אַלע זיינען שוין פערטיג געווען, האָבען זיי זיך אויסגעשטעלט אין אָרדנונג און אָהן געשרייען און טומעל פערלאָזען די שעפּער!

XXXII

דער דזשענעראַל סטרייק.

נאָהענט צו צוויי אוהר זיינען איינינע מעמבערס פון אונזער סטרייק קאָמיטע, צוזאַמען מיט פיעלע פערטרעטער פון דער פּרעסע, אַרונטערגעגאַנגען אין קלאָוק־דיסטריקט זעהן אויף ווי ווייט די קלאָוק און סקווירט־מאַכער וועלען זיך אָברופען אויף דעם אָרדער פון דער יוניאָן אַרונטערצוגעהן אין סטרייק. די לאָיערס, וואָס זיינען פון דער יוניאָן אַנגעשטעלט געוואָרען, זיינען געווען אַנגעגרייט אין די קאָורטס, אין פאַל עס וועלען פאָרקומען אירגענד וועלכע צוזאַמענשטויסען מיט דער פּאָליציי ביים אַרונטערגעהן. גליקליכערווייזע איז אָבער קיין איינציגער אַרעסט ניט פאָרגעקומען.

צווישען די, וואָס זיינען נייגעריג געווען צו זעהן ווי די מאַסען ארבייטער וועלען אַרונטערגעהן, זיינען אויך געווען די גענאָסען אב. קאַהאַן און שלעזינגער, דער רעדאַקטאָר און דער מענעדזשער פון „פאָרווערטס".

אונזערע לייטע זיינען נאַטירליך געשטאַנען מיט קלאַ־פּענדע הערצער און האָבען שוין געוואָלט דערלעבען צו זעהן דעם רעזולטאַט. יעדע מינוט, וואָס איז אריבער, האָט ביי אונז אויסגעזעהן אַ יאָהר, און ווען דער זייגער איז שוין געווען צעהן מינוטען נאָך צוויי און מען האָט נאָך קיינעם ניט גע־זעהן, האָט גענאָסע קאַהאַן געפּרעגט אונזערען אַ מאַן: „נו, וואו זיינען שוין אייערע סטרייקער?" און ביי יענעם האָט זיך פּשוט דאָס האַרץ אָבגעריסען.

אין דער זעלבער מינוט האָט מען אָבער דערזעהן פון וויי־טען אַ כוואַליע מענשען זיך ציהען פון אַלע זייטען סטריטען אין דער פינפטער עוועניו, געהענדיג צו דאַון־טאַון צו. מיט יעדער מינוט איז די מאַסע גרעסער געוואָרען, און אַלע האָבען זיך געצויגען צו איין פּונקט.

האַלב נאָך צוויי זיינען אַלע גאַסען אין ניו יאָרק, פון דער 38טער סטריט ביז צום איסט ריווער, איסט און וועסט, געפּאַקט געוואָרען מיט טויזענדע ארבייטער. אין פיעלע גאַסען זיינען אַלע קאַרס און עקספּרעס־וועגען אָבגעשטאַפּט געוואָרען איבער דעם גרויסען געדראַנג פון מענשען. יעדער איינער פון די סטרייקער האָט מיט זיך מיטגעטראָגען זיין פּעקעל טולס און אַלע זיינען געגאַנגען אין דער דירעקציאָן ווי מיר האָבען זיי אָנגעצייגט דורך דער „רויטער פּאָסט".

איך וויים ניט אויב פיעלע מענשען האָבען אַזאַ סצענע שוין אַ מאָל בייגעוואוינט. פיעלע פון אונזערע איבערגעבענע מיטגליעדער האָבען געוויינט מיט פריידען־טרעהרען, זעהענדיג אַז זייער לאַנג־יעהריגע ארבייט איז ענדליך געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג. אין מיין געדאַנק האָב איך מיר דאַמאָלסט פאָר־געשטעלט, אַז אַזאַ סצענע האָט נאָר געקענט פאָרקומען, ווען

די אידען זיינען ארוים פון מצרים. אפילו די ערב־רב זיינען מיט אונז אויך ארונטער, גראדע ווי דאמאלסט.

ארום אונזער יוניאן אפיס אין דער צעהנטער סטריט האבען אלע צעהנדליגע טויזענדע ארבייטער פארביימארשירט און פון טויזענדער העלזער איז די יוניאן בעגריסט געווארען.

עס איז באלד געווארען א גאנצע איבערקעהרעניש אין שטאדט. ארבייטער פון אנדערע טריידס האבען זייערע שע־פער פערלאזען און זיינען געלאפען זעהן דיעזען מערקווירדיגען בילד. דאס זעלבע האבען אויך געטהאן פיעלע געשעפטס־לייטע. מיט איינעם ווארט, די גאנצע שטאדט מענשען זיינען געווען אויף די גאסען.

אין דער פיערטער סטריט ארום דער צווייטער און דריטער עוועניו זיינען זיך אזוי פיעל פון די סטרייקער צוזאמענגע־קומען, אז עס האט גענומען שטונדען־לאנג ביז מען האט געקענט ברענגען וועלכע ניט איז ארדנונג.

זעהענדיג אזעלכע גרויסע מאסען ארבייטער פאר זיך, איז געגאנגען קאהאן אזוי בעגייסטערט געווארען, אז ער איז ארויפ־געקראכען אויף דעם פייער־עסקייפ פון מאנהעטטען לייסעאום האלל און האט די מאסען בעגריסט פאר זייער מוטהיגער האנד־לונג און האט זיי אויך דערביי פערזיכערט דעם פולען מאראלען און פינאנציעלען סופארט פון דעם „פארווערטס“.

ביז זעקס אוהר פארנאכט זיינען אלע קלאוק און סקוירט־שעפער אין גרייטער ניו יארק אויסגעלעדיגט געווארען.

גלייך ווי די ארבייטער זיינען געקומען אין זייערע אנגע־וויעזענע האלס, האבען שוין די טשערלייטע אויף זיי געווארט. יעדער שאפ האט רעפארטעט צום טשערמאן פון האל און דער טשערמאן האט יעדען שאפ ארבייטער געגעבען א צעטעל, אנ־צייגענדיג זיי אין וועלכען האל זיי זאלען זיך אויפהאלטען פאר דער גאנצער צייט פון סטרייק.

עס איז אפילו ניט געווען קיין קליינער דזשאב אלעמען איינצוזעצען אויף זייערע פלעצער, נאר אין א פאאר טעג ארום איז אלעס געבראכט געווארען אין ארדנונג.

דער פּלאַן, לויט וועלכען עס איז געאַרבייט געוואָרען, איז געווען דער פאָלגענדער: אין יעדען האָל, וואו עס האָט זיך געפונען מעהר ווי איין מיטינג־לאָקאַל, איז פון דער יוניאָן אַנגעשטעלט געוואָרען אַ טשערמאַן, וועלכער האָט געהאַט „טשארדזש“ איבער אַלע שעפּער, וואָס האָבען געמיטעט אין דיעזער בילדינג. דיעזע אַלע טשערלייטע פלעגען זיך פער־זאַמלען יעדען אָבענד מיט דער קאָמיטע, וואָס האָבען געהאַט די אויפזיכט איבער די האָלס, און זיי איבערגעגעבען זייער רעפּאָרט.

יעדער שאַפּ ארבייטער האָט זיך ערוועהלט איהר אייגע־נעם שאַפּ־טשערמאַן און ער איז געווען פעראַנטוואָרטליך צום האָל־טשערמאַן. די שאַפּ־טשערלייטע האָבען איבערגעגעבען אַ ליסטע מיט די נעמען און אַדרעסען פון זייערע סטרייקער צו די האָל־טשערלייטע. און אַזוי האָט מען אין אַ פּאָאַר טעג גענוי געוואוסט די צאָהל פון אונזערע סטרייקערס.

יעדער שאַפּ־טשערמאַן האָט צוויי מאָל טעגליך געמאַכט אַ ראָל־קאָל פון זיינע סטרייקער, און ווען וועלכע סטרייקער זיינען אייניגע מאָל אַבוועזענד געווען, זיינען גלייך קאָמיטעס געשיקט געוואָרען אויסצוגעפינען וואו די בעטרעפענדע לייטע געפינען זיך. אויף דיעזען וועג האָט מען געקענט גענוי וויסען, אויב מאַנכע סטרייקער זיינען אַוועק סקעבען.

יעדער שאַפּ האָט זיך אַליין בעזאָרגט מיט פּיקעטס פאַר זיך. נאָר ווען געוויסע שעפּער האָבען ניט געקענט קריגען פון זייערע אייגענע ארבייטער די נויטיגע צאָהל פּיקעטס, האָט דער האָל־טשערמאַן געדאַרפט בעזאָרגען ארבייטער פון די אַנ־דערע שעפּער אויפצופאַסען אויף די שוואַכערע און זיי מיט־העלפען טהאָן די נויטיגע פּיקעט־ארבייט. ווען עס איז אָבער אַ מאָל אונמעגליך געווען פאַר'ן האָל־טשערמאַן צו בעזאָרגען אַלע זיינע שעפּער מיט דער נויטיגער צאָהל פּיקעטס, אָדער מען האָט געדאַרפט טהאָן ספּעשעל אַרבייט, האָט דער האָל־טשערמאַן רעפּאָרטעט צו דער דזשענעראַל פּיקעט קאָמיטע און זיי האָבען עס שוין בעזאָרגט.

ווען עס פלעגט זיך א מאָל מאַכען צווישען די אַרבייטער פון א געוויסען שאָפּ א געוויסע אונצופריעדענהייט אָדער ווען מאַנכע האָבען אָנגעפאַנגען ווייזען צייכענס פון שוואַכקייט, האָט דער האָל־טשערמאַן גלייך געלאָזט וויסען די רעדנער־קאָמיטע און איינער אָדער מעהרערע רעדנער זיינען געשיקט געוואָרען אויפצומונטערען די אַרבייטער.

יעדער האָל־טשערמאַן איז שטרענג ערזוכט געוואָרען קיי־נעם, וואָס ער קען ניט אַלס סטרייקער, אַריינצולאָזען אין די האַלס, אויסער אַזעלכע וואָס האָבען געהאַט קאַרדס פון דער רעדנער־קאָמיטע. דאָס איז געטהאָן געוואָרען, אום ניט צו געבען קיין געלעגענהייט שפּיאָנען אַריינצוקומען צווישען די סטרייקער. עס איז אויך אויפגעפּאַסט געוואָרען, אַז אויף די גאַסען לעבען די האַלס זאָלען זיך די סטרייקער ניט געפינען, כדי די בעצאָהלטע אַגענטען פון די באָסעס זאָלען ניט האָבען קיין געלעגענהייט אַרומצוגעהן צווישען די סטרייקער און זיי ענטמוטהיגען.

יעדער האָל־טשערמאַן האָט יעדען טאָג געדאַרפט שיקען צעהן פון זיינע בעסטע סטרייקער צו דער דזשענעראַל פּיקעט קאָמיטע צו טהאָן פּיקעט־אַרבייט ביינאַכט ווי אויך מאַנכעס מאָל ביי־טאָג אויף ספּעשעל אַרבייט. אויך אַרויסצופאָהרען אויסערהאַלב ניו יאָרק, וואו סקעב־שעפּער זיינען געעפענט גע־וואָרען דורך דער צייט פון סטרייק.

מיט איינעם וואָרט, יעדער זאַך האָט געאַרבייט פּינקטליך ווי א זייגער.

עס זיינען אויך געווען אָנגעשטעלט אינספּעקטאָרס, וואָס האָבען געדאַרפט אַכטונג געבען, אַז די פּיקעטס זאָלען זיין אויף זייערע פּלעצער. גאַנץ אָפט ביינאַכט פלעגען די אינ־ספּעקטאָרס מאַכען א טור איבער'ן קלאָוק־דיסטריקט צו זעהן אויב די פּיקעטס זיינען אויף זייערע פּאָסטענס, און ווען מען האָט אויסגעפונען, אַז געוויסע בלאָקס זיינען ניט גענוג בע־זואַכט, האָט מען אויפמערקזאַם געמאַכט דעם טשערמאַן פון

דער דזשענעראַל פּיקעט קאָמיטע, ער זאָל אויף דעם מעהר אויפּפּאַסען.

אַלע אויסגאַבען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען פון די שאַפּ־טשערלייטע פאַר זייער פּיקעט־אַרבייט, האָבען פריהער געמוזט גוטגעהייסען ווערען פון די האָל־טשערלייטע און נאָכ־העָר איז עס איבערגעגאַנגען צו דער פינאַנס־קאָמיטע צום אויס־צאָהלען.

די ערשטע וואָך פון סטרייק האָבען נאָך אַרבייטער פון לײדיעס גאַרמענט טרייד געהאַלטען אין איין אַרונטערגעהן פון די שעפּער. אויסער די קלאָוק און סקוירט־מאַכער, וועלכע זיינען גלייך דעם ערשטען טאָג פון סטרייק אַרונטערגעגאַנגען, האָבען אויך פערלאָזען די שעפּער אַ צוויי־דריי טויזענד ריין־קאָוט מייקערס, אַ פּאָאַר טויזענד אָלטערײשאָן שניידערס, וואָס אַרבייטען אין די גרעסטע דעפּאַרטמענט סטאָרס, און פיעלע שעפּער, וואָס מאַכען ווייסטען און דרעסעס, און ווען מיר וואָל־טען דאַמאָלסט געהאַט די נויטיגע מאָראַלע קרעפטען, וואָלטען מיר די גאַנצע שניידער־אינדוסטריע אַרונטערגענומען אין סטרייק, אום זיי צו אָרגאַניזירען. נאָר איינזעהענדיג, אַז ביי־נאָהע פינף און זיעבעציג טויזענד אַרבייטער זיינען שוין דאָ אין סטרייק, האָבען מיר אינסטרואירט אונזער אָרגאַניזיישאָן־קאָמיטע קיינע שעפּער מעהר ניט אַרונטערצונעהמען, אויסער די, וואָס האָבען אַ דירעקטע שייכות מיט קלאָוקס און סקוירטס. די אַרבייטער פון פיעלע דרעס און קאָסטיומען־שעפּער, וועלכע זיינען אויך אַרונטערגעגאַנגען אין סטרייק, האָבען מיר אויך צוריקגעשיקט אַרבייטען.

דורכ'ן סטרייק האָבען מיר אויסגעפונען אַ נייעם קלאַס אַרבייטער, וועלכע מען האָט גערופען „די יתומים“. דאָס זיינען געוועזען אַזעלכע אַרבייטער, וועלכע זיינען פאַר דעם סטרייק געוועזען אַרבייטסלאָז און האָבען ניט געהאַט קיין בעשטימטע שעפּער. צווישען די סטרייקענדע שעפּער האָט מען זיי ניט אַריינגעלאָזען און די ערשטע פּאָאַר טעג פון סטרייק זיינען זיי אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסען און האָבען אָנגעמאַכט אַ סך

טראָבעל. זיי האָבען געסטראַשעט, אַז זיי וועלען געהן סקעבען, אויב מען וועט זיי ניט אַנערקענען אין דער יוניאָן. די דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע איז געצוואונגען געווען זיי צו אַנערקענען. מען האָט געדונגען פאַר זיי האַלס, וואו צו מיטען, און מען האָט זיי איינגעטהיילט אין דריי בעזונדערע לאָקאַלען מיט אונזערע טשערלייטע. אין איין מיטינג לאָקאַל האָבען געמיטעט די אַפּרייטאָרס און פינישערס־„יתומים", אין צווייטען די פּרעסער־„יתומים" און אין אַ דריטען לאָקאַל — די איטאַליענישע „יתומים".

דיעזע „יתומים" האָבען אונזער סטרייק־קאָמיטע ניט ווייניג טראָבעל פערשאַפט. ניט האָבענדיג קיין שעפּער, וועלכע צו פּיקעטען, און ארומגעהענדיג לעדיג די גאַנצע צייט, האָבען זיי אימער געפונען מיט וואָס צו זיין אונצופריעדען. די סטרייק־קאָמיטע האָט ענדליך געמוזט בעשליסען, אַז ווען אַ מאַנופעקטשורער וועט סעטלען מיט דער יוניאָן און ער וועט זיך נויטיגען אין מעהר ארבייטער, ווי ער האָט געהאַט איידער מען איז ארונטער אין סטרייק, טאָר קיין סטרייקער אהין ניט ארויפגעהן ארבייטען, אויסער די פון די „יתומים".

נאָר ווי פיעל מיר האָבען געהאַט אויסצושטעהן פון די אידישע „יתומים" איז נאָך געווען צו דערלײדען אין פערגלייך מיט די צרות, וואָס מיר האָבען געהאַט פון די איטאַליענישע „יתומים". וויפיעל סטרייק־בענעפיט מען האָט זיי געצאָהלט, איז פאַר זיי אַלץ ניט געווען גענוג. זיי האָבען געהאַלטען אין איין פּראָטעסטירען, אַז די אידישע ארבייטער קריגען מעהר פון זיי, אַ זאַך, וואָס איז ניט געווען אמת.

אַ חוץ דעם האָבען מיר קיינמאָל ניט געקענט וויסען צו צאָהלען מיר סטרייק־בענעפיט צו סטרייקענדע קלאָוקמאַכער אָדער צו באַנאַנאַ־פּעדלער. ווען דער מאַן האָט געסטרייקט, האָט ער מיטגעבראַכט זיין פרוי און אַ פּאָאַר דערוואַקסענע קינדער, וואָס זיינען קיינמאָל אין קיין שאַפּ ניט געווען, אין מיטינג־לאָקאַל און מען האָט זיי אויך געמוזט געבען סטרייק־

בענעפיט. עס איז אונמעגליך געווען ביי זיי צו דערגעהן א טאָלק.

די איטאַליענישע „יתומים" זיינען פיעלע מאָל ארונטער־געקומען הונדערטערווייז צו דער רעליעף קאָמיטע, וואָס האָט געצאָהלט די סטרייק־בענעפיט, און האָבען געוואָלט מאַכען אַן איבערפאָל. און די רעליעף קאָמיטע איז געצוואונגען געווען צו ווענדען זיך צו דער פּאָליציי נאָך פּראָטעקשאָן.

אויסער דעם האָבען זיי אונז געמאַכט טראָבעל ווען עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען די סעטעלמענטס. אזוי שנעל ווי איינ־צעלנע מאַנופעקטשורערס האָבען געסעטעלט און מען האָט די אַרבייטער געשיקט צוריק ארבייטען, האָבען די איטאַליענער אָבגעהאַלטען א מאַס־מיטינג און האָבען בעשלאָסען אויפצו־פאָדערען דער סטרייק־קאָמיטע, אז קיינע סעטעלמענטס מיט איינצעלנע באָסעס זאָלען ניט געמאַכט ווערען, נאָר אז אזוי ווי אַלע סטרייקערס זיינען צוזאַמען ארונטער סטרייקען, זאָלען זיי אויך אַלע צוזאַמען ארויפגעהן ארבייטען. זאָנסט, האָבען זיי געסטראַשעט, וועלען זיי אָרגאַניזירען אַלע איטאַליענישע קלאָוקמאַכער און וועלען ארויפגעהן סקעבען.

די מאַנופעקטשורערס, דערוויסענדיג זיך, אז עס איז דאָ אַן אונצופריעדענהייט ביי א טהייל פון די איטאַליענישע ארבייטער מיט דער יוניאָן, האָבען געוואָלט אויסנוצען די גע־לעגענהייט צו אָרגאַניזירען אַן אָפּאָזיציאָנס־יוניאָן, אום צו שעדיגען דעם סטרייק.

אין א שעהנעם טאָג האָט מען צווישען די איטאַליענער אויסגעטהיילט טויזענדער הענד־בילס, פּעררופענדיג זיי צו א מאַס־מיטינג.

מיר האָבען גלייך פערשטאַנען דעם טריק, און אונזער דזשענעראַל פּיקעט־קאָמיטע איז בעצייטענס געווען אין האָל. פּונקט צו דער בעשטימטער שטונדע זיינען צום האָל צוגעפאָה־רען א פּאָאָר מאַנופעקטשורערס אויף אויטאָמאָבילס מיט איטאַ־ליענישע רעדנער. אָבער גלייך ווי דער ערשטער רעדנער האָט פּראָבירט ארויפצוגעהן אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט גלייך אין

האָל אויסגעבראָכען אַ רעגעלע מלחמה. טשערס און ביינק זיינען געפלויגען אין דער לופטען און ווען די פּאָאַר מאַנופעק־טשורערס וואָלטען זיך דורך אַ הינטערטיהר ניט ארויסגערוקט, וואָלטען זיי פּיעלייכט שוין היינט געווען אין „גן עדן“. פון מיטינג איז, נאַטירליך, גאָר נישט געוואָרען.

מיט די איטאַליענישע קלאָוק־מאַכער, וואָס האָבען גע־סטרייקט מיט זייערע שעפּער, האָבען מיר קיין טראָבעל ניט געהאַט. אין גענענטהייל, זיי האָבען זיך געהאַלטען פיעל בע־סער, ווי אַ גרויסע צאָהל פון אונזערע אידישע סטרייקער.

עס איז אָנגעפיהרט געוואָרען אַ סיסטעמע צו קאָנטראָ־לירען די צאָהלונגען פון דעם סטרייק־בענעפיט. יעדער שאָפּ־טשערמאַן האָט געקראָגען שטרענגע אָרדערס יעדע וואָך אויס־צומאַכען אַ ליסטע נאָר פון אַזעלכע סטרייקערס, וועלכע נויי־טיגען זיך אין שטיצע אָם מעהרסטען. טאָמער האָט איינער געטראָגען אַ וואטש אָדער אַ רינג, האָט ער שוין קיין בענעפיט ניט געקראָגען. אויף דיעזער ליסטע איז אויך פערשריעבען גע־וואָרען, צי דער סטרייקער איז פערהייראַטה אָדער סינגעל. אַלע ליסטען זיינען צוערשט נאָכגעזעהן געוואָרען פון די האָל־טשערלייטע, אויב די אַפּליקאַנטען נאָך שטיצע זיינען ווירקליך סטרייקער און צו זיי נויטיגען זיך אין שטיצע. ווען אַלעס איז געווען קאָרעקט, האָט דער שאָפּ־טשערמאַן געמוזט די ליסטע אונטערשרייבען און צוזאַמען מיט דעם אונטערשריפט פון האָל־טשערמאַן איז עס איבערגעגעבען געוואָרען צו דער רעליעף־קאָמיטע.

ווען די רעליעף־קאָמיטע איז פארטיג געווען אָנצופאַנגען די צאָהלונגען, האָט יעדער שאָפּ־טשערמאַן געמוזט קומען מיט אַ קאָמיטע פון וועניגסטענס צוויי פון זיינע סטרייקער און מיט אַ קרעדענשעל פון זיין האָל־טשערמאַן צו בעשטעטיגען, אַז זיי זיינען עס די ריכטיגע פערטרעטער פון דיעזער שאָפּ, און נאָכ־דעם ווי דער שאָפּ־טשערמאַן האָט זיין נאָמען אונטערגעשריע־בען און עס האָט געשטימט מיט דעם אונטערשריפט פון דעם

אפּליקיישאָן, האָט זיי דאָן די רעליעף־קאָמיטע אויסגעצאָהלט די סומע, וואָס זיי האָבען געדאַרפט קריגען.

יעדע וואָך איז דער זעלבער פּראָצעס אָנגעגאַנגען. מאָנטאָג האָבען די טשערלייטע אַריינגעגעבען זייערע ליסטען און דאָנער־שטאָג אָדער פרייטאָג האָט מען אויסגעצאָהלט. נאָר אַזוי ווי עס איז קיינמאָל ניט געווען גענוג געלד אַלעמען אין צייט אויסצוצאָהלען, פלעגט עס זיך פערציהען אַ פּאָאָר טעג און אַ מאָל אַ גאַנצע וואָך און די סטרייקערס פלעגען קריגען בענעפיט איין מאָל אין צוויי וואָכען.

די סומע, וואָס מען האָט געצאָהלט, האָט זיך אָנגעפאַנגען פון צוויי דאָלאַר און האָט דערגרייכט ביז פיער דאָלאַר. גאַנץ אָפט האָט מען בלויז געצאָהלט 1 דאָלאַר אַ וואָך צו סינגעל־לייטע און 2 דאָלאַר צו פערהייראַטהע. דער גאַנצער סטרייק־בענעפיט, וואָס איז אויסגעצאָהלט געוואָרען ביי דער רעליעף־קאָמיטע דורך די צעהן וואָכען פון סטרייק, האָט בעטראָפען 152 טויזענד דאָלאַר. דערפון קענט איהר שוין פערשטעהן, ווי פיעל געלד יעדער איינער פון די 75 טויזענד סטרייקער האָט געקראָגען סטרייק־בענעפיט.

XXXIII

דער אָנפאַנג פון די סעטעלמענטס.

די ערשטע פּאָאָר טעג פון סטרייק זיינען די מאַנופעק־טשורערס אַזוי צוטומעלט געווען, אַז זיי האָבען ניט געוואוסט אויף וועלכער וועלט זיי זיינען. זיי האָבען זיך גאָר ניט גע־קענט פאָרשטעלען ווי עס האָט געקענט פּאַסירען, אַז אין איינע צוויי שטונדען צייט זאָלען אַלע פופצעהן הונדערט שעפּער אין גרייטער ניו יאָרק אויסגעלעדיגט ווערען. אַזאַ אונגעריכטער קלאַפּ האָט זיי ווי אַ דונער געטראָפען. קיין אַסאָסיאיישאָן פון מאַנופעקטשורערס האָט ניט עקזיסטירט און אין אָנפאַנג פון סטרייק האָבען אַ פּאָאָר עקס מאַנופעקטשורערס און אַ פּאָאָר פייק לאָיערס געזוכט אַ געלעגענהייט אין טומעל צו מאַכען אַ

פּאָר דאָלאר פון די גרינגע מאַנופעקטשורערס, בלאָפענדיג זיי מיט אַן אַסאָסיאיישאָן. נאָר עס האָט זיך זיי ווענינ איינגע־געבען. אָבוואָהל עס האָט בלויז געקאָסט צוויי דאָלאר צו ווע־רען אַ מעמבער פון אַ מאַנופעקטשורערס אַסס'ן, האָבען זיך דאָך געפונען זעהר ווענינ בעלנים זיי צו געבען די צוויי דאָ־לאַרדיגע. אין אַ וואָך שפּעטער איז זיי ענדליך געלונגען צו־זאַמענצושטעלען אַן אָרגאַניזאַציאָן פון אַ פּאָאר צעהנדליג פון דער בעסערער קלאַסע מאַנופעקטשורערס.

דער ערשטער שריט זייערער איז געווען צו געווינען די סימפּאַטיע פון פּובליקום אויף זייער זייט, צו בעצייכענען די סטרייקערס אַלס „געפעהרליכע" מענשען און צו מאַכען דעם איינדרוק, אַז דער סטרייק איז ניט פאַר גרעסערע ווירזשעס און קירצערע שטונדען, ווייל אין דער ווירקליכקייט פערדיענען די קלאָוקמאַכער גרויסע ווידזשעס און זיי ווילען גאָר ניט סטרייקען, נאָר די איינציגע, וואָס ווילען עס זאָל זיין אַ סטרייק, זיינען עס די דעמאַגאָגישע ליעדערס אָדער וואָקינג דעלעגאַטען, וואָס לעבען אויף דעם רעכענונג פון די עהרליכע אַרבייטסזאַמע אַרבייטער און די אונשולדיגע מאַנופעקטשורערס.

אום צו מאַכען זייער אַגיטאַציע ווירקזאַם, האָבען זיי גע־דרוקט ליעפלעטס מיט קאַריקאַטורען פון אַ וואָקינג דעלעגאַט, וועלכען זיי האָבען פאָרגעשטעלט אַלס אַ הויכען, אַ דיקען מיט אַ בויך ווי אַ באַרעל ביער, אויפ'ן קאָפּ אָנגעטהאָן אַ סטאָוו פּייפּ אַ ביסעל פערדרעהט אויף אַ זייט, מעשה וואוילער יונג; אַ דיימאָנד סטאָד אין העמד, מיט אַ גראָבען סיגאַר אין מויל, און דיעזער לומפּ רייט אויפ'ן קאַרק פון אַן אויסגעדאַרטען סטרייקער... דיעזע אָבגעפרעסענע וואָקינג דעלעגאַטען, הייסט עס, ווילען דאָס אַ סטרייק.

אַז אונזערע סטרייקערס האָבען זיך געהאַלטען ביי די זיי־טען לאַכענדיג פון די דומהייט פון די באָסעס, איז גאָר קיין חידוש ניט. יעדער איינער פון די סטרייקערס האָט אין דעם בלויז געזעהן די שוואַכקייט פון די באָסעס און אַז דער שוך קוועטשט זיי זעהר שטאַרק. אין פיעלע לאָקאַלס, וואו סטריי־

קערס האָבען געמיטעט, האָט מען דיעזע פּיקטשורס אויפגעהאנגען אויף די וועגד און אַלע האָבען זיך דערמיט אַמוזירט.

אַ צווייטען ליעפלעט האָבען די מאַנופעקטשורערס געדרוקט אין צעהנדליגע טויזענדער קאָפּיעס. נאָר די סטרייקערס האָבען זיך דערפון דערוואוסט און זיי האָבען עס ביים פּרינטער „קאָנפיסקירט“. זיי האָבען געבראַכט אַ גאַנצען עקספּרעס מיט די ליעפלעטס אין דער פיערטער סטריט און אין מיטען גאַס האָט מען עס פערברענט.

אונזער סטרייק קאָמיטע האָט זיך ניט אינטערעסירט, וואָס אויטסייד איז אָנגעגאַנגען, — אַסאָסיאיישאָן אָדער ניט. זיי זיינען אָנגעגאַנגען מיט זייער אַרבייט און האָבען געמאַכט אַלע פאָרבערייטונגען אָנצופאַנגען מאַכען סעטעלמענטס. מען האָט געדונגען העדקוואָדערס אין וויקטאָריא האָלל, בראָדוויי קאָרנער 27טע סטריט; מען האָט אָנגעשטעלט קלויערקס און סטענאָגראַפערס צו טהאָן די נויטיגע אַרבייט און דאַן האָט מען דורך די צייטונגען אַנאָנסירט, אַז מיר זיינען פערטיג צו מאַכען סעטעלמענטס.

גלייך ווי עס איז בעוואוסט געוואָרען, אַז מען סעטעלט שוין, האָבען הונדערטע מאַנופעקטשורערס, דעזיינערס, פאָרלייטע און סתם „שדכנים“ בעלאַגערט אונזערע העדקוואָדערס צו סעטלען אָדער צו קריגען די נויטיגע אינפאָרמיישאָן. אויפ׳ן קאָרנער בראָדוויי און 27טע סטריט, לעבען די סעטעלמענט העדקוואָדערס, איז געווען אַ רעגעלער יריד. אידען מיט און אָהן בערד, מיט קאַלערס און אָהן קאַלערס, מענער און פרויען, יונגע און אַלטע, זיינען דאָרט געשטאַנען, אום צו זעהן וועלכער באָס עס געהט שוין סעטלען.

וואָס אינסייד אין האָטעל איז פאָרגעקומען, דאַרף מען שוין ניט דערצעהלען. עס האָט אויסגעזעהן ווי אַ פּריסוטסטווא אין דער צייט, ווען מען גיט אָב די רעקרוטען. הונדערטע זיינען געשטאַנען אין ליין און געוואַרט אויף זייער נעקסט. פּיעלע באָסעס האָבען געצאָהלט כאַבאַר צו פינף און צעהן דאָלאַרדיגע מען זאָל זיי ניט לאָזען לאַנג וואַרטען, נאָר

אונזער סטרייק קאָמיטע האָט עס גלייך אויסגעפונען און דיס־טשאַרדזשט אַלע אָשערס און אָנגעשטעלט אַנדערע. פריהער האָבען זיך געמאָלדען צו סטעלען די קלענערע באָסעס און שפּע־טער א ביסעל האָבען שוין אָנגעפאַנגען צו קומען די גרעסערע.

עס איז דערביי זעהר נויטיג געווען צו זיין פאָרזיכטיג מיט די סעטעלמענטס, מען זאָל ניט מאַכען דעם זעלבען פעהלער, וואָס עס איז געמאַכט געוואָרען אין דעם דזשענעראַל סטרייק פון 1894, ווען מען האָט פריהער אָבגעסעטעלט מיט אַלע קליינע מאַנופעקטשורערס און נאָכהער האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז אַלע קליינע געסעטעלטע מאַנופקטשורערס האָבען געמאַכט אַר־בייט פאַר די סטרייקענדע פירמעס.

האָבענדיג די אַמאָליגע ערפאַהרונג, האָבען מיר זיך ענט־זאָגט צו סעטלען, ביז וואַנען מיר זיינען ניט געווען אבסאָלוט זיכער, אַז זיי מאַכען זייערע אייגענע ארבייט. און די סעטעל־מענטס זיינען אַראַנזשירט געוואָרען אויף דעם פאָלגענדען אופן: יעדער מאַנופעקטשורער, וואָס האָט זיך געמאָלדען צום סעטלען, האָט געסיינט אַן אַפּליקיישאָן. אַ קאָמיטע איז גלייך ארויס־געשיקט געוואָרען אויסצוגעפינען אויב דער בעטרעפענדער איז אַ לעדזשיטימייט מאַנופעקטשורער, און ווען דער רעפּאָרט פון דער קאָמיטע איז געווען גינסטיג, האָט מען איהם געשיקט אַ בריעף, אַז ער זאָל קומען אונטערשרייבען דעם אַגרימענט.

אַפילו נאָכדעם ווי אַ מאַנופעקטשורער האָט שוין געסע־טעלט און עס איז געווען בלויז דער מינדעסטער פערדאַכט, אַז ער ארבייט פאַר אַנדערע הייזער, וואָס זיינען נאָך אין סטרייק, האָט מען גלייך די ארבייטער צוריק ארונטערגענומען אין סטרייק. דערפאַר זיינען די סעטעלמענטס צוגעגאַנגען זעהר לאַנגזאַם. יעדענפאַלס האָבען מיר די ערשטע צוויי וואָכען גע־סעטעלט מיט ארום הונדערט פירמעס, וואָס האָבען בעשעפ־טיגט עטליכע טויזענד ארבייטער אויף יוניאָן קאָנדישאָנס, נעמליך: אַן אַכט שטונדיגער ארבייטס־טאָג און אַלע אַנדערע קאָנדיציאָנען, ווי דער פולער אַגרימענט האָט פאָרגעשריעבען.

די סטרייק קאָמיטע האָט דורך דער קורצער צייט איינ־

געזעהן, אז דער טשערמאַן פון דער סעטעלמענט קאָמיטע, אַלעקסאַנדער בלאָק, איז ניט אימשטאַנדע איינער אַליין אָנצו־פיהרען די אונטערהאַנדלונגען מיט די מאַנופעקטשורערס וועגען סעטעלמענטס. אויך האָבען זיך ארומגעטראָגען דונקעלע קלאַנ־גען וועגען דער סעטלמענט קאָמיטע, און קענענדיג גענוי דעם מיסטרויענדען כאַראַקטער פון אונזערע סטרייקערס, האָבען מיר בעשלאָסען צוצוזעצען צום טשערמאַן פון דער סעטעלמענט קאָמיטע דעם טרעזשורער פון דער אַמעריקען פעדערעישאָן אָוו לייבאָר, ברודער דזשאהן ב. לענאָן. און פון דער צייט אָן זיינען אַלע פערהאַנדלונגען געפיהרט געוואָרען פון ביידען, אַנשטאָט פון איינעם, ווי בעפאָר.

גלייך ווי די סעטעלמענטס מיט די מאַנופעקטשורערס האָבען זיך אָנגעפאַנגען, איז אויך די אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע ביזי געוואָרען. דער פאָלגענדער סיסטעם איז ביי אונז איינגע־פיהרט געוואָרען: אַזוי שנעל ווי איינער אָדער מעהרערע מאַנו־פעקטשורערס האָבען אונטערשריעבען דעם אַגרימענט, האָט מען דורך אַ מעסענדזשער געלאָזט וויסען אין די העדקוואַרטערס פון דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע, וועלכע האָט זיך געפונען אין בעטהאָווען האָל, אז די פאָלגענדע מאַנופעקטשורערס האָבען געסעטעלט. די אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע האָט גלייך אויפגעזוכט די אַרבייטער פון די בעטרעפענדע שעפער און זיי געשיקט מאַכען פרייזען פאַר די שטיק־אַרבייטער. נאָכדעם ווי די פריי־זען זיינען געמאַכט געוואָרען, האָט די אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע נאָכגעזעהן אויב אַלע בעלאַנגען שוין צו דער יוניאָן און אויב עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבען נאָך ניט בעלאַנגט צו דער יוניאָן, האָט מען זיי אָרגאַניזירט. דאַן האָט מען ער־וועהלט פון זיי אַ פרייז־קאָמיטע מיט אַ שאָפּ־טשערמאַן. יעדער סטרייקער האָט געקראָגען אַ וואָירקינג קאַרד, אין וועלכער עס איז געווען אויסגעשריעבען זיין נאָמען און דער נאָמען פון דער פירמע, כדי זיי זאָלען ניט געבאַדערט ווערען פון די פיקעטס ארום די שעפער. די אָרגאַניזיישאָן קאָמיטע האָט זיי אויך אָנ־געזאָגט ווי זיי זאָלען זיך אויפפיהרען אין די שעפער. און ווען

אלעם איז שוין פארטיג געווען, האט מען זיי אויסגעשטעלט צו צוויי אין א ליין און מיט קליינע און גרויסע אמעריקאנישע פלעגם פלעגען זיי אוועקמארשירען אין זייערע שעפער.

איהר האט געקענט זעהן יעדען טאג אין פערשיעדענע טהיילען פון שטאדט צעהנדליגע אזעלכע פראצעסיעס. אזעלכע פראצעסיאנען זיינען נויטיג געווען, אום צו ערמוטהיגען די יעניגע ארבייטער, וואס זיינען נאך געשטאנען אין סטרייק. דאס איז פאר זיי געווען די בעסטע איבערצייגונג, אז סעטעל־מענטס ווערען טאקע געמאכט און אז עס איז ניט ווי אין דעם סטרייק פון 1894, וואו די סטרייק־קאמיטע האט יעדען טאג געהאלטען אין איין פערשפרייטען קלאנגען, אז „מארגען קומען זעקס גרויסע בערען סעטלען מיט דער יוניאן“, און אז „מארגען“ איז פאראיבער, האט מען עס אבגעלעגט אויף נאך א „מארגען“ אדער צוויי טעג, מיט דער ערקלעהרונג, אז מען האלט נאך מיט זיי אין פערהאנדלען.

אין דיזען סטרייק האט מען אבער טאקע געזעהן לעבע־דיגע פאקטען, און דערפאר האבען די סטרייקער געהאט דעם פאלשטענדיגסטען צוטרויען צו די סטרייק־פיהרער.

דורך די דעמאנסטראציעס איז דער סטרייק אויך זעהר פאפולער געווארען צווישען דער גאנצער בעפעלקערונג. זעהענ־דיג ווי די קלאוקמאכער האלטען אין איין זיעגען, האבען אלע זיכער געגלויבט, אז דער סטרייק מוז געוואונען ווערען. און דאס האט אונזערע לייטע געגעבען מוטה און געדולד צו סטריי־קען ביז א פאלשטענדיגען זיעג.

אין דער זעלבער צייט, ווען די ארגאניזיישאן קאמיטע איז ביזי געווארען מיט'ן אוועקשיקען די ארבייטער אין די געסעטעלטע שעפער, איז אויך ביזי געווארען די האל־קאמיטע, טראנספערירענדיג די סטרייקענדע שעפער פון איין האל אין א צווייטען. אין אנפאנג סטרייק זיינען אלע האלס געווען פער־נומען פון אונזערע סטרייקערס, און ווען א פאאר שעפער זיינען צוריק אוועק ארבייטען, און זייערע מיטינג־רומס זיינען גע־ווארען לעדיג, האט מען אויף זייערע פלעצער איבערגעמופט

אנדערע סטרייקערס פון אנדערע האָלס און פיעלע אוננויטיגע האָלס האָט מען אויפגעגעבען, כדי מען זאָל סייפען רענט. אויך פלעגט א מאָל נויטיג זיין א געוויסען שאפ איבערצומופען נעהנ־טער צו די סטרייק־העדקוואָדערס, כדי מען זאָל קענען אויף די בעטרעפענדע סטרייקערס בעסער אויפפאסען. און ביי דיעזער געלעגענהייט פלעגט מען וויעדער זעהן סטרייקערס מאַרשי־רענדיג אין מיליטערישער אָרדנונג.

דזשוליי דעם 15טען, אכט טעג נאָכדעם ווי דער סטרייק איז ארויסגערופען געוואָרען, האָט אונזער סטרייק־קאָמיטע ער־האַלטען א בריעף פון דער סטייט באָארד אָוו ארביטריישאָן, אנבאָטענדיג זייערע דיענסטע צוזאמענצוברענגען א קאָנפערענץ פון אונזער יוניאָן מיט דער מאנופעקטשורערס אסס'ן. נאָר וויסענדיג וואָס מען קען ערוואַרטען פון רעגיערונגס־אַנגע־שטעלטע און אויך וויסענדיג דעם טאָן, מיט וועלכען די מאנו־פעקטשורערס האָבען גערעדט, האָבען מיר זיך ניט זעהר שטאַרק געאיילט זייערע דיענסטע אָנצונעהמען, און מיר האָבען דער סטייט באָארד גאַנץ העפליך בעדאנקט פאר זייער מיה. יעדענ־פאַלס, האָבען מיר זיי אין גאַנצען ניט ענטזאגט, און צווישען אונזער סעטעלמענט קאָמיטע מיט דער מאנופעקטשורערס אסס'ן איז נאָך אָנגעגאַנגען א קאָרעספאָנדענץ.

דעם 21טען דזשוליי האָט אונזער סעטעלמענט קאָמיטע ערהאַלטען א בריעף פון מר. לעפקאָרט, דעם פּרעזידענט פון דער מאנופעקטשורערס אסס'ן, אין וועלכען די אסס'ן האָט פערלאַנגט אַן ענטפער אויף די פאָלגענדע דריי פראַגען:

1. צו מיר פערלאַנגען די אנערקענונג פון דער יוניאָן?

2. צי מיר פערלאַנגען די אויסשליסונג פון ניט יוניאָן־לייטע פון זייערע שעפּער? און

3. צי מיר פערלאַנגען, אז זיי זאָלען אונטערשרייבען אַן אגרימענט מיט דער יוניאָן?

אויב מיר וועלען זיך ענטזאגען פון דיעזע דריי פאָדע־רונגען, וועלען זיי איינגעהן מיט אונז צו קאָנפערירען.

די סטרייק קאָמיטע האָט זיך נאַטירליך ענטזאגט אָבצו־

זאָגען זיך פון איהרע פריהערדיגע פאָדערונגען און קיין קאָנ־
פערענץ איז ניט אַראַנזשירט געוואָרען.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך אין סטרייק פער־
אינטערעסירט א געוויסער פיאָלין, א גרויסער דעפּאַרטמענט־
סטאָר אייגענטהימער פון באָסטאָן, וועלכער פּרעטענדירט צו
זיין פריינדליך צו אָרגאַניזירטע ארבייטער, און קויפענדיג פאַר
זיין סטאָר א סך קלאָוקס און סוטס פון די ניו יאָרקער מאַ־
נופעקטשורערס, איז זיין אַריינמישונג פיעל ווערטה געוועזן. ער,
צוזאַמען מיט א געוויסען בלומפילד, א סעטעלמענט וואָירקער
פון באָסטאָן, און לואיס ד. בראַנדעיס, וועלכער איז שפּעטער
בארימט געוואָרען ווען פרעזידענט ווילסאָן האָט איהם באשטימט
אלס סופרים קאָורט ריכטער, זיינען אריבערגעקומען נאָך נויאָרק
צו באאיינפלוסעןביידע צדדים איינצוגעהן אויף א קאָנפערענץ.

איידער אזא קאָנפערענץ איז אַראַנזשירט געוואָרען, האָט
מר. בראַנדעיס פון אונז פערלאַנגט, מיר זאָלען אונטערשרייבען
א דאָקומענט, אין וועלכען מיר ערקלעהרען, אז דעם פּונקט פון
קלאָוזד שאָפּ וועלען מיר ניט פאָרברענגען ביים קאָנפערענץ
צום דיסקוטירען, און די גרעסטע צאָהל מעמבערס פון דער
סטרייק־קאָמיטע האָבען דיעזען פערלאַנג אונטערשריעבען, ד. ה.
אַז די סטרייק־קאָמיטע פאָדערט ניט קיין קלאָוזד שאָפּ.

ווי אימער, האָבען זיך אין אונזער סטרייק־קאָמיטע גע־
פונען אַזעלכע, וואָס האָבען געקראָגען „קאַלטע פיס" און זיי
וואָלטען פיעלייכט נאָך אייניגע זאכען נאָכגעלאָזען נאָך איידער
מען האָט אָנגעפאַנגען צו קאָנפערירען. נאָר אייניגע קאָמיטע־
מעמבערס זיינען ניט אנוועזענד געווען ביים אונטערשרייבען
דיעזען דאָקומענט און זיי האָבען זיך ענטזאָגט אַנטהייל צו
נעהמען אין וועלכען ניט איז קאָנפערענץ מיט די מאַנופעק־
טשורערס.

עס האָט אויסגעזעהן אזוי ווי די סטרייק־קאָמיטע וואָלט
געהאַלטען ביים צושפּאַלטען ווערען און דער גאַנצער סטרייק
זאָל צו גרונדע געהן. די מעמבערס פון דער סטרייק־קאָמיטע,
וועלכע זיינען געווען פאַר א קאָנפערענץ, האָבען טעלעגראַ־

פירט נאָך וואשינגטאָן צו פּרעזידענט גאָמפּערס, וועלכער איז גלייך אויף מאָרגען געקומען, און ער האָט ענדליך דורך שווערע מיה געמאכט פריעדען אין דער סטרייק־קאָמיטע. די אנדערע זייט, וואָס איז געווען געגען אזא קאָנפערענץ, האָט איינגעלאָדען ברודער שלעזינגער, אז ער זאָל פון יעצט אָן מיט זיי צוזאמען ארבייטען פאר׳ן סטרייק, און ער האָט עס מיט פערגעניגען געטהאָן.

אונזער לאָיער, גענאָסע מאיר לאָנדאָן, צוזאמען מיט לאָיער דזשוליוס הענרי קאָהן, וועלכער האָט רעפּרעזענטירט די מאַנופעקטשורערס אסס׳ן, האָבען אראנזשירט א קאָנפערענץ, וואו עס האָבען געדארפט קומען צעהן פון אונזער סטרייק־קאָמיטע און צעהן פון דער מאנופעקטשורערס אסס׳ן, און א געמיינשאַפטליכע טעלעגראַמע איז געשיקט געוואָרען נאָך באָסטאָן צו לואיס ד. בראַנדעיס, פערלאַנגענדיג פון איהם ער זאָל פיגורירען אלס דער טשערמאַן פון דיעזען קאָנפערנץ.

XXXIV

דער ערשטער קאָנפערענץ מיט די מאַנופעקטשורערס.

דאָנערשטאג, דעם 28טען דזשולייַ, איז דער ערשטער קאָנפערענץ זיך צוזאמענגעקומען אין מעטראָפּאָליטען לייף אינשורענס בילדינג.

די פערטרעטער פון דער יוניאָן זיינען געווען די פאָלגענדע ברידער: א. ראָזענבערג, דזשאהן א. דייטש, דזשאהן ב. לענאָן בענדזשאמין שלעזינגער, דזשעסי גרינבערגער, ס. פּאָליאַקאָף, הערי קליינמאַן, אלעקסאנדער בלאָק, א. באַפּפאַ און מאָרריס זיעגמאַן.

פון דער זייט פון די מאנופעקטשורערס זיינען געווען די פאָלגענדע פערזאָנען: א. לעפקאָורט, מ. זילבערמאַן, פון דער עמפּייער קלאָוק קאָ.; מאקס מ. שווארץ; מאקס מייער, פון דער פירמע א. בעלער און קאָ.; דזשאָזעף דזשאהנסאָן; מאקס רובין,

פון דער פירמע רובין בראָס.; וויליאם פישמאַן ; י. שטערן, פון דער פירמע דזש. מ. ברוידי ; מאַקס סאָלאָמאָן און ר. סאַדאָפסקי.

דזשוליוס הענרי קאָהן האָט פערטראָטען אַלס לאָיער די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן, און מאיר לאָנדאָן האָט פער־טראָטען אַלס לאָיער די אינטערעסען פון דער יוניאָן. לאָיער לואיס ד. בראַנדעיס האָט פיגורירט אַלס טשערמאַן פון דיעזען קאָנפערענץ.

גלייך ווי די קאָנפערענץ איז געעפענט געוואָרען, האָבען מיר געזעהן, אַז עס וועט זיין אַ פערשלעפּטע קריינק. די לאָיערס פוןביידע זייטען האָבען זיך פאַרבערייטעט מיט לאַנגע ספּי־טשעס און דער טשערמאַן פון קאָנפערענץ, וועלכער איז אויך אַ לאָיער, האָט גענומען ענטשיידען פּאָינטס אָוו לאָאָ און אַנדע־רע טעכנישע דריידלעך און אָבדזשעקשאָנס. מיט איינעם וואָרט, די קאָנפערענץ האָט ניט אויסגעזעהן ווי אַ צוזאַמענקונפט פון שניידער מיט זייערע באָסעס צו סעטלען אַ סטרייק, זאָנדערן ווי אַ סופרים קאָורט, וואו לאָיערס פון ביידע זייטען ווילען איינער דעם אַנדערען בעקעמפּפען מיט שעהנערע ענגלישע אויסדריקע און סתם שפּיצלעך.

וויסענדיג, אַז פּאַר די מאַנופעקטשוערס לוינט זיך וואָס לענגער דעם קאָנפערענץ צו פערשלעפּען, ווייל כמעט אַלע אונ־זערע סטרייק־פיהרערס וועלען פערנומען זיין קאָנפערירענדיג, און דער סטרייק וועט דערפון ליידען, האָט אונזער קאָמיטע אינסטרואירט ברודער דזשאהן ב. לענאָן צו מאַכען דעם פאָל־גענדען סטייטמענט : אַזוי ווי אונזער צייט איז זעהר בעשרענקט, ערקלעהרען מיר, אַז מיר ווילען גלייך געהן צו ביזנעס און ניט פערנעהמען קיין צייט מיט טעכנישע ספּעקולאַציעס. אויך האָבען מיר געלאָזט וויסען, אַז מיר האָבען קיין פאָלמאַכט ניט אַליין צו מאַכען אַ פאָלשטענדיגען סעטלמענט, זאָנדערן אַז אַלעס וואָס ביי דעם קאָנפערענץ וועט אָנגענומען ווערען, וועלען די סטרייקערס דאַרפען גוט־הייסען אָדער צוריקווייזען.

אויפ'ן דריטען טאָג פון קאָנפערענץ, שוין האָבענדיג פער־לאָרען די געדולד טענה'נדיג און אַרגומענטירענדיג, האָבען מיר

נאָך אַלץ ניט געוואוסט וואָס די מאַנופעקטשורערס ווילען אָדער ווילען ניט געבען. מיר האָבען דאַן צו זיי גערעדט קלאָרע דבורים: וואָס ווילט איהר אונז געבען? און אויב זיי וועלען ניט ענטפערען קלאָהר און דייטליך, זיינען מיר געווען ענטשלאָסען צו פערלאָזען דעם קאָנפערענץ.

די מאַנופעקטשורערס האָבען זיך גלייך צוריקגעצויגען פאַר א האלבע שטונדע פאַר א בעראַטהונג צווישען זיך, און זיי זייַנען ענדליך צוריקגעקומען מיט דעם פאָלגענדען פּראָפּאָזישאָן: זיי גיבען אונז נאָך אַלע קליינינקייטען, ווי צום ביישפּיעל סאַניטארע שאַפּס, וואָס די גרויסע מאַנופעקטשורערס האָבען יעדענפאַלס מעהר אָדער ווענינער געהאַט; זיי וועלען ניט טשארדזשען פאַר עלעקטריק פּאַוער; זיי וועלען אָבשאַפען די אינסיידקאָנטראַקטינג סיסטעם און נאָך אַנדערע ניט קיין זעהר וויכטיגע זאַכען. די פּרייזען פאַר קאַטערס זאָל זיין 25 דאָלאַר א וואָך, פאַר דזשעקעט פּרעסערס 20 דאָלאַר, פאַר אונטער פּרעסערס 18 דאָלאַר, פאַר סקוירט פּרעסערס 18 דאָלאַר און פאַר סקוירט און אונטער־פּרעסערס 16 דאָלאַר; פאַר פּיס־פּרעסערס 12 דאָלאַר און פאַר סעמפּעל מייקערס 19 דאָלאַר. די אַרבייטסשטונדען זאָלען זיין 53 שטונדען א וואָך.

ווען אונזער קאָמיטע האָט זיך ענטזאַגט זאָגאַר זייער פאָרשלאַג צו דיסקוטירען, האָבען די מאַנופעקטשורערס אונז געמאַכט א פאָרשלאַג, אַז די פראַגע פון ווייַדזשעס און שטונדען זאָלען מיר איבערגעבען צו א באָארד אָוו אַרביטריישאָן. ווייסענדיג גענוי, אַז אונזערע לייטע וועלען זיך ניט פערלאָזען אויף אַרביטרייטאָרס צו ענטשיידען אַזעלכע פראַגען, אויף וועלכע דער גאַנצער סטרייק איז באַזירט, האָבען מיר זיי ערקלעהרט, אַז מיר וועלען דאָס פריהער איבערגעבען צו א רעפערענדום צו אַלע סטרייקערס, אויב זיי זיינען וויליג איבערצוגעבען דיעזע פראַגען צו אַרביטריישאָן.

עס איז נאָכדעם אויך פאָרגענומען געוואָרען די פראַגע וועגען דער אַנערקענונג פון דער יוניאָן, נאָר ניט אין א דירעקטען וועג. געוועהנליך ביי אַזעלכע קאָנפערענצען פאָדערט מען די

אנערקענונג פון דער יוניאן אדער די בעשעפטיגונג אין די שע־פער פון נאר יוניאן לייטע. ביי דיעזען קאנפערענץ האבען מיר דאס ניט געקענט, ווייל איידער דער קאנפערענץ איז אראנ־זשירט געווארען, האט די מאיאריטעט פון אונזער סטרייק־קאמיטע אונטערשריעבען א דאקומענט, אין וועלכען זיי שטימען צו, אז די פראגע פון קלאוזד און אפען שאפ זאל ביי דעם קאנ־פערענץ ניט דעבאטירט ווערען. דעריבער האבען מיר די פראגע פון יוניאן־שאפס געמוזט ארייגשמוגלען דורך א הינטער־טיהר אויף א גאנץ אנדער וועג. מיר האבען נעמליך צוגעשטעלט א פונקט צום דיסקוטירען, — די אלגעמיינע מעטהאדען צו בע־פעסטיגען דעם אבמאך צווישען דער מאנופעקטשורערס אסס'ן און דער יוניאן.

אונזער קאמיטע האט גע'טענה'ט, אז דער איינציגער וועג ווי צו מאכען, אז אן אגרימענט מיט די מאנופעקטשורערס זאל אבגעהיט ווערען, קען נאר זיין ווען בלויז יוניאן־לייטע וועלען בעשעפטיגט ווערען אין די שעפער, און אזוי שנעל ווי א פאאר נאן יוניאן־לייטע קומען ארויף אין א שאפ, קען מען די יוניאן־פרייזען און אלע אנדערע קאנדיציאנען ניט דורכפיהרען.

די מאנופעקטשורערס פון דער אנדערער זייט האבען אר־גומענטירט און געטרייעט צו בעווייזען, אז יוניאן־קאנדיציאנען קענען יא עקזיסטירען אין שעפער, וואו עס ארבייטען יוניאן און נאן יוניאן לייט, נאר אויב די ארבייטער וועלען בעלאנגען צו דער יוניאן, האבען זיי דערצו קיין אבדזשעקשאן ניט.

ניט קענענדיג פערטיג ווערען, האט מר. בראנדעיס פאר־געשלאגען א נייעם פלאן, וועלכען ער האט אנגערופען דעם פרעפערענשעל יוניאן־שאפ, ד. ה. אז ווען צוויי ארבייטער ווע־לען פרעגען פאר א דזשאב און איינער וועט זיין א יוניאן־מאן און דער צווייטער א נאן יוניאן־מאן, און ביידע בעזיצען די זעלבע פעהיגקייטען צו דער ארבייט, מוז דער מאנופעקטשורער געבען דעם פארצוג דעם יוניאן־מאן.

די מאנופעקטשורערס האבען זיך נאטירליך גלייך אנגע־כאפט אן דיעזען פלאן מיט ביידע הענד, נאר אונזער קאמיטע

האָט זיך פון דער טובה ענטזאגט, ווייל מיר האָבען געוואוסט, אַז עס מעג פרעגען פאר א דזשאָב דער בעסטער ארבייטער, וואָס איז א יוניאָן מאַן, און דער גרעסטער קאַליקע א נאָן יוניאָן מאַן, וועט דער באָס אָדער דער פאָרמאַן שטענדיג זאָגען, אַז דעם יוניאָן מאַן'ס ארבייט טויג ניט, כדי צו דיסקרעדיטירען די יוניאָן, און אין א גאַנץ קורצער צייט וואָלט די יוניאָן צובראָכען געוואָרען.

האָבענדיג דאָס אַלעס אין זינען, האָבען מיר זיך ענטזאגט ווייטער אָנצוגעהן מיט דער קאָנפערענץ. אונזער קאָמיטע האָט זיך גלייך צוריקגעצויגען פאר א פריוואַט בעראטהונג און מיר זיינען געקומען צום שלום, אַז מיר מוזען ענדיגען קאָנפערירען. נאָר אום צו לאָזען א טיהר אָפען, אום מיר זאָלען זיך קענען נאָך א מאָל צוזאַמענקומען, ווען עס וועט נויטיג זיין, האָבען מיר אינסטרואירט ברודער דזשאָהן ב. לענאָן, ער זאָל ערקלעהרען די מאַנופעקטשורערס, אַז מיר זיינען צופריעדען אָנצוגעהן מיט'ן קאָנפערענץ נאָר דאַן, ווען די לאָיערס וועלען זיין אַבוועזענד. נאָכדעם ווי די מאַנופעקטשורערס האָבען זיך ענטזאגט אָנצונעהמען אונזער פאָרשלאַג, האָבען מיר זיי ערקלעהרט, אַז אונזער לאָיער מאיר לאָנדאָן און זייער לאָיער דזשוליוס הענרי קאָהן צוזאַמען מיט לואיס ד. בראַנדעיס זאָלען זיך מאָנטאָג פריה צוזאַמענקומען און אויסארבייטען א שריפטליכען אַגרימענט און אונז צושיקען. דאַן וועלען מיר דעם גאַנצען אַגרימענט שטודירען און בעשליסען צו מיר זאָלען איהם אָננעהמען אָדער ניט.

אַזוי איז דער ערשטער קאָנפערענץ אָבגעבראָכען געוואָרען אויף א דיפּלאָמאַטישען וועג. די מאַנופעקטשורערס זיינען ניט בעליידיגט געוואָרען און די לאָיערס פון ביידע זייטען זיינען געווען צופריעדען.

* * *

דורך דער צייט, וואָס מיר זיינען געווען אין קאָנפערענץ האָבען דערווייל די „ערב־רב“ צווישען די סטרייקערס פערשפרייט פערשיעדענע ווילדע קלאַנגען, אַז די ליעדערס ווילען

זיי פערקויפען. הונדערטע סטרייקערס האבען בעלאגערט דעם מעטראפאליטען לייף אינשורענס בילדינג, וואו דער קאנפע־רענץ האט שטאטגעפונדען און האבען געגוואלדעוועט, מען זאל זיי לאזען וויסען וואו מען האלט שוין. עס זיינען אויך אויס־געטהיילט געווארען הענד־בילס, פראטעסטירענדיג געגען די ליעדערס און אויפפאדערענדיג זיי אבצוברעכען אלע פערהאנד־לונגען מיט דער מאנופעקטשורערס אסס'ן.

אום אריינצוברענגען ארדנונג אין די רייהען פון די סטריי־קערס, האט די סטרייק־קאמיטע ארויסגעגעבען אן עקסטרא „נייע פאסט" מיט דעם פאלגענדען אינהאלט:

אן אפיציעלע ערקלעהרונג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין בעצוג צו די פערהאנדלונגען מיט דער באסעס אסאסיאיישאן.

זייט מען האט אנגעפאנגען אונטערהאנדלען מיט דער באסעס אסאסיאיישאן, געהען ארום סלוכען, אז די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, די קערפערשאפט, וועלכע איז פון אונזער לעצטער קאנווענשאן בעפאלמעכטיגט געווארען ארויסצורופען דעם דזשענעראל סטרייק און וועלכע איז אויך פעראנטווארטליך פאר דעם סעטעלמענט, וועלכער וועט געמאכט ווערען, איז בערייט צו סעטלען אויף דעם פלאן פון אפען שאפ און זי געהט אויך איין אויף דער ניט אנערקענונג פון דער יוניאן און נאך אזעלכע פאלשע געשיכטען.

מיר ערקלעהרען דא אפען, אז אזעלכע קלאנגען קענען קומען נאר פון פיינדע און ניט פון פריינדע פון דער יוניאן. זיי קענען קומען נאר פון אזעלכע לייטע, וועלכע וואלטען געוואלט זעהן אונזער פערניכטונג.

קיין סטרייק קען ניט זיין ערפאלגרייך ווען די מאסען האבען ניט קיין צוטרויען צו זייערע פיהרערס. מעגען די סטרייקערס ארויסווייזען די גרעסטע אפפערוויליגקייט, מעגען זיי ארויסווייזען די גרעסטע פעסטקייט, — אזוי שנעל ווי זיי פאנגען אן צו פער־דעכטיגען די פיהרערס אין בעטרוג אדער אין אונעהרליכקייט, אדער ווען זיי דענקען, אז די פיהרערס פערשטעהען ניט זייער פליכט און זיינען בערייט די יוניאן צו ערניעדריגען, — אזוי שנעל ווי דאס געשעהט, מוז דער סטרייק פערלארען געהן.

פריינדע! די ערשטע זאך, וואס מיר פערלאנגען פון אייך איז,

אַז איהר זאָלט פערשטעהן, אַז ווען אונזער לעצטע קאָנוועגשאָן האָט אונז געגעבען די פּאָללמאַכט אַרויסצורופען דעם סטרייק, איהם אָנ־צופיהרען און צו מאַכען דעם סעטעלמענט, איז עס געווען דערפאַר, ווייל די דעלעגאַטען זיינען איבערציינט געווען, אַז די דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, וועלכער זיי האָבען ערוועהלט ביי דער קאָנווענ־שאָן, איז פעהיג דורכצופיהרען אַזאַ גרויסע זאַך און זיי האָבען פערדיענט דעם צוטרויען פון דער אָרגאַניזאַציאָן.

מיר ווילען אייך נאָך אַ מאָל וואַרנען, אַז דיעזע ניעדריגע העצערייען קומען ניט פון אונזערע פריינד, זאָנדערן פון אונזערע שונאים. די באָסעס קענען ניט קריגען קיין סקעבס. זיי קענען זייער אַרבייט ניט קריגען געמאַכט; זיי ווען פריהער אָדער שפּעטער געצוואונגען זיין צו מאַכען אַ סעטעלמענט מיט דער יוניאָן, נאָר אויב זיי וועט געלינגען צו שעדיגען די רעפּוטאַציע פון די פיהרערס, צו פערזעען די קערנער פון מיסטרויען צווישען די מאַסען געגען די בעאַמטע און פיהרער, ווען זיי האָבען דורכגעפיהרט עטוואָס, וואָס ניט די סקעבס, ניט די געדונגענע אַגענטען, באָמס און פּאָליציי וואָלטען עס געקענט דורכפיהרען.

דער צושטאַנד פון אונזער סטרייק איז יעצט אַזעלכער, דאָס מיר האָבען קיין אורזאַכע ניט צו מאַכען קאָמפּראָמיסען אָדער אָבצושוואַכען די יוניאָן.

דיעזע געשרייען קומען פון דונקעלע קוועלען און זיי ווערען אויפגעבאַפּט פון די אונוויסענדע, ניט אינפאָרמירטע נייע רעקרוטען, וועלכע זיינען פאַר יאָהרען לאַנג אָװעקגעשטאַנען פון אונזער יוניאָן; פערזאָנען, צו וועלכע מיר האָבען אימער אַפּעלירט, געבעטען זיי זאָלען זיך אָרגאַניזירען און זאָלען פייטען צוזאַמען מיט אונז פאַר בעסערע צושטענדע. יעצט זיינען די זעלבע פערזאָנען מיט אַ מאָל געוואָרען פערברענטע פּאַטריאָטען און פּרעטענדירען צו זיין בעסערע יוניאָן לייטע און צו פערשטעהן די אינטערעסען פון דער יוניאָן בעסער ווי די אָפיסערס פון דער אינטערנייש אָנאַל יוניאָן, וועלכע האָבען זייער גאַנצען לעבען געספּענדעט אויף דער בעוועגונג און אין די אינטערעסען פון אונזער יוניאָן.

מיר אַפּעלירען צו אייך: לאָזט זיך ניט פערפיהרען פון אויפ־העצער. אונזער לאַנגע דיענסט אין דער טרייד יוניאָן בעוועגונג גיט אונז דאָס רעכט צו פערלאַנגען אייער צוטרויען און אייער איבער־געבענהייט. איהר דאַרפט פערשטעהן, אַז די דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד צוזאַמען מיט דער דזשענעראַל סטרייק קאָמיטע פערשטעהען פאָלשטענדיג זייערע פליכטען אין דיעזען סטרייק.

טהוט אייער פליכט און זייט גוטע סטרייקער. פוילט זיך ניט

צו געהן פיקעטען, בעזונדערס אייערע מיטינגען פינקטליך יעדען טאָג, וואַטשט אייערע סטרייקענדע שעפּער, און מיר, די פעראַנטוואָרטליכע פיהרער פון דעם סטרייק, וועלען זיכער טהאָן אונזער פליכט, און דאַן וועט ניט זיין דער מינדעסטער צווייפעל, אַז דער סטרייק וועט זיך ענדיגען מיט אַ גרויסען זיעג פאַר דער קלאָוק און סקוירט מייקערס יוניאָן פון ניו יאָרק.

מאַנכע פערזאָנען געהען אַרום צווישען די סטרייקערס און ערקלעהרען, אַז די פיהרער וועלען סעטלען דעם סטרייק אויף אַזאַ וועג, אַז דער באָס זאָל האָבען אַ רעכט צו בעשעפטיגען אויך ניט קיין יוניאָן לייטע. מיר ווילען אייך דאָ לאָזען וויסען, אַז אַזאַ סטייטמענט איז אַבסאָלוט פאַלש. מיר האָבען קיינמאָל אַזאַ פונקט ניט נאָכגעגעבען און מיר וועלען עס קיינמאָל ניט טהאָן.

פערגעסט ניט, אַז די יעצטיגע פיהרער פון דעם סטרייק זיינען אַזעלכע גוטע יוניאָן־לייטע ווי איהר זייט, אויך האָבען זיי געהאַט אַזוי פיעל ערפאַהרונג אין יוניאָן־אַנגעלעגענהייטען ווי יעדער איינער פון אייך. איהר קענט די ברידער ראָזענבערג, דייטש, פּאָליאַקאָף, שלעזינגער און מאיר לאָנדאָן צו גוט. זיי האָבען שוין דורכגע־מאַכט אַ מאַסע סטרייקס און זיי זיינען אימער געבליבען עהרליך און טריי צו די אַרבייטער־אינטערעסען, און דאָס זעלבע וועלען זיי אויך בלייבען אין דער צוקונפט. זייט רוהיג, ווערט ניט אויפגע־רעגט; קיינער וועט אייך דאָ ניט פערקויפען. נוצט בעסער אויס אייער ענערגיע אויפצופאַסען אויף אייערע שאָפּ־אינטערעסען.

מיר ווילען אייך אינפאָרמירען, אַז נאָך דריי טעג קאָנפערירען מיט די מאַנופעקטשורערס, האָבען מיר דעם קאָנפערענץ אָבגעבראָכען. ניט בלויז דערפאַר, וואָס זיי גיבען אונז ניט קיין יוניאָן־שאַפּס, זאָנדערן דערפאַר, ווייל זיי גיבען אונז פּראַקטיש גאָרניט. דאָס זעהען זיי ניט דערפאַר ווייל זיי פיהלען זיך יעצט שטאַרק. דער פאַקט איז, אַז זייער אַסאָסיאיישאָן בעשטעהט בלויז פון 75 מעמ־בערס וואָס געפינען זיך אין ניו יאָרק. מיר האָבען אָבגעבראָכען דעם קאָנפערענץ גאַנץ איינפאַך דערפאַר, ווייל די באָסעס דענקען, אַז מיר זיינען לעמאַנס און זיי וועלען אונז קענען קוועטשען. נאָר דאָס זיינען מיר אָבער ניט; מיר וועלען זיכער ניט אָבטרעטען פון אונ־זערע ערשטע פאָדערונגען.

מיט ברידערליכען גרוס,

די דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פון דער אינט. לייידיעס גארמענט וואָרקערס יוניאָן.

דיעזער ליעפלעט איז געדרוקט געוואָרען אין צעהנדליגע טויזענדע קאָפּיעס און איז פערטהיילט געוואָרען צווישען די

סטרייקערס. די ווירקונג, וואָס ער האָט געהאַט, איז ניט גע־
ווען אָבצושאַצען. עס האָט אריינגעגעבען אַ נייעם לעבען די
סטרייקערס און אַלע האָבען זיך גענומען צוריק צו דער ארבייט,
ווי אין אָנפאַנג פון סטרייק. אויך די מאַנופעקטשורערס האָבען
איינגעזעהן, אַז זייערע ארבייטער פערשטעהען וואָס זיי ווילען
און אַז אַבי־וועלכער סעטעלמענט וועט דאָ ניט קענען אריינ־
געשמוגעלט ווערען.

XXXV

נאָכ'ן קאָנפערענץ און דער אינדזשאַנקשאָן.

גלייך ווי דער קאָנפערענץ איז אָפיציעל אָבגעבראָכען גע־
וואָרען, האָט די סטרייק־קאָמיטע זיך גענומען פעסט צו מאַכען
סעטעלמענטס מיט די אינדעפּענדענט מאַנופעקטשורערס. דורך
דער צייט פון קאָנפערירען האָבען פיעלע אינדעפּענדענט מאַנו־
פעקטשורערס זיך צוריקגעהאַלטען פון סעטלען מיט דער יוניאָן,
דענקענדיג, אַז די אַסס'ן וועט וואהרשיינליך קריגען ביי דער
יוניאָן בעסערע קאָנדיציאָנען. זיי האָבען געוואַרט צו זעהן דעם
רעזולטאַט פון דעם קאָנפערענץ.

נאָר ווען דער קאָנפערענץ איז אָבגעבראָכען געוואָרען, האָט
אונזער פּרעס־קאָמיטע ארויסגעגעבען אַ סטייטמענט אין די
צייטונגען, אַז ווען מיר וועלען סעטלען מיט דער אַסס'ן אויף
לייכטערע קאָנדיציאָנען, וועלען אַלע געסעטעלטע מאַנופעק־
טשורער אויך דערצו בערעכטיגט זיין. דאָס האָט אונז גע־
געבען אַ געלעגענהייט צו סעטלען יעדען טאָג מיט אַ דרייסיג־
פערציג גרעסערע אָדער קלענערע מאַנופעקטשורערס. דאָס
האָט אונז הויפּטזעכליך געגעבען אַ געלעגענהייט פאָרטצוזעצען
דעם קאַמפּף ביז צו ענדע. די ארבייטער פון די געסעטעלטע
שעפּער זיינען געטעקסט געוואָרען מיט פופצעהן פּראָצענט פון
זייערע פערדיענסטען, וואָס האָט אריינגעבראַכט דורכשניטליך
פופצעהן טויזענד דאָלאר אַ וואָך. צוזאַמען מיט די שטיצע,

וואָס איז אריינגעקומען פון אויטסייד, האָט עס אונז מעגליך געמאַכט אָנצוגעהן מיט דער ארבייט.

די פיקעט־קאָמיטעס זיינען טהעטיגער געוואָרען ווי בעפאָר. דער גאַנצער קלאָוק־דיסטריקט האָט אויסגעזעהן ווי אין בע־לאַגערונגס־צושטאַנד. די באָסעס האָבען זיך אפילו געוואָלט בענוצען מיט די געוועהנליכע מיטלען, ווי אָנשטעלען באָמס מיט בעדזשעס און באָמס אָהן בעדזשעס, נאָר אונזערע לייטע האָבען געפיהלט, אז דער סטרייק איז ביי זיי א פראגע פון לעבען אָדער טויט, האָבען זיי פריהער אָבגעלייענט „קריאת־שמע" און נאכהער געגאַנגען בעגעגענען די באָמס. עס איז אזוי וויט דערגאַנגען, אז די שטאָדט־רעגיערונג איז געצוואונ־גען געווען, מורא האָבענדיג פאר בלוט־פערגיסונגען, צו געבען אַן אָרדער צו די רעגעלע פאָליציי צו ענטוואָפענען די „ספע־שעלס" (שטארקע, בלע"ז) און צוצונעהמען ביי זיי די קלאָבס, בלעק־דזשעקס און אנדערע כלי משחית. און, ווי בעוואוסט, איז א „ספעשעל" אָהן א קלאָב געגליכען צו א הונט אָהן צייה־נער. די שטאָדט־רעגיערונג האָט אויך ארויסגעגעבען אַן אָר־דער, אז פיקעטען די שעפּער אויף א פריעדליכען וועג איז פון געזעץ ערלויבט, און דאָס האָט אונזערע לייטע געגעבען די מעג־ליכקייט אכטונג צו געבען, אז קיינע סקעבס זאָלען ניט פער־נעהמען די פּלעצער פון די סטרייקערס.

אין דער ערשטער צייט פון סטרייק איז אונז אויך גע־לונגען צו אָרגאַניזירען די אויטסייד־קאָנטראַקטאָרס און די פּאַר־לייטע אין אסאָסיאיישאָנס. דער רעזולטאַט איז געווען, אז מיט די אויטסייד קאָנטראַקטאָרס זיינען מיר זיכער געווען, אז זיי וועלען זייערע שעפּער ניט אויפמאַכען ביז דער סטרייק וועט ניט געענדיגט ווערען, ווייל ווען דער סטרייק זאָל פערלאָרען געהן, וואָלטען די קאָנטראַקטאָרס געליטען גראדע אזוי פיעל, ווי אונזערע מעמבערס. מיר האָבען אויך געקענט האָבען אַן איינפלוס אויף פיעלע פּאַרלייטע, און אזוי שנעל ווי מאַנכע פּאַר־לייטע זיינען אַוועק סקעבען, האָט מען אונז גלייך געלאָזען ווי־

סען און די נויטיגע שריטע זיינען גענומען געוואָרען זיי אָבצו־סטאָפּען.

זאָגאר די דעזיינערס, וועלכע רעכענען זיך שוין פאר צו־קינפטיגע מאַנופעקטשורערס, האָט מען אויך ניט ארויפגעלאָזען אין די שעפּער, אַזוי שנעל ווי מען האָט געוואוסט, אז אין שאָפּ געפינען זיך אַ פּאָר סקעבס. ווען אַ דעזיינער האָט געוואָלט ארויפגעהן געוואָהר ווערען וואָס עס טהוט זיך אין זיין שאָפּ, איז ער געקומען צו דער סטרייק־קאָמיטע נאָך אַ פּעס, זאָנסט האָבען די פּיקעטס איהם ניט ארויפגעלאָזען. מיט איינעם וואָרט, די שעפּער זיינען פערלאָזען געווען, אַזוי ווי אין אַ פּעסט.

די מאַנופעקטשורערס האָבען איינגעזעהן, אז מיר זיינען צו שטארק פאר זיי און אז אין אַ סקווער פייט וועלען זיי אונז ניט קענען בעזיעגען, האָבען זיי זיך געווענדעט צו זייערע ליעב־לינגע, צו די דזשאָדזשעס, נאָך אַן אינדזשאָנקשאָן.

מר. סילווערמאַן, פון דער עמפּייער קלאָוק קאָ., אַלס דער טרעזשורער פון דער מאַנופעקטשורערס אסס'ן, האָט זיך גע־ווענדעט צו דזשאָדזש גאָף פון סופרים קאָורט נאָך אַן אינ־דזשאָנקשאָן, פערביטענדיג צו פּיקעטען זאָגאר אויף אַ פּריעד־ליכען וועג. נאָך אַ צעהן־צוועלף טעג ארומפּייטען זיך אין קאָורט, האָט ענדליך דזשאָדזש גאָף בעוויליגט אַ שטענדיגען אינדזשאָנקשאָן, פערביטענדיג די ליעדערס ארויסצושיקען פּי־קעטס און די סטרייקערס צו פּיקעטען.

די מאַנופעקטשורערס האָבען זיכער געדענקט, אז מיט דעם האָבען זיי אונז אין גאַנצען געבונדען און דאָס יעצט וועלען שוין סקעבס קומען אין די טויזענדע, און ביי זיי איז שוין גע־וואָרען „אָגיל ואשמח". נאָר זיי האָבען אויך דאָ געמאַכט דעם רעכענונג אָהן אונז.

אונזער סטרייק־קאָמיטע איז זיך גלייך צוזאַמענגעקומען און האָט בעשלאָסען פון יעצט אָן צו שיקען מעהר פּיקעטס ווי פריהער. זאָלען זיי ארעסטירען פופציג טויזענד מענשען און יעדען פון זיי בעשולדיגען אין קאָנטעמפּט אָוו קאָורט.

די מאַנופעקטשורערס האָבען געלאָזען אָבדרוקען אין ביכ־

לעך דעם אָרדער פון קאָורט, פערביטענדיג צו פיקעטען און זייערע לייטע זיינען ארומגעגאנגען איבער'ן גאנצען קלאָוק־דיסטריקט מיט פעק ביכלעך און האָבען עס אויסגעטהיילט צו אַלע אונזערע פיקעטס.

איינינע זיינען גלייך געקומען אונז אָנפרעגען, וואָס זיי זאָלען דערצו טהאָן. מיר האָבען זיי געהייסען אוועקוואַרפען עס אין סטריט. אין א קורצער צייט האָבען זיך צעהנדליגע אזעלכע ביכלעך געוואַלגערט אין בלאָטע.

די אגענטען פון די באָסעס, זעהענדיג, אז די סטרייקערס מאַכען פון זיי חוזק מיט זייערע אינדזשאָנקשאָנס, האָבען זיי איינעם פון אונזערע סטרייקערס געלאָזט ארעסטירען, אַלס א טעסט קייס פון קאָנטעמפּט אָוו קאָורט. זיי האָבען גע'טענה'ט, אז די סטרייקערס וואַרפען דעם קאָורט־אָרדער אין בלאָטע, פאָלגליך איז עס א בעליידיגונג פאַר'ן געזעץ און דער מאַן דאַרף פערהאַלטען ווערען פאַר קאָנטעמפּט אָוו קאָורט. דער פּאָליס מעדזשיסטרייט האָט אָבער ערקלעהרט, אז אוועקוואַרפען א פּאַפּיער אָדער א בוך איז ניט קיין בעליידיגונג פון געזעץ און פאָלגליך איז דער סטרייקער בעפרייט געוואָרען.

די באָסעס, זעהענדיג אז דערפון קענען זיי קיין קייס ניט אויסמאַכען, האָבען אויפגעהערט אויסצוטהיילען די אינדזשאָנק־שאָן אָרדערס.

איינמאָל ביינאַכט האָבען מיר ארויסגעשיקט א פיקעט־קאָמיטע פון פינף הונדערט מענער און פרויען מיט אינסטרוק־ציאָנען ניט צו מאַכען דעם מינדעסטען פערזוך צו אנטלויפען, ווען די פּאָליציי וועט זיי וועלען ארעסטירען. און ווען די פינף הונדערט וועלען ארעסטירט ווערען, האָבען מיר געהאַט גרייט אין די סטרייק־העדקוואָדערס אנדערע פינף הונדערט גלייך צו פערנעהמען זייערע פּלעצער.

ארום 2 אוהר פאַרטאָג זיינען אָנגעקומען גאנצע מחנות מיט פּאָליסלייט און האָבען געוואָלט צוטרייבען די פיקעטס, נאָר קיינער האָט זיך פון אָרט ניט געריהרט. ווען די פּאָליציי האָט אָנגעפאַנגען צו מאַכען ארעסטען, זיינען די גאנצע פינף

הונדערט מיטגעגאנגען אין פּאַלים סטיישאַן און וויפיעל מען האָט געקענט אַנפּאַקען אין די סעלס האָט מען פערשלאָסען און די איבעריגע האָט מען פון סטיישאַן־הויז ארויסגעטריעבען, מיט דער ערקלעהרונג, אַז פאר זיי איז מעהר קיין פּלאַץ ניטאָ. צו־זאמען זיינען איינגעשפּארט געוואָרען 180 מענער און פרויען. מיר האָבען זיכער ערווארטעט, אַז מען וועט אַלעמען בעשולדיגען אין קאָנטעמפּט אָוו קאָורט. נאָר די דזשאַדזשעס האָבען אונז דיעזען מאָל גראדע קיין טובה ניט געוואָלט טהאָן און אַלע ארעס־טירטע זיינען בלויז בעשולדיגט געוואָרען אין שטערען די רוהע, און יעדער פון זיי איז בעשטראָפט געוואָרען מיט איין דאָלאר. די גרעסטע צאָהל פון די ארעסטירטע האָבען ערקלעהרט, אַז זיי וועלען בעסער אָבזיצען אַ פּאָאר שטונדען אין דזשייל, איי־דער די יוניאָן זאָל פאר זיי בעצאָהלען די דאָלארס.

זייט דאַן האָט זיך אויסגעלאָזען אַ נעכטיגער טאָג פּין דער גאַנצער אינדזשאָנקשאָן־געשיכטע און מיר האָבען געטהאָן אונזער ארבייט ווי בעפאָר.

נאָכדעם ווי די באָסעס זיינען דורכגעפאלען מיט זייער אינדזשאָנקשאָן און דער סטרייק האָט אָנגעפאנגען צו ווערען ערנסטער, האָבען פיעלע געשעפטס־לייטע, ספּעציעל פון דער איסט סייד, וועלכע האָבען קיין פערבינדונג קיינמאָל ניט גע־האָט מיט׳ן קלאָוק־טרייד, אויך אָנגעפאנגען פיהלען, אַז זייערע געשעפטען ליידען דורכ׳ן סטרייק, און עס האָט זיך אָנגעפאנגען צווישען זיי אַ בעוועגונג צו ענדיגען דעם סטרייק. פערשיע־דענע באַנקירען, ווי יארמולאָווסקי, יאָזעף ס. מארקוס, אַ גע־וויסער ראָטהשטיין, דער וויים פּרעזידענט פון בית ישראל האָספּיטאל; מר. זעמעל, דער פּרעזידענט פון די גאַליציאַנישע סאָסייעטיעס; יאָזעף בּאראַנדעס, דזשייקאָב שיף און נאָך אַזעל־כע כלל טהוערס האָבען זיך אָנגעפאנגען צו פעראינטערעסירען מיט׳ן סטרייק און האָבען מיט אונז כמעט יעדע נאַכט אָבגעה־האַלטען קאָנפערענצען און האָבען אונז געוואָלט בעוועגען מיר זאָלען זיך נאָך אַ מאָל צוזאַמענקומען מיט די מאַנופעקטשורערס אויף אַ קאָנפערענץ.

די אויטסייד קאָנטראַקטאָרס אַסס'ן, דורך זייער געוועזע־נעם פּרעזידענט מר. פינקעלשטיין, ווי אויך די דעזיינערס און פאָרמאַנס אַסס'ן האָבען זיך אויך געלעגט אין דער לענג און אין דער ברייט מיר זאָלען נאָך א מאָל קאָנפערירען מיט די מאַ־נופעקטשורערס, נאָר אונזער טענה איז געוועזן, אז מיר ווילען פריהער קריגען פון די מאַנופעקטשורערס א געשריעבענעם פּאַ־פּיער, וואָס זיי גיבען אונז נאָך, און דאַן אויב עס וועט בלויז פעהלען א פּאָאָר קלייניגקייטען, וועלען מיר מיט זיי געהן קאָנ־פערירען.

די כלל־טהוער האָבען זיך אזוי לאַנג ארומגעדרעהט ביז אייניגע רייכע יאהודים האָבען בעוואָגען מר. לואיס מאַרשאַל, ער זאָל געברויכען זיין איינפלוס און ברענגען דעם סטרייק צו א סעטעלמענט.

נאָך אייניגע קאָנפערענצען צווישען אונזער לאָיער, מאיר לאָנדאָן, מיט דזשוליוס הענרי קאָהן, דער לאָיער פאר די מאַ־נופעקטשורערס, צוזאַמען מיט לואיס מאַרשאַל, איז אַן אַגרי־מענט אויסגעמאַכט געוואָרען, וועלכער איז געווען כמעט דער זעלבער, וואָס לואיס ד. בראַנדעיס האָט אונז בייִן ערשטען קאָנפערענץ פאָרגעשלאָגען, מיט דער אויסנאַהמע וואָס וועה־רענד אין דעם אַגרימענט פון בראַנדעיס איז גאָר ניט דער־מאָהנט געוואָרען וועגען פּרייז־קאָמיטעס, האָט מען אונז אין דיזען אַגרימענט צוגעגעבען דעם פּונקט וועגען פּרייז־קאָמיטעס. אויך האָט מען אונז געוואָלט געבען 52 שטונדען א וואָך אר־בייט, וועהרענד אין פריהערדיגען אַגרימענט האָט מען אונז געגעבען 53 שטונדען. די פּרייז־פראַגע פאר וואָכען־הענד זאָ־לען מיר איבערגעבען צו ארביטריישאָן, און די פראַגע פון יוניאָן־לייט און נאָן יוניאָן־לייט זאָל בלייבען ווי בעפאָר, דאָס הייסט אז אויב א יוניאָן־מאַן און א נאָן־יוניאָן מאַן פון די זעלבע פעהיגקייטען וועלען פרעגען פאר א דזשאָב, דאַרף דער באָס געבען דעם יוניאָן־מאַן דעם פאָרצוג, דעם „פּרעפּרענס“

דאָנערשטאַג נאַכט, דעם 23טען אויגוסט, זיינען זיך צו־זאַמענגעקומען אין מאיר לאָנדאָן'ס אָפיס די עקזעקוטיוו באָארד

פון אונזער דזשענעראל סטרייק קאמיטע צו דיסקוטירען איבער דעם מארשאל־אגרימענט. מיר האבען אנגעפרעגט אונזער ליגעל אדווייזער מאיר לאנדאן אויב מיר קענען מאכען וועלכע אמענד־מענטס אדער אויסבעסערונגען צו דיזען אגרימענט, און ער האט אונז ערקלעהרט, אז קיינע ענדערונגען קענען דא ניט גע־מאכט ווערען; ענטוועדער מיר זאלען איהם אננעהמען ווי ער שטעהט און געהט אדער מיר זאלען איהם צוריקווייזען.

דא איז שוין די פראגע געווארען א פערפלאנטערטע. מיר האבען געפיהלט, אז אנצונעהמען אזא אגרימענט און רעקא־מענדירען די סטרייקערס, זיי זאלען עס גוט־הייסען, וועט זיין א שענדליכער פעררא͏טה געגען די סטרייקערס. פון דער צוויי־טער זייט, איהם פאלשטענדיג צוריקצואווייזען אהנע איהם פאר־צולעגען פאר די סטרייקערס, וועט געבען די באסעס א געלע־גענהייט צו טענה'ן, אז אין דער ווירקליכקייט גיבען זיי נאך אלעס, וואס די סטרייקערס פערלאנגען, נאר די ליעדערס זיינען פערזענליך פעראינטערעסירט דעם סטרייק צו פערלענגערען. און אזוי ווי זיי האבען די גאנצע צייט געהאלטען אין שרייבען ארטיקלען אין ארבייטער־פיינדליכע צייטונגען, אז די ליעדערס לעבען א גוטען טאג אויף דעם רעכענונג פון די ארימע סטריי־קערס, — דעריבער קען זיין, אז אויף פיעלע פון די שוואכערע סטרייקערס וועט אזא קלאנג מאכען א ווירקונג, און דער סטרייק וועט דורכדעם ליידען. אין אונזער סטרייק־קאמיטע האבען זיך אויך געפונען א פאאר, וואס האבען געדענקט, אז מען דארף דעם סעטעלמענט אננעהמען, און דאדורך איז די לאגע נאך מעהר פערפלאנטערט געווארען.

די סטרייק־קאמיטע האט דארום בעשלאסען דעם גאנצען אגרימענט איבערצוגעבען צו די סטרייקערס אליין, אז זיי זאלען איהם אדער אננעהמען אדער צוריקווייזען, אהנע וועלכע רע־קאמענדיישאנס פון דער סטרייק־קאמיטע. וועלען עס די סטריי־קערס צוריקווייזען, וועלען די באסעס זיך איבערצייגען, אז ניט די ליעדערס ווילען אויפהאלטען דעם סטרייק נאר די מאסע

סטרייקערס ווייסען אליין וואס זיי ווילען און אז קיין לאיערשע דריידלעך וועלען זיי דעם קאפ ניט פערטומלען.

די סטרייק־קאמיטע האט געמוזט געבען איהר עהרען־ווארט אז זיי וועלען ניט ריידען געגען דעם אגרימענט. דערפאר האט אויך קיינער ניט גערעדט פאר'ן אגרימענט, נאר ער איז איבער־געגעבען געווארען צו די סטרייקערס טרוקען, אהנע קאמענטא־רען און בעמערקונגען, פונקט ווי ער איז געווען געשריעבען.

XXXVI
דער לעצטער סעטעלמענט.

גלייך אויף מארגען, פרייטאג דעם 24טען אויגוסט, זיינען אלע סטרייקער ערזוכט געווארען אנוועזענד צו זיין אין זייערע מיטינג־לאקאלס אויסצוהערען א רעפארט פון דעם סטרייק.

די סטרייק־קאמיטע האט זיך צוטהיילט אין סאב קאמי־טעס און זיינען ארומגעגאנגען איבער אלע לאקאלס פארלעזען דעם טעקסטס פון דעם אגרימענט, וואס די מאנופעקטשורערס האבען אונז צוגעשיקט, איבער וועלכען די מעמבערס דארפען שטימען, צו מען זאל איהם אננעהמען אדער צוריקווייזען.

די סטרייקערס, ניט פערשטעהענדיג גענוי דעם אבזיכט פון דער קאמיטע, זיינען געווען מיט דער מיינונג, אז די סטרייק־קאמיטע רעקאמענדירט זיי דעם סעטעלמענט אנצונעהמען, און דאדורך איז צווישען די סטרייקערס געווארען אן אונארדנונג און אן אונצופריעדענהייט. אין פיעלע לאקאלס האט מען די קאמיטעס איינפאך געוואלט לינטשען, און ווען מען וואלט זיי ניט ארויסגעלאזען דורך די הינטער־טהירען, וואלטען זיי זיכער ניט אבגעשניטען טרוקען. אין איין לאקאל פון סטרייקערס זיי־נען אונזערע קאמיטע־לייט ארויסגעשפרונגען דורך א פענסטער פון צווייטען פלאאר. מיט איינעם ווארט, איבעראל האט מען דעם אגרימענט מיט פעראכטונג צוריקגעוויעזען. דער קאַ־טערס לאקאל איז געווען דער איינציגער, וואס האט געשטימט דעם אגרימענט אנצונעהמען.

די אויפרעגונג איז געווארען נאך גרעסער, ווען א געוויסע

ענגלישע נאָכמיטאָג־צייטונג איז אַרויס מיט אַן עקסטראַ, אַז דער קלאָוקמאַכער סטרייק איז געסעטעלט געוואָרען אויף אָפּען שאַפּ. דאָרטען, אין יענער צייטונג, איז אויך געווען אַ סטייט־מענט פון אַלעקסאַנדער בלאָק, דעם געוועזענעם טשערמאַן פון דער סעטעלמענט קאָמיטע, אַז דער סטרייק איז געסעטעלט געוואָרען און אַז די סטרייק קאָמיטע בעטראַכט דעם סעטעל־מענט אַלס אַ זיעג. גלייך ווי די צייטונג איז אַרויס מיט דיעזען סטייטמענט, זיינען די מאַנופעקטשורערס, וואָס האָבען שוין געהאַט געסעטעלט מיט דער יוניאָן, אַריין אין זייערע שעפּער און האָבען אויסגערופען צו זייערע אַרבייטער, אַז פון יעצט אָן איז אויס שאַפּ דעלעגאַטען, אויס פּרייז־קאָמיטעס און זייערע שעפּער וועלען פון יעצט אָן זיין אָפּען שאַפּס.

שנעל ווי אַ בליץ איז די נייעס צוטראָגען געוואָרען איבער'ן גאַנצען שטאָדט און אַלע, וואָס האָבען שוין געאַרבייט אין גע־סעטעלטע שעפּער, האָבען גלייך פערלאָזען זייער אַרבייט און האָבען בעלאַגערט אונזערע אָפּיסעס אויסצוגעפינען אויב מען האָט ווירקליך געמאַכט אַזאַ שענדליכען סעטעלמענט, ווייל זיי, אַרבייטענדיג בלויז אַכט שטונדען אַ טאָג, קריגענדיג אַנשטענ־דיגע ווייזשעס און אונטער סטריקטלי יוניאָן קאָנדיציאָנען, וואָלטען זעהר פיעל פערלאָרען דורך דעם סעטעלמענט צו אַר־בייטען געוויע 9 שטונדען אַ טאָג אָדער 52 שטונדען אַ וואָך און אין אָפּען שאַפּס, ווייל עס איז מיט די אינדעפּענדענט מאַנופעקטשורערס אָבגעמאַכט געוואָרען, אַז אויב די יוניאָן וועט דער מאַנופעקטשורערס אַסס'ן געבען בעסערע קאָנדיציאָנען, זאָלען זיי, די אינדעפּענדענט מאַנופעקטשורערס, אויך דערצי זיין בערעכטיגט. די אַרבייטער פון די געסעטעלטע שעפּער האָבען ניט געוואָלט אָבגעבען דאָס, וואָס זיי האָבען שוין געהאַט, און דער טומעל איז געווען אַ שרעקליכער.

די דזשענעראַל פּיקעט קאָמיטע, וועלכע האָט זיך בע־טראַכט אַלס דער וויכטיגסטער פאַקטאָר אין סטרייק, האָט פון זיך אויסגעקליבען אַ קאָמיטע פון 50, זיי זאָלען אויפזוכען די ליעדערס און פון זיי פערלאַנגען דין וחשבון. אין אָפּיס פון

דער דזשאָינט באָארד האָבען זיי גראַדע געטראָפען ברודער פּאָליאַקאָף, איינעם פון די סטרייק ליידערס, און מיט רעוואָל־ווערען און בלעקדזשעקס אין די הענד האָבען זיי פון איהם פערלאַנגט ער זאָל צוזאַמען מיט זיי מאַרטשען נאָך זייערע העדקוואָדערס אויף דער פיערטער סטריט און דאָרטען אָלע פּיקעטס געבען אינפאָרמיישאַן, אויב אַזאַ שענדליכער סעטעל־מענט איז געמאַכט געוואָרען. עס האָט זיך געפאָדערט אַ סך מוטה און ארבייט אַזאַ אויפגערעגטע חברה צו בערוהיגען און זיי פריהער אַוועקצושיקען אין זייערע העדקוואָדערס און פּאָ־ליאַקאָף זאָל נאָכדעם אַליין קומען.

ווען מיר האָבען בלאָק'ען געפרעגט ווי איהם פּאַלט אויס צו מאַכען אַזאַ סטייטמענט אין דער צייטונג, האָט ער ערקלעהרט, אַז אַזוי ווי די מאַנופעקטשורערס קענען נאָך ארויסגעהן מיט אַ סטייטמענט, אַז זיי האָבען געוואונען, דערפאַר איז גלייכער, אַז מיר זאָלען פריהער ארויסגעהן מיט אַ סטייטמענט, אַז מיר בעטראַכטען דעם סעטעלמענט אַלס אַ זיעג, ווייל ער איז כמעט זיכער געווען, אַז דער אַגרימענט וועט פון די סטרייקערס אָנ־גענומען ווערען.

יעדענפאַלס האָט עס אונז אַ סך טראָבעל פערשאַפט און וויפיעל מיר האָבען זיי ניט פערזיכערט, אַז קיין סעטעלמענט איז נאָך ניט געמאַכט געוואָרען, האָט אַלץ ניט געהאָלפען, ווייל מינדליך האָט מען די גאַנצע מאַסע ניט געקענט גרייכען.

וויסענדיג, אַז שלעזינגער איז אויך איינער פון די סטרייק־פיהרער, איז די גאַנצע מאַסע אַוועק צום „פאָרווערטס" אָפיס, פערלאַנגענדיג זיי זאָלען ארויסגעבען אַן עקסטרא צייטונג און ערקלעהרען וואָס דאָ קומט פאָר. צעהנדליגע טויזענדע ארביי־טער האָבען זיך פערזאַמעלט ארום דעם „פאָרווערטס" אָפיס און האָבען געוואַרט פאַר עפּעס נייעס.

די ברידער שלעזינגער, דייטש, פּאָליאַקאָף, ראָזענבערג און נאָך אַנדערע האָבען דורך דער ווינדאָו פון צווייטען פלאָאָר פון „פאָרווערטס" אָפיס אַדרעסירט די גרויסע מאַסע און זיי

הייליג ערקלעהרט, אז קיין סעטעלמענט איז נאָך ניט געמאַכט געוואָרען און עס וועט קיינמאָל ניט געמאַכט ווערען.

ערשט דאַן האָבען זיי אָנגעפאַנגען זיך צו בערוהיגען און די מאַסען האָבען זיך אָנגעפאַנגען פאַנאַנדערצוגעהן.

אין מיטען דער גאַנצער סומאַטאָכע איז די „וואָרהייט" אַרויס מיט אַן עקסטראַ, אין וועלכער זי האָט זעהר שטאַרק געלויבט דעם אַגרימענט, וואָס לואיס מאַרשאַל האָט אויסגע־אַרבייט און זי ראַטה די סטרייקערס ניט צו לאָזען זיך פערפיהרען פון היץ־קעפּ און אָנצונעהמען דיעזען סעטעלמענט.

דיעזער צייטונגס־אַרטיקעל האָט געווירקט אויף די סטרייקער ווי אויל אויפ'ן פייער. עס האָט ניט גענומען קיין מינוט ווי די גאַנצע אויפגערעגטע מאַסע האָט זיך אַ לאָז געטהאָן צום אָפּיס פון דער „וואָרהייט" און אויסגעשלאָגען די פענסטער פון דער רעדאַקציע. „יעצט האָבען מיר געמאַכט אָפּען שאָפּ אין דער „וואָרהייט", — האָבען אַלע אַנטהייל־נעהמער געשריען.

עס האָט גענומען ביז 2 אוהר פאַרטאָג ביז וואַנען די גרויסע מאַסע האָט פערלאָזען דעם סקווער געגענאיבער דעם אָפּיס פון „פאָרווערטס".

אויף מאָרגען, שבת אין דער פריה, האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אַ פּאָאָר הונדערט סטרייקער מיט פלעגס און טראַנספּאַראַנטען, וואָס זיי האָבען ביינאַכט זיך אָנגעגרייט, מיט פערשיעדענע אויפשריפטען, וועלכע האָבען געלויטעט: „ניעדער מיט אָפּען שאָפּ!" „מיר וועלען קיינמאָל ניט צוריקגעהן אַרבייטען אונטער אַזאַ שענדליכען סעטעלמענט" און נאָך עהנליכע אַזעלכע אויפשריפטען.

דיעזע סטרייקער האָבען צוזאַמענגעקליבען אַלע סטרייקערס פון די פערשיעדענע מיטינג־לאָקאַלען, וואו זיי האָבען זיך אויפגעהאַלטען, און פון מינוט צו מינוט איז זייער אַרמעע געוואַקסען, און ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין דער צעהנטער סטריט לעבען אָפּיס פון דער דזשאָינט באָאַרד, איז שוין די צאָהל דעמאָנסטראַנטען בעשטאַנען פון אַ צוואַנציג טויזענד. אין דער עלפטער סטריט, וואו די קאַטערס האָבען געמיטעט,

האָבען זיי אייניגע מאָל פאַרביימאַרשירט און האָבען די קאַ־טערס געצוואונגען מיט זיי מיטצוגעהן.

אָהן ליעדערס און אָהן מוזיק האָבען זיי מאַרשירט אין געשלאָסענע רייהען אין דער בעסטער אָרדנונג. אויף זייערע געזיכטער האָט מען געקענט לעזען מוט און ענטשלאָסענהייט אָנצופיהרען דעם סטרייק ביז צו א פאָלשטענדיגען זיעג. הונ־דערטע פון זיי האָבען געטראָגען אויפשריפטען, אז זיי פאַר־פליכטען זיך ווייטער צו שטעהן אין קאמף, ביז א זיעגרייכען ענד. דאָס זיי ווילען דעם קאמף בשום אופן ניט אויפגעבען, ביז ער וועט פאָלשטענדיג געוואונען ווערען.

די גאנצע מאסע מאַרשירענדע סטרייקערס האָבען אויס־געזעהן מעהר ווי אן ארמיי רעוואָלוציאָנערען, וועלכע זיינען שוין א לאנגע צייט אין שלאכט. טראָץ דעם וואָס פיעלע פון זיי זיינען געגאנגען אָפּגעריסענע, כמעט באָרוועסע, אָהן שיך, האָט מען דאָך אויף זיי ניט געקענט דערקענען דעם מינ־דעסטען צייכען פון פארצווייפלונג און מידקייט. די סטריי־קערס האָבען אזוי דורכמאַרשירט דעם גאנצען קלאָוק־דיסטריקט און די הויפט געשעפט־גאסען ווי אויך ארום די אָפיסעס פון אלע ענגלישע צייטונגען, און ארום פינף אוהר פארנאכט האָט זיך די דעמאָנסטראַציע אויפגעלעזט.

די פּאָליציי האָט אפילו אייניגע מאָל פּרובירט דעם מאַרש־רוט אָפּצוברעכען, נאָר עס איז ניט געלונגען. ווען מען האָט זיי דורך איין גאס ניט געלאָזען דורכגעהן, זיינען זיי ארויסגע־קומען דורך אן אנדער גאס.

אלע צייטונגען זיינען ארוים מיט עקסטראַס וועגען דער מערקווירדיגער דעמאָנסטראַציע, באשרייבענדיג די אָרדנונג וואָס האָט געהערשט און די ענטשלאָסענהייט פון די סטריי־קערס. זיי האָבען אויפגעפאָדערט די מאַנופעקטשורערס אָפּ־צושטעלען דעם סטרייק, ווייל דאָ, האָבען זיי ערקלערט, איז ניט קיין סטרייק אויפגעבלאָזען פון פאַרפיהרערישע ליעדערס, זאָנ־דערן די מאסען פיהרען אליין דעם סטרייק און זיי ווייסען וואָס זיי ווילען.

מעהר ווי דאָס האָבען מיר ניט געוואָלט. די טענה פון די באָסעס, אז די ארבייטער ווילען גאָר ניט סטרייקען, נאָר די ליעדערס פערדרעהען זיי די קעפּ, איז צושוואומען געוואָרען ווי א זייפען־בלאָז.

מאָנטאג פריה, נאָך דער היסטאָרישער שבת'דיגער דע־מאָנסטראַציע, האָבען די באָסעס ערוואַרטעט, אז די קאַטערס וועלען זיך אומקעהרען צוריק צו דער ארבייט, ווייל זיי האָבען דאָך פרייטאָג געשטימט אָנצונעהמען דעם סעטעלמענט. נאָר נאָכדעם ווי די קאַטערס האָבען זיך דערוואוסט, אז די קלאָוק און סקוירט מאַכערס האָבען צוריקגעוויעזען דעם אגרימענט און נאָכדעם ווי זיי האָבען געזעהן די געוואַלדיג גרויסע פּראָ־טעסט־דעמאָנסטראַציע, האָבען זיי געהאַנדעלט ווי גוטע יוניאָן־לייטע און קיינער פון זיי איז ניט געגאַנגען צו דער ארבייט.

די מאַנופעקטשורערס האָבען שוין דאַן ריכטיג איינגע־זעהן, אז קיין פּערפיהרערישע ריידעלעך וועלען דאָ ניט העלפען און זיי האָבען אָנגעפאַנגען ריידען מיט א גאַנץ אַנדער שפּראַך. דער טאָן פון קריעג און בעזיעגען די ארבייטער האָט מען שוין פון די מאַנופעקטשורערס ניט מעהר געהערט און אָנשטאָט דעם האָבען זיי שוין אָנגעהויבען ריידען ביזנעס.

די לאָיערס פון ביידע זייטען זיינען זיך ווידער צוזאַ־מענגעקומען מיט לאָיער לואיס מארשאַל, וועלכער איז געווען דער פערטרעטער פון דזשייקאָב שיף, און האָבען אויסגעאַרבייט א נייעם אגרימענט, וועלכער איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען צו בעטראַכטען.

די עקזעקוטיוו באָארד פון דער סטרייק קאָמיטע איז זיך צוזאַמענגעקומען דאָנערשטאג נאַכט, דעם 1טען סעפּטעמבער, אין מאיר לאָנדאָן'ס אָפיס צו בעטראַכטען דעם אגרימענט, און ווען עס איז זיי ערקלעהרט געוואָרען, דאָס זיי האָבען א רעכט צו מאַכען פערשיעדענע ענדערונגען און עס איבערגעבען צו די מאַנופעקטשורערס פאַר ווייטערער דיסקוסיאָן, האָט דאָס קאָמיטע זיך גענומען צו דער ארבייט, דורכגעטאָפּט יעדען איינ־ציגען פּונקט זעהר פּאָרזיכטיג און נאָכדעם ווי מיר האָבען גע־

מאכט איינינע ענדערונגען, האָבען מיר עס איבערגעשיקט צו די מאנופעקטשורער.

פרייטאָג, דעם 2טען סעפּטעמבער, האָט אונזער לאָיער געלאָזט אונז וויסען, אז די מאנופעקטשורער זיינען גרייט אָנצונעמען דעם אגרימענט מיט אונזערע אויסבעסערונגען, און דאָס זיי פארלאנגען מיר זאָלען זיי לאָזען וויסען אונזער ענטפער, ניט שפּעטער ווי ביז 6 אוהר פארנאכט, טאקע דעמזעלבען טאָג.

אונזערע סטרייקער האָבען קיין אהנונג ניט געהאט, דאָס אזא סעטעלמענט ווערט פארהאנדעלט. אלעמען צו לאָזען וויסען וועגען דעם, איז פאר אונז געווען אונמעגליך אין אזא קורצער צייט, און ווען מיר וואָלטען אליין אונטערשריבען דעם סעטעלמענט אָהן זייער וויסען ,קאָן זיין, אז די מאסע, אונטערשטיצט פון דעם ערב־רב, וואָלט ארויס מיט א געשריי פון „פארראט“, און די גאנצע געשיכטע וואָלט צוזאמענגעבראָכען. מיר זיינען דארום געקומען צום שלוס, אז ווען די שאפּטשערלייט, וועלכע זיינען באטראכט געוואָרען אלס די אונאָפיציעלע ליעדערס, וועלען מיט אזא סעטעלמענט איינפארשטאנען זיין, וועלען זיי מיט אונז צוזאמען אימשטאנד זיין צו באוועגען די מאסען דעם סעטעלמענט אָנצונעמען.

ארום צוויי הונדערט טשערלייט זיינען צוזאמענגערופען געוואָרען צו א מיטינג. די סטרייק קאָמיטע האָט פאר זיי פאָרגעלעגט דעם אגרימענט, געגעבען זיי פארשידענע אינפאָרמאַציאָנען איבער פראגען, וואָס זיינען פאר זיי ניט גאנץ קלאָר געווען, און דיסקוטירענדיג א פאָר שטונדען, האָבען זיי ענדליך באפאָלמעכטיגט די סטרייק קאָמיטע דעם אגרימענט אונטערצושרייבען. און פונקט 6 אוהר — צו דער מינוט — פרייטאָג, דעם 2טען סעפּטעמבער, 1910, איז דער פאָלגענדער אגרימענט אונטערגעשריבען געוואָרען צווישען דער קלאָוק און סקוירט מייקערס יוניאָן און דער מאנופעקטשורערס אסאָסיאיישאָן:

1. „די מאנופעקטשורערס פארפליכטען זיך ביז דעם 31טען דעצעמבער, 1910, אריינצושטעלען אין זייערע שעפּער מאַשינען, וועלכע זאָלען געטריבען ווערען דורך עלעקטרישע קראַפט און קיין

אַרבייטער זאָל ניט דאַרפען צאָהלען פאַר נוצען די מאַשינען, אָדער פאַר דער עלעקטרישער קראַפט.

2. „קיין אַרבייטער זאָל ניט דאַרפען צאָהלען פאַר טיילען פון אַ גאַרמענט, וואָס ווערט פאַרלאָרען אָדער „געדעמעדזשט", אויסער ווען עס ווערט איבערצייגט ווערען, אַז דער אַרבייטער האָט עס אבזיכטליך פאַרדאָרבען.

3. „די מאַנופעקטשורערס זאָלען ניט פאַרלאַנגען פון די אַרבייטער מעהר ווי איין דאָלאַר אַלס „דעפאָזיטס" פאַר טיילען פון מאַשינען, ווי „שאַטעלס", „באָבענס", פיסלאַך און אַנדערע קליינינקייטען. און ווען אַ נייער אַרבייטער ווערט אַרויפגענומען, וואָס האָט ניט דעם נויטיגען דאָלאַר, זאָל די פירמע וואַרטען ביז ער קריגט די ערשטע פיי.

4. „קיין מאַנופעקטשורער זאָל ניט אַרויסגעבען קיין אַרבייט צו שניידער אויף צו פיגישען אין דער היים. אַלעס מוז געמאַכט ווערען אין שאַפּ.

5. „קיין מאַנופעקטשורער זאָל ווייטער ניט מאַכען מיט זיינע אַרבייטער קיינע איינצעלנע — אינדיווידועלע — אַגרימענטס, אויסער מיט דעזיינערס, פאָרלייטע און פעטערען־גריידערס.

6. „די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן זאָל דיסציפּלינירען יעדען איינעם פון איהרע מיטגלידער פאַר דיסקרימינירען געגען זיינע אַרבייטער.

7. „די אַרבייטער זאָלען ניט געצוואונגען ווערען צו אַרבייטען אין קיינע פון די צעהן געזעצליכע יום טובים, וועלכע זיינען עטאַבלירט געוואָרען פון די סטייט געזעצע. אַלע וואָכען־אַרבייטער דאַרפען פאַר דיזע געזעצליכע יום טובים קריגען באַצאָהלט. אויך דאַרף ניט געאַרבייט ווערען מעהר ווי זעקס טעג אַ וואָך. די וואָס אַרבייטען ניט שבת מעגען אַרבייטען זונטאָג.

8. „די מאַנופעקטשורערס מוזען האָבען אַ באַשטימטען טאָג אין דער וואָך צו צאָהלען ווייזשעס. עס מוז אויך געצאָהלט ווערען אין קעש, ניט מיט קיין טשעקס. יעדער שטיק־אַרבייטער מוז קריגען באַצאָהלט פאַר אַלע אַרבייט, וואָס ער האָט אויסגעפערטיגט און וואָס איז עקזאַמינירט געוואָרען.

9. „אַלע אינסייד קאָנטראַקטאָרס ביי פרעסערס, פינישערס און אפּערייטאָרס מוזען אָפּגעשאַפט ווערען און אַלע אַרבייטער וואָס אַרבייטען אין שאַפּ מוזען באַשעפטיגט ווערען דירעקט פון דער פירמע.

10. די פאָלגענדע פרייזען זאָלען געצאָלט ווערען אלס מינימום פרייז צו די וואָך־ארבייטער: מאשין און „נייף־קאטערס“, 25 דאָלאר אַ וואָך; קענוועס קאַטערס, 12 דאָל. אַ וואָך; סקוירט קאַטערס, 21 דאָל. אַ וואָך; דזשעקעט פרעסערס, 21 דאָלאר אַ וואָך; אונטערפרעסערס, 18 דאָלאר אַ וואָך; סקוירט פרעסערס, 19 דאָלאר אַ וואָך; סקוירט אונטערפרעסערס, 15 דאָלאר אַ וואָך; ריפער פרעסערס, 18 דאָלאר אַ וואָך און אונטערפרעסערס, 14 דאָלאר אַ וואָך; סעמפעל שניידער, 21 דאָלאר אַ וואָך; סקוירט בייסטערינס, 14 דאָלאר אַ וואָך און סקוירט פינישערס 10 דאָלאר אַ וואָך. באַטאָנהאָל מייקערס: פאַר קלאַס „איי“, געפינישטע לעכער, — אַ דאָלאר מיט צוואַנציג סענט אַ הונדערט; קלאַס „בי“, — 80 סענט אַ הונדערט. פרייזען פאַר די שטיק אַרבייטער מוזען געמאַכט ווערען פון אַ קאָמיטע פון די אַרבייטער פון שאַפּ, צוזאַמען מיט זייער שאַפּטשערמאַן.

11. „די אַרבייטסשטונדען זאָלען זיין ניט מעהר ווי 50 שטונדען אַ וואָך, איינגעטיילט אויף דעם פאָלגענדען אופן: די ערשטע פינף טעג פון וואָך זאָל געארבייט ווערען פון 8 אוהר מאָרגענס ביז 6 אוהר אָווענדס און יעדער זאָל באַקומען אַ שטונדע פאַר מיטאָג. שבת אָדער זונטאָג זאָל געארבייט ווערען פון 8 אוהר מאָרגענס ביז 1 אוהר מיטאָג צייט.

12. „קיין אָווערטיים זאָל ניט געאַרבייט ווערען שבת אָדער זונטאָג נאָך 1 אוהר. אין מיטען וואָך טאָר ניט געאַרבייט ווערען מעהר ווי צוויי און אַ האַלב שטונדען אין איין טאָג. עס טאָר אָבער קיין אָווערטיים ניט געאַרבייט ווערען בעפאָר 8 אוהר אין דער פריה, אָדער האַלב נאָך אַכט אין אָווענד.

13. „אַלע וואָך־אַרבייטער דאַרפען קריגען פאַר אָווערטיים אַרבייט דאָבעל באַצאָהלט.

14. „פון דעם פופצעהנטען נאָוועמבער ביז דעם פופצעהנטען יאַנואַר, ווי אויך אין די מאָנאַטען דזשון און דזשולייַ, דאַרף קיין

אָווערטיים ניט געאַרבייט ווערען פון קיינעם אויסער סעמפּעל שניידער.

15. „יעדער מעמבער פון דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן פאַרפליכטעט זיך אויפצוהאַלטען אַ יוניאָן־שאַפּ. אונטער אַ יוניאָן־שאַפּ ווערט פאַרשטאַנען אַזאַ שאַפּ, וואו מען צאָהלט די באַשטימטע יוניאָן־סקיילס, און וואו אַנדערע יוניאָן־קאָנדיציאָנען עקזיסטירען אין באַצוג צו אַרבייטסשטונדען און די אַנדערע פונקטען וואָס דיזער פּראָטאָקאָל־אַגרימענט שרייבט פאָר. אויך ווען ארבייטער דארפען אַרויפגענומען ווערען צו דער אַרבייט, זאָלען אימער יוניאָן־לייט באַקומען דעם פּאָרצוג, אַזוי לאַנג ווי יוניאָן לייט זייגען פאַראַן צו קריגען, אַזוי ווי עס איז אַנערקענט, אַז עס זיינען דאָ פאַרשידענע סאָרטען בעלי מלאכות, אַן אַרבייטער וואָס איז גוט אין איין פּלאַץ קאָן אַמאָל ניט טויגען אין אַ צווייטען פּלאַץ, דערפאַר זאָלען די מאַנופעקטשורערס האָבען דאָס רעכט אויסצוקלייבען זייערע אַרבייטער פון וועלכע יוניאָן־לייט זיי ווילען און זיי זאָלען ניט געצוואונגען זיין צו נעמען אַרבייטער נאָך אַ „נעקסט“־ליסט.

„עס ווערט אויך פאַרשטאַנען, דאָס אַלע וואָס ארבייטען יעצט אין די שעפּער אויף קאָנטראַקטען, זאָלען ניט דאַרפען אַרונטערגעשיקט ווערען, ביז זייערע קאָנטראַקטען וועלען זיך ענדיגען. די מאַנופעקטשורערס ערקלערען אָבער, אַז זיי גלויבען, דאָס אַלע אַרבייטער וואָס געניסען די בענעפיטס פון דער יוניאָן דארפען צו איהר באַלאַנגען און בײשטײערען פאר איהרע אויסגאַבען. די מאַנופעקטשורערס פאַרשפּרעכען אויך צו געברויכען זייער איינפלוס, אַז אַלע זייערע אַרבייטער זאָלען באַלאַנגען צו דער יוניאָן.

16. „די יוניאָן און די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן זאָלען געמיינשאַפטליך גרינדען אַ באָארד, אויפצופּאַסען, אַז די שעפּער זאָלען זיין ריינע, לופטיגע און אין אַ גוטען צושטאַנד. דיזער באָארד זאָל באַשטעהן פון צוויי פון אונזער יוניאָן, צוויי פון דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן און דריי, וועלכע זאָלען פאַרטרעטען דעם אַלגעמיינעם פּובליקום.

17. „עס זאָל געגרינדעט ווערען אַ באָרד אָוו אַרביטריישאָן

פון דריי פערזאָן. איינער זאָל פאַרטרעטן די יוניאָן, איינער די מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן און דיזע צוויי זאָלען זיך איינינען אויף אַ דריטען. און אַלע צוויסטיגקייטען, וועלכע קאָנען ניט גע־שליכטעט ווערען צווישען דער יוניאָן מיט די מאַנופעקטשורערס, זאָל צו דיזען באָארד איבערגעגעבען ווערען צו ענטשיידען און זיין ענטשיידונג מוז זיין בינדענד פאַר ביידע צדדים.

18. „ווען עס געהט אָן וועלכע צוויסטיגקייט צווישען דער יוניאָן מיט דער מאַנופעקטשורערס אַסאָסיאיישאָן דאַרף קיין סטרייק אָדער לאָקאוט ניט געמאַכט ווערען, ביז וואַנען די אַנגעלעגענהייט איז פריהער ניט איבערגעגעבען געוואָרען צו דעם אַרביטריישאָן באָארד.

19. „עס זאָל געגרינדעט ווערען אַ „באָארד אָוו גריוועווענסעס“, וואָס זאָל באַשטעהן פון פינף פון יעדען צד, און צו דיזער גריוועוענס קאָמיטע זאָל איבערגעגעבען ווערען אַלע קלענערע אַנגעלעגענהייטען, אָדער צוויסטיגקייטען צווישען אונזערע מיטגלידער און זייערע באָ־סעס צום שליכטען. און אויב דיזע קאָמיטע קאָן זיך ניט איינינ־גען, זאָל עס דאַן איבערגעהן צו דעם אַרביטריישאָן באָארד.“

דאָס איז געווען דער סך הכל פונ׳ם סעטעלמענט.

גלייך ווי עס איז באוווסט געוואָרען וועגען דעם סעטעל־מענט, האָבען צעהנדליגע טויזענדע ארבייטער, קלאָוקמאכער און אנדערע ארבייטער, אָנגעפילט די גאסען און אלע האָבען זיך געצויגען צום סקווער, אנטקעגען די „פאָרווערטס“ בילדינג אויף איסט בראָדוויי. דאָרטען זיינען זיי זיכער געווען צו קריגען די ריכטיגע נייעס. ארום 7 אוהר אָוועגדס איז דער גאנצער סקווער מיט׳ן פארק אנטקעגען, און אלע ארומיגע גא־סען באלאגערט געווען מיט מענשען. די איטאליענישע סטריי־קער, וואָס האָבען דאן אָפגעהאלטען א מיטינג אין א האָל אויף ארטשארד סטריט, האָבען געכאפּט איינינע פון די סטרייק־פיהרער און האָבען זיי אויף די פלייצעס געטראָגען איבער די גאסען צום אָפיס פון „פאָרווערטס“. איינער פון די איטאל־יענישע סטרייקער האָט אויפגעשריבען אן איטאליענישען „ספּיטש“ מיט געדרוקטע בוכשטאבען און די איטליענער האָ־

בען געצוואונגען איינעם פון אונזערע סטרייקפיהרער צו אדרע־סירען זיי אין איטאליעניש.

די גאנצע שטאָדט איז יענע נאכט אויף די פיס געווען. אזא סצענע איז גאָר אונמעגליך צו באשרייבען! קיינער קאָן זיך גאָר דערפון קיין באגריף ניט מאכען, סיידען מען האָט עס אליין בייגעוואוינט. וואו מען איז געגאנגען האָט מען באגע־געגנט מענער און פרויען, אלטע און יונגע, זיך קושענדיג און גראטולירענדיג איינער דעם צווייטען מיט'ן זיעג. עס איז שוין גוט ליכטיג געווען שבת אין דער פריה, ווען די גאסען זיינען ליידיג געוואָרען פון דער גרויסער מאסע מענשען.

די ניו יאָרקער פּאָליציי האָט געשאצט, אז וויינינגסטענס א מיליאָן מענשען זיינען יענע נאכט געווען אויף די גאסען.

אויף צומאָרגענס, שבת דעם 3טען סעפּטעמבער, נאָכמי־טאָג, זיינען ארומגעפאָהרען גרויסע וועגענער מיט פאָהנען און בענדם מוזיק, פול אָנגעפּאקט מיט קלאָוקמאכער, אָנזאָגענדיג אלעמען אָפיציעל, אז דער סטרייק איז געסעטעלט געוואָרען.

דעמזעלבען טאָג נאָכמיטאָג האָט די גאנצע סטרייק קאָ־מיטע אָפּגעהאלטען א מיטינג און האָט ערקלערט דעם סטרייק פאר אָפיציעל געענדיגט, אָבוואָהל ניט אָפיציעל האָט נאָך דער סטרייק אין מאנכע שעפּער אָנגעהאלטען ארום צוויי וואָכען, ווייל די שטיק ארבייטער האָבען נאָך באדארפט סעטלען די פרייזען פאר שטיק־ארבייט און אין פיעלע שעפּער איז עס צו־געגאנגען גאנץ שווערליך.

דער גאנצער סטרייק איז געענדיגט געוואָרען דעם 17טען סעפּטעמבער און מאָנטאָג, דעם 19טען סעפּטעמבער, האָבען שוין אלע קלאָוק און סקוירט מאכער אין ניו יאָרק געארבייט אין די שעפּער אונטער יוניאָן באדינגונגען.

* * *

און אזוי איז געקומען דער שלום אקט צו די אלע האנד־לונגען און וואנדלונגען פון די קלאָוקמאכער און זייערע יוניאָנס אין די אלע פריהערדיגע יאָהרען. דער גרויסער סטרייק אין יאָהר 1910 איז, קאָן מען זאָגען, געווען די לעצטע אָנשטרענ־

גונג פון די קלאָוקמאכער אין ניו יאָרק. עס איז זיי שוין דע־מאָלט מיאוס ומאוס געוואָרען צו שפּיעלען זיך אין יוניאָנס, נאָך די פיעלע ערפאהרונגען, וואָס זיינען אין די פריהערדיגע יאָהרען געמאכט געוואָרען, ווי עס ווערט אָנגעוויזען אין די ערשטע קאפּיטלען פון דעם בוך, און זיי האָבען פעסט באַשלאָסען צו האָבען א שטארקע און שטענדיגע יוניאָן אונטער אלע אומשטענדען.

די גרויסע, מעכטיגע קלאָוק, סקוירט און ריפער מאכער יוניאָן, מיט איהרע אלע לאָקאלס, איז אויסגעוואקסען אויף די רואינען פון די ערשטע קלאָוקמאכער יוניאָנס, וועלכע זיינען פון צייט צו צייט ענטשטאנען און פארגאנגען. דער גע־נעראל סטרייק אין 1910 איז אייגענטליך געווען מעהר ווי א סטרייק, — דאָס איז געווען אן אמת'ער אויפשטאנד, א רע־וואָלוציאָן פון די קלאָוקמאכער געגען דעם סקעבישען צו־שטאנד, אין וועלכען דער טרייד האָט זיך דעמאָלט געפונען. אין יענעם היסטאָרישען מאָמענט ווען דער סטרייק איז געווּר־פען געוואָרען, האָט געשלאָגען די לעצטע שטונדע פאר יענעם סקעביזם אין די קלאָוק שעפּער! אין יענעם מאָמענט איז אויפגעגאנגען פאר די קלאָומאכער די ליכטיגע זון פון אייניגקייט, — שוין קיינמאָל מעהר ניט אונטערצוגעהן! עס איז ענדליך אויפגעגאנגען די זון פון אייניגקייט, אויף אייביג ווייטער צו שיינען און באלייכטען אונזער וועג, אזוי לאנג ווי עס וועט עקזיסטירען די איצטיגע געזעלשאפט און די אר־בייטער וועלען זיך נויטיגען אין אן אָרגאניזאציאָן, צו באשי־צען זייערע אינטערעסען.

ענדע.